STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10050

BIROBIDZSHAN FUN DER NOENT

Esther Rosenthal-Shnaiderman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן

ביראָבידזשאַן פון דער נאָענט

אַרויסגעגעבן דורכן ליטעראַטור־פאָנד
א״נ פון ד״ר שמואל און רבקה הורוויץ
בײַ דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

בהוצאת הקרן ע״ש ד״ר שמואל ורבקה הורביץ
האגודה לתרבות יידיש, ירושלים

*

Published by the
Dr. SAMUEL and RIVKA HURVICH LITERATURE FUND
YIDDISH CULTURE ASSOCIATION, JERUSALEM

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן

ביראָבידזשאַן
פון דער נאָענט

זכרונות ✶ געשעענישן ✶ פערזענלעכקייטן

ה. לייוויק - פאַרלאַג
בײַם פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

Esther Rosenthal-Shneiderman
BIROBIDSHAN FUN DER NOENT

H. Leivik Publishing House
30 Dov Hoz Str., Tel-Aviv, 63416, Israel

ה. לייוויק־פארלאַג, תל־אָביב, 63416, רח׳ דב הוז 30

כל הזכויות שמורות

©

Printed in Israel 1983
נדפס בישראל, תשמ״ד

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

*

דאָס איז דאָס נײַנטע בוך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער סובווענץ פֿונעם ליטעראַטור־פֿאָנד א״נ פֿון ד״ר שמואל און רבֿקה הורוויץ ז״ל בײַ דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט אין ירושלים.

לויטן באַשלוס פֿון דער זשורי, אויסגעקליבן דורך דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם ליטעראַטור־פֿאָנד, זענען אין יאָר 1983 צוגעטיילט געוואָרן סובווענצן צוויי שרײַבערס: רחל בוימוואַל — פֿאַרן כּתבֿ־יד פֿון לידערבוך „אַליין דאָס לעבן" און אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן — פֿאַרן בוך זכרונות „בירעבידזשאַן פֿון דער נאָענט".

סובווענצן ווערן צוגעטיילט יעדעס יאָר איינעם אָדער צוויי שרײַבערס.

דער ליטעראַטור־פֿאָנד איז עטאַבלירט צום אָנדענק פֿונעם געוועזענעם פֿאָרזיצער פֿון דער ייִדישער קולטור־געזעלשאַפֿט אין ירושלים, ד״ר שמואל הורוויץ און זײַן פֿרוי רבֿקה, כּדי צו העלפֿן ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל אַרויסצוגעבן זייערע ווערק.

דער ליטעראַטור־פֿאָנד איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פֿון יחידים און קערפּערשאַפֿטן אין קאַנאַדע און ישׂראל, וווּ שמואל און רבֿקה הורוויץ האָבן געשפּילט אַן אָנפֿירנדיקע ראָלע אינעם ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן.

אַן אָנערקענונג קומט דעם הסתּדרות־קאַמפּיין אין טאָראָנטאָ (קאַנאַדע), דעם פֿאַראייניקטן ישׂראל־אַפּיל פֿון קאַנאַדע און דעם „קרן־געסטעטנער" בײַ דער סוכנות אין ירושלים — פֿאַר זייער אָנטייל אין דעם ליטעראַטור־פֿאָנד.

בײַשטײַערנדיק אַרויסצוגעבן דאָס בוך פֿון א. ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן זענען דערהאַלטן געוואָרן פֿון פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל, קרן תּל־אבֿיבֿ לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ, אליעזר פּינעס־פֿאָנד פֿאַר קולטור און ליטעראַטור.

ביז איצט זענען דערשינען מיט דער סובווענץ פֿון הורוויץ־פֿאָנד די ביכער:

אין 1977 — „בלוט און וואָפֿן", דערציילונגען פֿון מאיר יעלין,

אין 1978 — „דער פּערציקיעריקער מאַן", פּאָעמע פֿון פּרץ מאַרקיש,

אין 1979 — „שפּאַצירן אין דער נאַכט", לידער פֿון דוד ספֿאַרד,

אין 1980 — „שמעטערלינגען שוועבן", דערציילונגען פֿון קלמן סעגאַל,

אין 1981 — „מײַן וועג אַהיים", מעמואַרן פֿון אַהרון ראַזין,

אין 1982 — „דער חובֿ פֿון זכּרון", מעמואַרן פֿון חיים זיידמאַן,

אין 1982 — „גרינער ווינטער", „מאַרקולעשטי", לידער און פּאָעמע פֿון מאיר חרץ.

ייִדישע קולטור־געזעלשאַפֿט אין ירושלים

אַ האַרציקן דאַנק מײַן טײַערן פֿרײַנד

ל י ב ע ר ב ר ע נ ע ר

וואָס האָט מיט גרויסער איבערגעגעבנקייט זיך געמיט
אַרויסצולאָזן אין מדינת־ישׂראל מײַנע דרײַ בענד זכרונות

אויף וועגן און אומוועגן

(תּל־אָביב — 1974, 1978, 1982)

און דאָס איצטיקע בוך

ביראָבידזשאַן פֿון דער נאָענט

אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן

ירושלים, אַפּריל 1983

פֿאַר וואָס דווקא בירָאָבידזשאַן

דער טעמפּער ווינקל

איר וווּנדערט זיך: וואָס זענען זיי, כּמעט אַלע אָנפֿירערס מיט דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג, פּלוצעם אַזוי פֿאַרקאָכט געוואָרן אין בירָאָבידזשאַן? אין דער ווילדער טייַגע, אין אַן ערגעץ, וואָס ליגט אין אויסרייַסעניש, וואָס איידער דו קומסט אַהין פֿון מאָסקווע, דאַרפֿן אַפֿילו אַזעלכע אויסדערוויילטע יחסנים ווי איך, אָפּזיצן ניט נייַן, ווי עס שרייַבט זיך אָפֿיציעל, נאָר גאַנצע עלף, צוועלף מעת־לעת אין שנעלסטן פֿון אַלע דעמאָלטיקע אינטערנאַציאָנאַלע עקספּרעסצוגן, וואָס פֿאָרמירט זיך אַזש אין קאַפּיטאַליסטישן פּאַריז און לויפֿט דורך די פֿייַנדלעכע הויפּטשטעט פֿון דייַטשלאַנד און פּוילן, און ערשט פֿון דאָרטן קומט ער אָן אין אונדזער רויטער מאָסקווע. און דאָ הייבט זיך אָן זייַן לאַנגער וועג, מיט די כּסדרדיקע פֿאַרשפּעטיקונגען, צום סאָוועטישן מיזרח — וולאַדיוואָסטאָק, און פֿון וולאַדיוואָסטאָק איז ער ממשיך ווידער צו פֿייַנדלעכע לענדער — יאַפּאַן און כינע. און אויב דו ביסט אַ פּשוטער איבערוואַנדערער, שלעפּסטו זיך אַהין, קיין בירָאָבידזשאַן, אין אַן אייגענער סאָוועטישער „טעפּלושקע" (אַ וואַגאָן פֿאַר פֿי און סחורה), אָפּט אַ גאַנצן חודש, טאַקע גאַנצע דרייַסיק לאַנגע טעג און נעכט, און אַ מאָל נאָך לענגער.

וואָס פֿעלט אונדז, די פֿעסט אייַנגעזעסענע בויערס פֿון דער „בליִענדיקער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור", דאָ אין די צענטערן פֿון קאָמוניסטישן לאַנד, מאָסקווע, קיִעוו, מינסק, און שוין דעמאָלט, אָנהייב די דרייַסיקער יאָרן? עס שטימט דאָך ניט מיטן אַלטן קלוגן פֿאָלקסווערטל: „פֿון גוטס אַנטלויפֿט מען ניט".

אונדזער דראַנג קיין בירָאָבידזשאַן איז אָבער ניט געווען קיין צופֿעליקער. הגם ס'איז נאָך די צייַט ווען די פֿאַרשיידנסטע ייִדישע קולטוראַנשטאַלטן וואַקסן אין זייער צאָל, און די סאָוועטישע ווי אויך די אויסלענ־

דישע פּרעסע, און אַפילו די ניט לינקע, איז פול מיט התפּעלות פאַר אונדזערע אויפטוען, און אויבנאויפיק האָט נאָך אַלץ בײַ אונדז געבליט און געגלאַנצט, האָבן שוין דעמאָלט די, וואָס זענען דירעקט געשטאַנען בײַ דער דאָזיקער אַרבעט, ניט באַדאַרפט זײַן קיין גרויסע חכמים, כּדי אָנצוהייבן באַנעמען, אַז „פון ווײַטן דאַכט זיך, אַז בײַ יענעם לאַכט זיך", און אַז קיין גרויסע גליקן פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד קענען מיר ניט דערוואַרטן. און נאָך עפּעס, מער וויכטיקערס, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַנעמען, דהײַנו, אַז אַפילו די דערגרייכטע דער־פאָלגן שטייען אונטער אַ ספק. און דאָס האָט אונדז געשראָקן מער פון אַלץ. האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט אין בּיראָבּידזשאַן ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרויעלע. פאַר וואָס? ווײַל אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי זאָגט צו, קען דאָך ניט דראָען אַזאַ סכּנה, ווי דאָ אין אוקראַיִנע אָדער ווײַסרוסלאַנד, די סכּנה וואָס ווערט אַלץ בולטער, אַז די סאָוועטיש־ייִדישע קולטור זאָל זיך פּלוצעם דערזען אין אַ טעמפּן ווינקל. ס'קען דאָך ניט געמאָלט זײַן, האָבן מיר געטראַכט, אַז די פּאַרטיי זאָל „דאָרטן" אונדז ניט געבן אַלע מעגלעכקייטן ווײַטער צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. אַדרבא, דאָרטן און נאָר דאָרטן עפענען זיך אַלע טויערן פאַר אונדזער סאָוועטיש־ייִדישער אייביקער עקסיסטענץ. דאָרטן וועלן מיר דאָך אויפהערן צו זײַן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט און אונדז וועט אויפהערן צו דראָען די סכּנה ענדגילטיק אויפגעלייזט צו ווערן ווי אַ פאָלק. דאָרטן וועט די פּאַרטיי זײַן געצוווּנגען אויפצוהערן צו טראַקטירן אונדז ווי אַ פעשקע אויף איר שאַכמאַטברעט, וואָס איר נאָמען קלינגט אַזוי נאָבל און הומאַן — „נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". און דאָס איז געווען די סאַמע, סאַמע גרונטיקסטע הויפּט־סיבה פון טראַכטן וועגן בּיראָבּידזשאַן.

נאָר לאָמיר פּרוּוון פונאַנדערשיפרירן דאָס געזאָגטע און דערציילן וועגן קאָנקרעטע פאַקטן.

ווי משונה און פול מיט סתירות דאָס זאָל ניט אויסזען, איז עס אַ פאַקט: דער פונאַנדערבלי פון די ייִדיש־סאָוועטישע וויסנשאַפטן, ס'הייסט דער רעשיקער וווקס פון די פאָרשערישע אינסטיטוטן פאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו, ווי אויך בײַ דער ווײַסרוסישער אַקאַדעמיע אין מינסק, און אויך דער וווקס פון אַנדערע וויכ־טיקע ייִדישע בילדונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן פאַלט צונויף מיטן ברוטאַלן ליקווידירן אַלע אָן אויסנעם ייִדסעקציעס בײַ דער פּאַרטיי, בײַ די אַדמיניס־

טראַטיוו־מלוכישע און בילדונגס־אַפּאַראַטן. (דאָס זעלבע געשעט אויך מיט די סעקציעס פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע פאַרמאָגן ניט קיין אייגענע טעריטאָריע).

מיטן ליקווידירן די ייִדסעקציעס בלײַבט די גרויסע נעץ ייִדישע קולטור־און דערציִונגס־אַנשטאַלטן — יאַסלעס, קינדער־גערטנער, שולן, טעכניקומס, לערן־אינסטיטוטן, פאַרשאַנשטאַלטן, טעאַטערס, מוזיק־אַנסאַמבלען, קורסן, קלובן פאַר דערוואַקסענע און יוגנט, די פאַרלאַגן, די ברייט פאַרצווײַגטע ייִדישע פרעסע — זיי אַלע בלײַבן אָן אַן אייגענער אָנפירונג. דאָס אָנפירן מיט די אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס העגנט מען איצט אָן, ווי אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז פון אַלגעמיינעם אַפּאַראַט, ס׳הייסט, אויף מענטשן וואָס האָבן, ווי אַ כּלל, קיין שום באַגריף ניט וועגן דער ספּעציפישקייט פון דער אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג (פונקט אַזוי ווי זיי האָבן קיין באַגריף ניט וועגן דער סביבה פון אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — פּאָליאַקן, בולגאַרן, דײַטשן, גריכן א״אַנד). ווערט די דאָזיקע אַרבעט כּמעט הפקר. מיר בײַסן די ליפּן און שווײַגן, און דאָס האַרץ פּלאַצט שיִער ניט פאַר עגמת־נפש.

מיר פערזענלעך איז דעמאָלט געשען אַ גרויס גליק: כ׳בין דאָך געווען דער פאַר־לעצטער פאַרוואַלטער פון דער גרעסטער ייִדסעקציע אין אוקראַיִנע — אין בילדונגס־אָפּטייל פון קיִעווער קרײַז־אויספּירקאָם. ווען מען האָט מיך געשיקט לערנען אין דער אַספּיראַטור פון אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור, האָט די פּאַרטיי אויף מײַן אָרט אַוועקגעזעצט דעם אַראָפּגעבראַכטן פון אומאַ־נער קרײַז גרישע ראָזענטויל. איז אים באַשערט געווען, לויטן באַפעל פון דער פּאַרטיי אין יאָר 1930, מיט די אייגענע הענט צו פאַרמאַכן דאָס קלייטל. וויפל האָט געפעלט, אַז איך זאָל זיך געפינען אויף גרישע ראָזענטוילס אָרט און זײַן דער דירעקטער קברן? איבערגעבן אַלע ענינים פון דער ייִדסעקציע אין אַזעלכע פרעמדע און גלײַכגילטיקע, אָפט מאָל פײַנדלעכע הענט... כ׳בין געבוירן אין אַ הײַבל. דער גורל האָט אויך דאָס מאָל מיך אָפּגעהיט פון טיפע איבערלעבונגען. אָבער בײַ יעדער באַגעגעניש מיט דעם סימפּאַטישן, זייער פעיִקן גרישע, פלעג איך זיך פילן שולדיק: ער קומט אָפּ פאַר מיר... אַגב, האָט אויך אים, דעם לעצטן יעווסעק פון קיִעווער בילדונגס־קרײַז, די נ.ק.וו.ד. פאַרשיקט אין אַ לאַגער, און נאָכן אָפּקומען די שטראָף איז ער געבליבן לעבן אויף דער „פרײַ״ ערגעץ ווײַט פון יעדער ייִדישער קולטור־סביבה.

אונדזער טיף באַהאַלטענע פאַרצווייפלונג בעת די פּאַרטיי האָט מיט איין

שטריך פון דער פּען ליקווידירט די ייִדסעקציעס, האָט זיך ניט בלויז באַזירט אויף דעם אומצוטרוי צו אונדזערע נײַע בעלי־בתּים. מחמת זיי, אין וועמענס הענט עס ווערט איבערגעגעבן דער גורל פון דער ייִדישער אַרבעט, פאַר־שטייען אין איר ווי אַ האָן אין בני־אָדם...

איז מילא, וועט איר זאָגן, וועלן זיי זיך מיט דער צײַט אויסלערנען צו טאָן די אַרבעט. אָבער ניט אין דעם גייט עס. ערגער איז דאָס, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט אָן אָפענע ביטול־באַציִונג צו ייִדישער קולטור־אַרבעט, און אין תּוך האָבן זיי גאָר פײַנט ניט בלויז אונדז, נאָר אונדזער אַרבעט גופא. גאָר פּשוט — זיי זענען אַנטיסעמיטן. צי טרײַבן מיר ניט איבער? ניין, דאָס איז ניט קיין איבערגעטריבענע נאַציאָנאַלע שפּירעווי־דיקייט, וועלכע די פּאַרטיי האָט אַזוי ניט האָלט. מיר אַלע האָבן דאָך מיט זיי האָנט בײַ האַנט יאָרן לאַנג געאַרבעט און קענען זיי ווי אָן אָפּגעריבענעם גראָשן.

די פּאַרטיי באַפעלט אָבער: „ניט שווײַגן, נאָר ריידן!" וואָס ריידן? אויסטײַטשן דעם באַשלוס ווי אַ סימן־טוב: מיר, די מענטשן פון דער ליק־ווידירטער ייִדישער אָנפירונג, דאַרפן אויפקלערן דער וועלט, אַז „די ייִד־סעקציעס האָבן שוין אויסגעפירט זייערע היסטאָריש־וויכטיקע אויפגאַבעס, און דערפאַר זענען זיי שוין ניט נייטיק". און אַז אַדרבא, די ליקווידאַציע באַטײַט: די ייִדאַרבעט גייט אַריבער אויף אַ העכערן שטאַפּל!.. יאָ, יאָ, „אויף אַ העכערן שטאַפּל"! אַזוי האָט מען אונדז באַפוילן טײַטשן דעם בראָך. און מיר האָבן עס פּחדניש געטאָן און געזאָגט און געשריִען „באָם". און הגם מיר פילן זיך ווי אויסגעפּאַטשטע, קנײַפּן מיר זיך די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין.

אַ לאַנגע צײַט נאָך דעם בראָך קענען מיר ניט קומען צו זיך. מיר פילן, אַז דאָס שמעקט מיטן אָנהייב פון סוף, און דאָך זאָגן מיר „אָמן". אַ דאַנק דעם פריץ פאַרן גנאָד! כ'האָב שוין פריִער געזאָגט: די קליגערע, די ווײַט־זעעוודיקערע צווישן אונדז פאַרגלײַכן שוין דעמאָלט, אין יאָר 1930, די פּאַרטיי־פּאָליטיק צו אַ שפּיל אויף אַ שאָכברעט, און מיר זענען ניט מער ווי פּעשקעס. וויל די פּאַרטיי, רוקט זי די פּעשקע אַהער, וויל זי — רוקט זי די פּעשקע אַהין. און אַז איר איז דאָס נייטיק, האָט זי איצט די פּעשקע אין גאַנצן אַ שלײַדער אַראָפּ געטאָן פון שפּילברעט...

טאָ ווו איז דער אויסוועג פון דער נײַער סיטואַציע, וואָס איז פול מיט סכּנות פאַרן ווײַטערדיקן קיום פון דער ייִדישער קולטור־בויונג? האָט

אונדז דער גוטער גורל אונטערגערוקט אַ רעטונג, ממש אַ נס פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן: בירָאָבידזשאַן וועט זײַן דאָס איינציקע אָרט, ווו די פּראָבלעם — יאָ אַ ייִדסעקציע, ניט קיין ייִדסעקציע — וועט בכלל ניט עקסיסטירן. דאָרטן וועט מען בכלל ניט דאַרפֿן אַזאַ אַנשטאַלט, ווײַל מיר וועלן דאָרטן אויפֿהערן צו זײַן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, און די גאַנצע מלוכה־אַרבעט, און במילא די גאַנצע קולטור־טעטיקייט, וועט דאָרטן געפֿירט ווערן אין דער מוטערשפּראַך פֿון די סאָוועטישע ייִדן. און דער עיקר שבעיקר — די גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבעט וועט דאָרטן געטאָן ווערן מיט אייגענע געטרײַע הענט.

צעשפּילט זיך אונדזער פֿאַנטאַזיע: מיר וועלן ניט באַווײַזן זיך אַרומצוקוקן ווי מיר וועלן פֿאַרווירקלעכן דעם צוזאָג פֿון אוהב־ישׂראל קאַלינין, אַז: „וואָס שייך דער פֿאַרוואַנדלונג פֿון דער געגנט אין אַ רעפּובליק, איז אַ פֿראַגע פֿון צײַט. אויב ס׳וועט זיך צונויפֿקלײַבן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ הונדערט טויזנט, וועט מען קענען פּראָקלאַמירן אויך אַ רעפּובליק”. (פֿון קאַלינינס רעדע אויף דעם אויפֿנעם פֿאַר די אַרבעטערס פֿון די מאָסקווער פֿאַבריקן און זאַוואָדן, דעם 28סטן מײַ, 1934).

צווישן אונדז גערעדט, וואָס פֿאַר אַ ראָלע קען שפּילן פֿאַר די, וואָס האָבן שוין הינטער זיך אַזאַ גרויסע פּראַקטיק פֿון אַרבעט אין דער ייִדיש־סאָוועטישער סביבה, אַזאַ „קלייניקייט”, ווי אַריבערהייבן אַ הונדערט טויזנט ייִדן? מיר דאַרפֿן ניט אַראָפּפֿאַלן בײַ זיך, פֿאַרקאַשערן די אַרבל און אויספֿירן קאַלינינס פּלאַן.

*

אָבער דאָס ליקווידירן די ייִדסעקציעס איז געווען בלויז איין רינגעלע אין דער גאַנצער קייט פֿון די סיבות, וואָס האָבן אונדזער געמיט געמאַכט שווער און ביטער. מיר זענען שוין געווען אַזוי קורצזיכטיק, ווי די פּאַרטיי האָט געמיינט. ס׳איז פֿאַר אונדז געווען קלאָר ווי דער טאָג: די ראַטנמאַכט פֿירט אַזאַ פּאָליטיק, אַז די יוגנט, וועלכע מיר דערציִען אין די ייִדישע מיטלשולן, זאָל ניט בלײַבן בײַ זייער ייִדישער קולטור, נאָר זאָל אַוועקגיין פֿון איר, באַזונדערש די, וועלכע גייען שטודירן אין די הויכשולן.

לאָמיר קלאָר מאַכן, ווי אַזוי, מיט וועלכע מיטלען דער דאָזיקער ציל ווערט דערגרייכט. אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן עקסיסטירט ייִדישע אָפּטיילן בלויז אויף די פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע פֿאַקולטעטן און אַ ייִדישער אָפּטייל אין דעם קיִעווער טעאַטער־אינסטיטוט אויפֿן נאָמען פֿון ליסענקאָ.

אַ ביסל שפּעטער האָט אויך די ייִדישע נײַ־פּאָלטאַווקער אַגראַרשול באַקומען רעכט פֿון אַ הויכשול.

טאָ וויפֿל דאַרף מען לערערס פֿאַרן ייִדישן שולוועזן? וויפֿל אַקטיאָרן דאַרף מען פֿאַר די ייִדישע טעאַטערס? און ס'איז קיין שום אויסקוק ניטאָ, די לאַגע זאָל זיך ענדערן, ווײַל יעדער פּרווו צוריידן וועגן אָרגאַניזירן ייִדישע אָפּטיילן אין די טעכנישע, מעדיצינישע און אַנדערע אינסטיטוטן, איז דערשטיקט געוואָרן נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן, פֿאַרשריִען געוואָרן ווי ייִדישער שאָוויניזם.

די איבערוועגנדיקע מערהייט אַביטוריענטן פֿון די ייִדישע מיטלשולן איז געצווונגען ממשיך צו זײַן זייער שטודיום אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער אָדער ווײַסרוסישער שפּראַך. אַזוי אַרום פֿאַרלירן מיר אונדזער יוגנט. די צוקונפֿטיקע אינטעליגענץ ווערט סיסטעמאַטיש אָפּגעריסן פֿון דער ייִדישער קולטור, ווערט פֿאַרפֿלייצט פֿון גרויסרוסישן אַרום, און מיר זענען אַבסאָלוט אָנמאַכטיק זי אײַנצוהאַלטן בײַ זיך.

טאָ וווּ איז דער אויסוועג? וואָס קען אָפּראַטעווען די יוגנט פֿון בהדרגה־דיקער אַסימילאַציע? זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז בלויז און נאָר די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט! וואָרעם ביראָבידזשאַן וועט ווערן דאָס איינציקע אָרט, וווּ עס וועט פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן ניט עקסיסטירן די סכּנה פֿון רוסיפֿיקאַציע. דאָרטן וועלן מיר בויען די ייִדישע קולטור אין איר גאַנצן פֿאַרנעם, אָנגעהויבן פֿון יאַסלעס, קינדער־גערטנער, שולן, ביז צו אוניווערסיטעטן, פּאָליטעכנישע אינסטיטוטן, פֿאַרשאַנשטאַלטן, און נאָר אין דער מלוכה־שפּראַך פֿון ביראָבידזשאַן, ס'הייסט, אין ייִדיש. אַפֿילו ווען זי, די פּאַרטיי, וועט עס ניט טאָן מיטן גאַנצן האַרצן, וועט זי זײַן געצווונגען דאָס צו טאָן, אַזוי ווי זי טוט עס אין אַלע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן.

*

און דאָ קום איך צו דערציילן וועגן אַן אַנדערער, אַ סך וויכטיקערער און טראַגישערער סיבה פֿון אונדזער שווערן געמיט־צושטאַנד. ווי האַלטן מיר מיטן ייִדישן שולוועזן? דאָס הייסט מיט דעם באַזיס, אויף וועלכן עס בויט זיך און דאַרף ווײַטער זיך בויען די ברייט פֿאַרצווײַגטע נעץ פֿון ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן? וועלכע פּערספּעקטיוון האָבן מיר פֿאַר דעם ווײַטערדיקן קיום און וווּקס פֿון דעם באַזיס?

זאָל קודם־כּל געזאָגט ווערן, אַז אַפֿילו אין דער סאַמע־סאַמע בליצײַט

פֿון ייִדישן שולוועזן, האָט אַהער פֿרײַוויליק און צו מאָל אַפֿילו גערן געשיקט זייערע קינדער בלויז די ייִדישע אָרעמקייט, בעיקר ס׳שטעטלדיקע עמך, און בײַ אונדז, אין קיִעוו, אַ טייל געקומענע פֿון די קליינע שטעטלעך. להיפּוך צו זיי, האָט אַ גאַנץ באַטײַטנדיקע צאָל ייִדישע עלטערן ניט געוואָלט שיקן זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן.

געוויינטלעך האָבן די עלטערן אָנגעוויזן, אַז די הויפּט־סיבה פֿון זייער ניט וועלן שיקן די קינדער אין דער שול, ווו אַלע לימודים ווערן געפֿירט אין ייִדיש, איז אַ ריין פֿאָרמעלע: אירע אַביטוריענטן קענען ניט גענוג רוסיש, אוקראַיִניש אָדער ווײַסרוסיש, און דאָס איז אַ שטער אָנצוקומען אין מלוכישע הויכשולן. (אַגב, איז דאָס ניט געווען קיין כּלל. געווען ייִדישע שולן וועמענס אַביטוריענטן האָבן אויסגעצייכנט באַהערשט אויך די מלוכה־שפּראַך).

די גרונט־סיבות זענען אָבער געלעגן פֿיל טיפֿער, דהײַנו: די טאָג־טעגלעכע פּראַקטיק האָט זיי, די עלטערן, געוויזן, אַז די שול אין דער ייִדישער שפּראַך קעמפֿט אַקטיווער, ווי די ניט־ייִדישע שולן, קעגן דעם חדר וואָס האָט אַלע יאָרן אומלעגאַל, אין טיפֿן אונטערגרונט עקסיסטירט דאָ און דאָרטן, ניט געקוקט אויף די רדיפֿות ניט בלויז קעגן די מלמדים, נאָר אויך קעגן די עלטערן פֿון די חדר־קינדער.

די שול אין דער ייִדישער שפּראַך קעמפֿט דרייסטער און פֿאַרביסענער, ווי די ניט־ייִדישע, ניט בלויז קעגן די רעליגיעזע, נאָר אויך קעגן די נאַציאָנאַלע השפּעות, וואָס די ייִדישע היים האָט אויף אירע קינדער און זי, די היים, וויל זיך פֿון די דאָזיקע השפּעות ניט אָפּזאָגן.

דערקעגן, די ניט־ייִדישע שולן פֿלעגן פֿירן זייער אַנטירעליגיעזע אַגי־טאַציע קודם־כּל קעגן דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע. זיי מײַדן אויס צו קעמפֿן קעגן אַזוי גערופֿענעם „ייִדישן שימל" אויס מורא, מ׳זאָל זיי ניט פֿאַרשרײַען ווי אַנטיסעמיטן. זיי דערקלערן דאָס אָפֿן אויף פֿאַרזאַמלונגען.

ס׳איז אויך געווען באַוווסט, אַז דווקא אין די אַנדער־שפּראַכיקע שולן האָט נאָך אַלץ ווו ניט ווו אַ געהיימע ווירקונג אויף זייערע ייִדישע שילערס די חלוצישע יוגנט־באַוועגונג, ניט געקוקט אויף דער שרעקלעכער סכּנה, וואָס דראָט דערפֿאַר — תּפֿיסה און פֿאַשיקונג.

אָט ווו עס זענען געלעגן די גרונט־סיבות פֿון זייער קעגנערשאַפֿט צו דער ייִדיש־שפּראַכיקער שול. אָבער ריידן אָפֿן פֿאַר אונדז וועגן דעם האָבן די עלטערן מורא געהאַט, און זייער שרעק איז געווען אַן אַבסאָלוט באַ־רעכטיקטע.

אין מײַן צווייטן באַנד „אויף וועגן און אומוועגן" אין קאַפּיטל „ערשטער פּנים־אל־פּנים מיט דער סאָוועטיש־ייִדישער אַרבעט" קען דער לייענער געפינען גענויערע ידיעות וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם. און זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז די צײַטן ווען מיר האָבן זיך דערלויבט דריקן אויף די דאָזיקע שיכטן, זיי זאָלן יאָ שיקן זייערע קינדער דווקא און נאָר אין דער ייִדישער שול, זענען שוין פאַרבײַ, און פון יענעם דרוק איז שוין קיין זכר ניט פאַרבליבן. נאָך אין די סאַמע ערשטע יאָרן פון דריטן יאָר־צענדליק האָבן מיר, ניט רעכענענדיק זיך מיטן ווילן פון די עלטערן, פּראָסט און פּשוט אַריבערגעפירט אין דער ייִדישער שפּראַך אַ ריי רוסישע, ווײַס־רוסישע און אוקראַיִנישע שולן. אונדזער קריטעריִ איז דעמאָלט געווען: אויב אין שטוב פון די עלטערן רעדט מען ייִדיש, זענען די קינדער מחויב צו לערנען אין דער ייִדישער שול.

בײַ אונדז אין קיִעוו האָבן מיר דעמאָלט אויף פּאָדאָל, אויף דעמיִעווקע, דאָס הייסט אין די מיט ייִדן געדיכט באַוווינטע שטאָטראַיאָנען, מיטן הסכּם פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אָנפירונג, געעפנט קודם־כּל שולן אין ייִדיש, און כּמעט מעכאַניש יעדן ייִדישן קינד פאַרשריבן אין דער ייִדישער שול. כּדי זײַן קינד זאָל אָנקומען אין אַ ניט־ייִדישער שול, האָט דער אײַנגע־שפּאַרטער טאַטע געמוזט אינטערווענירן בײַ דעם ראַיאָנעם בילדונגס־אָפּטייל, און מערסטנס אָן דערפאָלג. די צאָל רוסישע שולן אין די דאָזיקע ייִדישע שטאָטראַיאָנען איז דעמאָלט געווען אַ מצומצמדיקע, און ס'איז פּשוט קיין פּלאַץ אין זיי ניט געווען פאַר די אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט אַהין אָנצוקומען. און לאָמיר זיך ניט נאַרן, מ'דאַרף דאָך סוף־כּל־סוף קוקן דעם אמת אין די אויגן. אַ באַטײַטיקער טייל פון דער ייִדיש־רײדנדיקער באַפעלקערונג האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, זייערע קינדער זאָלן אָנקומען אין דער רוסישער שול און בלית־ברירה — אין דער אוקראַיִנישער. געווען ניט ווייניק פאַלן, ווען ניט בלויז אין די גרעסערע שטעט, נאָר אויך אין שטעטלעך האָבן קינדער, מיט גוואַלד פאַרשריבענע אין דער ייִדישער שול, ניט געוואָלט זי באַזוכן. פּלעגן זיך אָנהייבן געזעלשאַפטלעכע סקאַנדאַלן מיט באַשטראָפן די עלטערן. האָבן זיי אָפּט מאָל אָנגענומען די שטראָף און געבליבן בײַם זייעריקן: ניט געשיקט זייערע קינדער אין דער ייִדישער שול.

האָט זיך געשאַפן אין אַ ריי ערטער אַ פּאַראַדאָקסאַלער מצב: די רוסישע שול אין זעלבן ייִדישן ראַיאָן איז פול געפּאַקט מיט ייִדיש ריידנדיקע קינדער, און דער ייִדישער שול האָט געדראָט פאַרמאַכט צו ווערן, ווײַל זי האָט האַלב

פוסטע קלאַסן... יעדן יאָר האָט מען געצייטערט: אָט פאַרמאַכט מען נאָך אַ קלאַס און נאָך אַ קלאַס.

וועגן דעם ווידערשטאַנד, וועלכן געוויסע עלטערן שטעלן דער צוואַנג־יידישיזאַציע, האָט מען אין די ערשטע יאָרן אָפן גערעדט אין די אָנפירנדיקע קרייזן און אויף פּאַרטייישע באַראַטונגען. אָט איז בלויז איין ביישפּיל: „די יידישיזירונג פון די שולן און אַנדערע קולטור־אַנשטאַלטן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן היינטיקס יאָר, איז דורכגעגאַנגען ביי אַ גרויסן ווידערשטאַנד מצד אייניקע גרופּן פון דער יידישער באַפעלקערונג". (רעזאָלוציע פון דער אַלאוקראַינישער באַראַטונג פון די יידסעקציעס ביי ק.פּ. (ב.) או., כאַרקאָוו, אָקטאָבער 1925).

דעמאָלט האָט די אָנפירונג מיט דער יידאַרבעט ניט מורא געהאַט פאַר די פּראָטעסטן, ווייל הינטער דער צוואַנג־יידישיזאַציע שטייט די פּאַרטיי: „מען דאַרף זיך ריכטן, אַז אויך אויף ווייטער וועלן מיר באַגעגענען אַ געוויסן ווידערשטאַנד. דאָס קען אונדז ניט אָפּהאַלטן פון דער יידישיזירונג. מען דאַרף דערפאַר אַנטוויקלען אַ גרויסע אויפקלער־אַרבעט..." (פון דער זעלבער רעזאָלוציע).

וואָס ביי אונדז האָט געהייסן „אַנטוויקלען אַ גרויסע אויפקלער־אַרבעט" צווישן די ווידערשפּעניקע, דאַרף איך דעם לייענער ניט דערציילן. פאַקטיש האָבן מיר ממשיך געווען די צוואַנג־יידישיזאַציע.

*

אַזאַ לאַגע האָט געדויערט אַ היפּשע צאָל יאָרן. אָבער אין משך פון דער צייט זענען די יידישע אָנהייב־ און מיטל־שולן געוואָרן אַ וויכטיקער ממשות־דיקער פאַקטאָר: זיי האָבן בהדרגה זיך איינגעפונדעוועט, געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער יש. אַ נאַציאָנאַלער לויט אונדזער באַלשעוויסטישער איינשטעלונג. אַ יש ניט בלויז אין כמות, נאָר אויך אין איכות. און יאָ, יאָ — ס'איז געווען מיט וואָס זיך צו גרייסן. וואָרעם דאָס, וואָס עס האָט ניט געקענט מאַכן דער דרוק פון אויבן, האָט געמאַכט די ליבע פון דער יידישער לערערשאַפט. די מסירת־נפשדיקע אַרבעט פון דעם רוב יידישע פּעדאַגאָגן, די וואַרעמע, האַרציקע אַטמאָספער, וועלכע זיי האָבן געשאַפן אין די קינדער־קאָלעקטיוון, און זייער באַציִונג צו די עלטערן פון דער שול האָבן באַוויזן ממש וווּנדער.

מיין אייגענע אַרבעט, פריִער אין די שולן גופא און שפּעטער ווי אַן אָנפירערין פון דער סעקציע פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין בילדונגס־

אָפּטייל פון קיִעווער קרײַז, האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קענען פון אינעווייניק ניט בלויז די ייִדישע אָנהייב־ און מיטל־שולן. און כ׳וואָלט זייער וועלן, דער לייענער זאָל ניט טראַכטן, אַז איך טרײַב איבער דערקלערנדיק, אַז בלויז אוקראַיִנישע און רוסישע שולן פון קיִעווער קרײַז האָבן געקענט קאָנקורירן מיט דער הויכער קוואַליטעט פון דער פּעדאַגאָגישער און דערציִרישער אַרבעט אין די ייִדיש־שולן. די לערערס האָבן דאָ געטאָגט און גענעכטיקט, און דאָס איז געזאָגט געוואָרן ניט בלויז וועגן די דערציִערס פון די ייִדישע יתומים־הײַזער אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, נאָר אויך וועגן די לערערס פון די ייִדישע שולן אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַזעלכע ייִדישע מיטלשולן ווי די קיִעווער 17טע, 5טע, 64סטע, 34סטע און אַנדערע — סײַ אין קיִעוו, סײַ אין די קלענערע שטעט — זענען געוואָרן אַ שם־דבר אין דער ניט־ייִדישער סאָוועטיש־פּעדאַגאָגישער וועלט, אַ מוסטער פון די מאָדערנסטע אינטערעסאַנטע פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן און מעטאָדן אויך פון קינדערשער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אויף די אַלגעמיינע לערער־קאָנפערענצן (ראַיאָנישע, שטאָטישע, קרײַזישע, רעפּובליקאַנישע) פלעגן זיי געווינטלעך שפּילן די ערשטע פידל. בהדרגה זענען ניט בלויז די תּלמידים, נאָר אויך אַ גרויסער טייל עלטערן געוואָרן צוגעבונדן און איבערגעגעבן צו דער סאָוועטיש־ייִדישער שול.

צו וואָס פאַר אַ יֵש די ייִדישע בילדונג־ און קולטור־בויונג האָט דערגרייכט אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָב איך דערציילט אין דעם פריִער דערמאָנטן קאַפּיטל פון מײַן צווייטן באַנד „אויף וועגן און אומוועגן”. דאָרטן קען דער לייענער אויך געפינען טאַבעלעס, וואָס ווײַזן, ווי גרויס ס׳איז געווען דער כּמות פון די פאַרשיידנסטע ייִדישע אַנשטאַלטן, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, וועלכע זיי איז אויסגעקומען בײַצושטיין.

הגם אונדזער אָפיציעלע אײַנשטעלונג איז געווען אויסצוהוילן דאָס ייִדיש־סאָוועטישע שולוועזן פון דורותדיקן נאַציאָנאַלן אינהאַלט, און די דאָזיקע אַנטיפאָלקישע שעדלעכע אַרבעט האָט זיך אונדז אין אַ גרויסער מאָס אײַנגעגעבן, האָבן דאָך די סאָוועטיש־ייִדישע מיטלשולן באַוויזן צו דערציִען אַ גאַנצע פּלעיאַדע אַביטוריענטן, וועלכע האָבן ממשיך געווען זייער שטודיום אין די ייִדישע פאַקולטעטן און אויסגעוואַקסן ווי די ייִדישע לערערס, שרײַבערס, זשורנאַליסטן, געזעלשאַפטלעכע טוערס און סתּם אַ ייִדישע יוגנט, אַ מיט לײַב און לעבן פאַרבונדענע מיט דער ייִדישער קולטור־בויונג.

★

אָבער איצט זענען אָנגעקומען גאָר אַנדערע צײַטן און מ׳דאַרף זינגען גאָר אַנדערע לידער, דהײַנו: מיר זענען נאָך ניט געקומען צו זיך נאָך דעם שאָק, וואָס האָט בײַ אונדז אַרויסגערופן דאָס ליקווידירן אין 1930 די יידישע סעקציעס, און אין גאַנצן מיט דרײַ יאָר שפּעטער באַקומען מיר אַ נײַעם שווערן קלאַפּ. ס׳האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן אַ נײַע שטילע בהלה.

אין יאָר 1933 גיט אַרויס דער פּאָלקאָמבילד דעם באַפעל, אַז ניט די אויפנעם־קאָמיסיעס, נאָר בלויז זיי, די עלטערן, האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען, אויף וועלכער שפּראַך זייער קינד זאָל זיך לערנען. אין דער דאָזיקער פאַראָרדענונג ווערט בפירוש געזאָגט: „צווינגען עלטערן, זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע קינדער דווקא אין דער שול, וווּ עס ווערט געלערנט אויף זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך, איז פאַרווערט״.

די ערשטע פּאָר יאָר האָבן די דרייסטערע, דאַרטן וווּ ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, געמאַכט זיך ניט וויסנדיק און געאַרבעט לויטן אַלטן סטיל. אָבער בהדרגה, פון יאָר צו יאָר ווערן אַלץ עפּטער און עפּטער די פאַלן, ווען די מיטגלידער פון די אויפנעם־קאָמיסיעס ווערן שטרענג באַשטראָפט פאַרן פּרוּוון מאַכן דעם מינדסטן דרוק אויף דער יידישער באַפעלקערונג צו שיקן זייערע קינדער אין דער יידישער שול. קריגסטו איבערן קאָפּ פאַר דעם, וואָס דו האָסט צוגעלייגט אַ האַנט צום „אויפגעבלאָזענעם וווּקס פון יידישן שולוועזן״. אַזאַ עבירה האָט איצט באַטײַט: אַרויפציִען אויף זיך אַ פלעק, פאַר וועלכן מיר, יידישע קולטור־טוערס, האָבן מורא אימת־מוות, ווײַל דער נאָמען פון דער עבירה איז „יידישער שאָוויניזם״, וואָס מיט קיין שום וואַסערן קען מען אים ניט אָפּוואַשן.

איצט האָבן מיר אויף ספּעציעל צונויפגערופענע פאַרזאַמלונגען פון עלטערן, וועלכע דאַרפן פאַרשרײַבן זייערע קינדער אין די ערשטע קלאַסן, גערעדט אַזוי: „די אויפנעם־קאָמיסיעס האָבן אָפט מאָל פאַרקריפּלט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, געפּרוּווט נייטן די עלטערן אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין דער יידישער שול. איצט וועט דאָס שוין מער ניט זײַן. די פּאַרטיי וועט שטרענג שטראָפן די שולדיקע״.

זאָל דער לייענער נעמען אין אַכט, אַז עס קלאַפּן זיך על־חטא די זעלבע טוערס, וואָס האָבן ביז אַהער אין נאָמען פון דער פּאַרטיי געפּרײדיקט און געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע. און כ׳מיין, אַז ס׳איז איבעריק אויך צו זאָגן: אַ שיין פּנים האָבן מיר איצט אין די אויגן פון אונדזערע צוהערערס...

אויך די פּרעסע, איבער הויפּט די ייִדישע, אַנטפּלעקט אַלץ עפּטער און עפּטער פֿאַלן פֿון „אַנטיפּאַרטייִישער" צוואַנג־ייִדישיזאַציע, מיט ציטאַטעס פֿון לעניגען און סטאַלינען ווײַזט מען אויף, אַז „אין דער טעאָריע און פּראַק־טיק פֿון דער ייִדישער שול האָט געהערשט אַ נאַציאָנאַליסטישע טענדענץ פֿון צוואַנג־ייִדישיזאַציע"; אַז „דאָס איז געווען אַ ווילדע פֿאַרקריפּלונג", אַז „פֿאַרן סאָציאַליזם איז דאָס גאָרניט נייטיק און אַז די דאָזיקע פּראַקטיק איז נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטיש און שעדלעך פֿאַר דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט". לייענט, ביטע, די לעצטע זעקס ווערטער נאָך אַ מאָל: „שעדלעך פֿאַר דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט"... ניט מער און ניט ווייניקער!

און ס׳קומט דער נאַטירלעכער רעזולטאַט! אין אַ סך, זינט יאָרן אײַנ־געפּונדעוועטע ייִדישע קינדער־גערטנער און שולן, הייבן אָן די ערשטע גרו־פּעס און קלאַסן, ס׳הייסט די נײַ־אָנגעקומענע קינדער, צו לערנען אין דער רוסישער שפּראַך. און בלויז אין די עלטערע קלאַסן בלײַבן די לימודים, ווי פֿריִער — אין ייִדיש.

אָבער ווי לאַנג וועט דאָס אָנגיין? דער חשבון איז אַ פּשוטער: אַזוי לאַנג, ביז די עלטערע תּלמידים, וואָס לערנען אַלץ אין ייִדיש, וועלן ענדיקן די שול. דאָס הייסט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט די שול, וועלכע האָט הײַנט בלויז איין און איינציקן רוסישן ערשטן קלאַס, בהדרגה פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רוסישער. די ייִדישע קינדער־גערטנער, וואָס הײַנט האָבן זיי בלויז איין און איינציקע רוסישע גרופּע, וועלן ניט מער ווי אין אַ 2—3 יאָר אַרום פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נאַטירלעכן רעזערוו פֿאַר די רוסישע ערשטע קלאַסן פֿון דער נעכטיקער ייִדישער שול.

פּונקט אַזאַ פּראָצעס פֿון דע־ייִדישיזאַציע גייט אָן און וועט ווײַטער אָנגיין אין די ייִדישע יאַסלעס (דערציִונגס־אַנשטאַלטן פֿאַר די גאָר קליי־נינקע קינדער), וועלכע עקסיסטירן אין אַ גרויסער צאָל ניט בלויז בײַ די קוסטאַרישע קאָאָפּעראַטיוון, נאָר אויך בײַ די ייִדישע פֿאַבריקן און אַפֿילו בײַ די הויז־קאָמיטעטן („זשילקאָפּן"). זיי וועלן צושטעלן קינדער אויס־שליסלעך פֿאַר די רוסישע ערשטע גרופּעס פֿון די ייִדישע קינדער־גערטנער. און וואָס דאָס באַטײַט, פֿאַרשפּאַר איך צו דערקלערן.

בײַ אונדז אין קיִעוו האָט זיך דאָס גאָר פֿרי און זייער בולט אַנטפּלעקט אין די ייִדישע יאַסלעס, קינדער־גערטנער און אין די מיטל־שולן נומ׳ 25, נומ׳ 30, נומ׳ 60 און אַפֿילו אויפֿן ייִדישן פֿאָדאָל: אין דער מיטלשול נומ׳ 9.

פֿון די פּראָווינצער שטעט פֿלעגן אַלץ מער אָנקומען ידיעות וועגן סקאַנדאַלן, וואָס פֿאַרשיידענע עלטערן מאַכן אַפֿילו דעמאָלט, ווען עס דאַכט זיך זיי בלויז, אַז די אויפֿנעם־קאָמיסיע וויל מאַכן אַ דרוק אויף זייער אויסוואַל.

כּמעט אַלע מײַנע חברים לעבן דעמאָלט איבער אַ שווערן מאָראַלישן קריזיס. מען גייט אַרום מיט אַ צעבראָכן געמיט און מ׳האָט מורא פֿאַר די... אייגענע אויספֿירן. אָבער ס׳איז שוין קיין ספֿק ביי אונדז ניטאָ, אַז די ציַיט אַרבעט קעגן אונדז, וואָרעם אַזאַ איז דער ווילן פֿון דער פּאַרטיי, און אַז די פּאַרטיי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז די אינטערעסן פֿון די עלטערן פֿאַלן כּלומרשט צונויף מיט אירע. בהדרגה דערגייט שוין צו אונדזערע פּאַרטעמפּטע מוחות, אַז אין דער אונטערשטער שורה איז די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אירע געווענדט קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון די סאָוועטישע ייִדן; אַז דאָס סאָוועטיש־ייִדישע שולוועזן גייט צום אונטערגאַנג — עס ווערט סיסטעמאַטיש אַרויסגעריסן איין שורש נאָכן צווייטן. שוין אָנהייב פֿון דער צווייטער העלפֿט דרייסיקער יאָרן גייט די ליקווידאַציע פֿון די וויסנשאַפֿטלעך־פֿאַרשערישע סאָוועטיש־ייִדישע אַנשטאַלטן. פֿון יאָר צו יאָר ווערט קינסטלעך איינגעשרומפּן דאָ אַ ייִדישער קינדער־גאָרטן, דאָרטן אַ שול, דאָ אַ פּראָפֿשול, אַ קלוב, אַ טעאַטער און אַזוי ווײַטער און ווײַטער.

און צו זייער אונטערגאַנג העלפֿט אַקטיוו צו אַ טייל סאָוועטישע ייִדן, דערין אויך מיר גופֿא — ווייל מיר, ווי תּמיד, פֿירן געהאָרכיק אויס דעם צביעותדיקן באַפֿעל פֿון דער פּאַרטיי, ווי סע פּאַסט פֿאַר דיסציפּלינירטע באָלשעוויקעס... אַ גאַנצע פּלעיאַדע ייִדישע לערערס זוכט אַרבעט אין די ניט־ייִדישע בילדונגס־אַנשטאַלטן, ווו מ׳נעמט זיי, בדרך־כּלל, ניט גערן אויף, און די וועלכע באַהערשן די מלוכה־שפּראַך אין אַ ניט קיין גענוגנדיקער מאָס, זענען געצוווּנגען זיך איבערצוקוואַליפֿיצירן אין אַנדערע פֿאַכן.

דאָ בעט זיך צו פֿאַרלויפֿן אַ ביסל פֿאָרויס און זאָגן, אַז דער ביטערער סך־הכּל האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך: ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, איז שוין געווען גאַנץ שיטערלעך די נעץ פֿון ייִדישע בילדונגס־ און קולטור־אינסטיטוציעס, און אַ טייל אָנפֿירערס אירע ווערן פֿאַרשיקט אין די צוואַנגלאַגערן, און זעלטן ווער איז געקומען צוריק אַהיים.

אָבער דער ענדגילטיקער סוף איז געווען פֿינצטערער און ביטערער, ווי אונדזער פֿאַנטאַזיע האָט בשעתו זיך עס פֿאַרגעשטעלט. ווען מיר, מײַן מאַן ניסן און איך, האָבן אין 1958 פֿאַרלאָזט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט דאָרטן ניט

עקסיסטירט קיין איין ייִדישער קולטור־אַנשטאַלט, און קיין איין ייִדישער געדרוקטער אות האָט ניט דערזען די ליכטיקע שײַן.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו יענע יאָרן, וועגן וועלכע עס גייט אַ רייד אין דעם קאַפּיטל.

*

דאָ, מיין איך, איז דער פּלאַץ צו זאָגן, אַז זינט איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן זכרונות וועגן מײַן מיטבאַטייליקונג אין דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג, האָב איך אַלץ מורא, אַז לייענענדיק מײַנע באַשרײַבונגען פון אונדזערע אַקטיוויטעטן און טוּונגען, זאָל דער לייענער ניט באַקומען דעם אײַנדרוק, אַז איך וויל ריינוואַשן זיך און אַזעלכע ווי איך.

כ׳וויל ניט און ס׳וואָלט נאַריש געווען צו ווײַזן אונדזער דעמאָלטיקע ווירקלעכקייט אַזוי, אַז פון איין זײַט איז געווען עפּעס אַ העכערע ניט דערגרייכלעכע אינסטאַנץ, דער צ.ק. פון דער פּאַרטיי און די נ.ק.וו.ד., וואָס זענען שולדיק אין אַלע באַגאַנגענע פאַרברעכנס לגבי די סאָוועטישע ייִדן, און פון דער אַנדערער זײַט — מיר, פּאַרטייערס און אומפּאַרטיייִשע טוערס אויף דער ייִדישער גאַס, וואָס זענען כלומרשט געווען די אומשולדיקע נעבעכלעך, שיִער ניט קרבנות, וואָס האָבן קעגן זייער ווילן אויסגעפירט די באַפעלן פון אויבן.

אין דער אמתן האָבן מיר אַלע, אָן אויסנעם, פון גרויס ביז קליין, געטאָן איין און די זעלבע זאַך: פריִער, אין די ערשטע יאָרן דורכגעפירט די קינסטלעכע עקספּאַנסיע פון דער ייִדישיזאַציע צווישן אַ היפּשן טייל באַפעלקערונג, וואָס האָט עס ניט געוואָלט, און שפּעטער, ווען די פּאַרטיי האָט געזאָגט „סטאָפּ!", האָבן מיר פונקט אַזוי געהאָרכיק זיך באַמיט דורכצופירן די נײַע ליניע — דעם „השיבנו נאַזאַד" פון דער פאַרצווײַגטער בילדונגסנעץ, וועלכע האָט זיך שוין אין אַ גרויסער מאָס געהאַט אײַנגעפונדעוועט אין דער ייִדישער סביבה און געהאַט אַן אויסקוק ווײַטער זיך צו אַנטוויקלען בײַ דער געהעריקער אונטערשטיצונג פון דעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי.

זאָל זײַן, אַז דאָס לעצטע, דאָס רויִנירן, האָבן מיר געטאָן ניט גערן, מיט ווייטיק אין האַרצן, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז געטאָן האָבן מיר דאָס לגמרי אָן יעדן פּרוּוו זיך אַנטקעגנצושטעלן. מיר האָבן געהאָרכיק, מיט אייגענע הענט בהדרגהדיק געמאַכט פאַרשווינדן דאָס, וואָס מיר האָבן ענטוזיאַסטיש, מיט אַזוי פיל מסירת־נפש אויפגעבויט.

פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן זיך פריִער געהאָרכיק אָבער מיט פרייד געדראַפּעט באַרג־אַרויף, האָבן מיר איצט, אמת, מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, מיט גיכע טריט זיך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג אַלץ טיפער אין תהום.

און, כ'האָב דאָס שוין פריִער געזאָגט: ס'איז גאָרניט אַזוי שווער צו קומען צום אויספיר, אַז עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זײַן, מחמת אַלע זענען מיר געווען דערצויגן אין דער צביעותדיקער סיסטעם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. קיין סימן פון ווידערשטאַנד! קיין איין פאַל פון אָפּגעבן דעם פאַרטיי־בילעט איז מיר ניט באַוווסט. בלויז עטלעכע זעלבסטמאָרדן פינקלען אַרויס אויפן פינצטערן הימל פון אונדזער מחנה פריִיווילִיק פאַרשקלאָפּטע יִדיש־סאָוועטישע קולטור־בויערס. הײַנט, אַז איך קוק פון דער ווײַטער פערספּעקטיוו אויף זיך און אויף אַלע מײַנע חברים, זע איך נאָך עפּעס: מיר זענען דאָך שוין דעמאָלט, אַפילו אין די „בליִענדיקע צײַטן פון דער סאָוועטיש־יִדישער קולטור" פאַקטיש געווען ניט בלויז פּחדנים, נײַערט אויך טראַגישע געשטאַלטן, וואָס האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זענען אַבסאָלוט גליקלעך. דערצו נאָך האָבן מיר דעם אָנשטעל געמאַכט ניט בלויז פאַר דעם פײַנדלעכן יִדישן דרויסן, דאָס הייסט פאַר יענער זײַט מערב־גרענעץ. אויך פאַר דער אייגענער יִדישער באַפעלקערונג. און נאָך מער — אַפילו איינער פאַרן אַנדערן האָט מען געמאַכט דעם אָנשטעל, אויב דער אַנדערער איז ניט געווען דײַן לײַבלעך נאָענטער חבר, מיט וועלכן דו האָסט ניט מורא צו ריידן אָפענע אַפּיקורסישע דיבורים.

כ'וויל בײַם לייענער ניט אַרויסרופן קיין רחמנות צו אונדז. ביין, חלילה, דאָס וואָלט אַגב געווען קאָמיש און נאַריש. כ'וויל נאָר פעסטשטעלן, אַז די וועלכע האָבן אַ מאָל געהערט צו די שענסטע, ערלעכסטע פּערזענלעכקייטן, האָבן, אַרײַנטרעטנדיק אין דער קאָמפּאַרטיי, זייער אָפט געפריידיקט ניט דאָס, וואָס זיי האָבן געטראַכט. אויף פּראָסט לשון — געזאָגט ליגן. אַ טייל האָט עס געטאָן אין נאָמען פון גרויסן אידעאַל, אין וועלכן זיי האָבן נאָך אַלץ געגלייבט. אַנדערע — אין נאָמען פון באָלשעוויסטישן טעזיס, אַז דער ציל הייליקט אַלע מיטלען. גאָר אַנדערע — אויס מורא פאַר זייער אייגענעם לעבן און פאַרן לעבן פון זייערע נאָענטע. און געווען אויך אַזעלכע — כּדי ניט צו פאַרלירן די גוטע שטעלע זייערע.

אָבער אונדזער ראָלע האָלט די פאַרטיי נאָך ניט פאַר קיין פאַרענדיקטע. זי דאַרף אונדז נאָך האָבן. דערפאַר האָט זי אונדז צוגעוואָרפן אַ נײַ צוקער־לעקעכל, וואָס איר נאָמען איז בירָאָבידזשאַן.

אסתר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן

נאַציאָנאַליסטישע רעצידיוון און נאַיִווע פאַנטאַזיעס

כּדי זיך גרינגער צו מאַכן דאָס שווערע געמיט, מיט וועלכן איך דערצייל וועגן מײַן לעבן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ווענד איך הײַנט מײַן בליק צו די דאָזיקע חברים מײַנע, פאַר וועלכע ס'האָט דעמאָלט אַ בליץ געטאָן די האָפענונג: „ביראָבידזשאַן!". מיט מײַן האַרץ און מוח קער איך זיך אום צו יענע עטלעכע געציילטע יאָרן, ווען דער רוב פון אונדז איז געווען פאַרכאַפּט מיט די „צוויי ביתן" (ב"ב — ביראָבידזשאַן) און „קראַנק געוואָרן מיטן מיקראָב ב"ב", ווי מיר פלעגן אין שפּאַס ריידן וועגן זיך אַליין. כ'האָב שוין אין מײַנע פריִערדיקע אַרבעטן, דערציילט, אַז ביז זייער אַריבערלויפן אין קאָמוניסטישן לאַגער, האָט דער רוב סאָוועטיש־ייִדישע קולטורטוערס אָנגעהערט צום „בונד" און צו די ייִדישע טעריטאָריאַליסטישע פאַרטייען — „פּועלי־ציון" און „פאַראייניקטע", און אַז צו די לעצטע האָב אויך איך אַ מאָל געהערט. וועל איך דאָ דערציילן וועגן אונדזער גרויסער, שטילער פרייד: אַ קלייניקייט, אַ ייִדישע מלוכה! און אַ וועלכע מלוכה! אַ פּראָלעטאַרישע ייִדישע מלוכה! אַ סאָציאַליסטישע ייִדישע מלוכה!! דאָ ווערט דאָך מקוים אונדזער אַמאָליקער אידעאַל! זענען דען געווען אַ צופעליקייט די שטילע שמועסן אונדזערע: וואָס איז דאָ אייגנטלעך געשען? געשען איז ניט מער און ניט ווייניקער, ווי די באָלשעוויסטישע פאַרטיי פאַרווירקלעכט דאָס בעסטע פון אונדזער אַמאָליקן פּראָגראַם — דאָס, וועגן וואָס עס האָבן געטרוימט און געקעמפט די פּראָלעטאַרישע ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן... גראָד זי, די קאָמפּאַרטיי, פאַרווירקלעכט דאָס זעלבע, וואָס זי האָט מיט אַזוי פיל האַס און שפּעטער, בעת זי איז געקומען צו דער מאַכט, מיט פײַער און שווערד באַקעמפט, פאַרשיקט מענטשן אין אירע תּפיסות און לאַגערן! אָבער איר — דער אַלמעכטיקער קאָמוניסטישער פאַרטיי — שטייט איצט ניט אָן זיך אָפן מודה צו זײַן אין דעם, אַז גערעכט זענען זיי — די „קאָנטררעוואָלוציאָנערע ייִדישע פאַרטייען"... טאָ זאָל זײַן אַזוי! זאָל איר און אונדז, די סאָוועטישע ייִדן, זײַן צו געזונט! אין אַ מזלדיקער שעה!

ביז מיר אַלע זענען געוואָרן פאַרכאַפּט מיטן „וויטאַמין ב־צוויי", פלעגן מיר געוויינטלעך ווינציקער ווי וועגן אַלץ, ריידן, אַפילו צווישן זיך, וועגן „זינדיקן" עבר אונדזערן... צו טײַער האָבן מיר אַלע פאַר אים געצאָלט. אָבער איצט? זעט נאָר, זעט: מיר האָבן זיך ניט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי דאָס וואָס מיר פלעגן אַלע יאָרן פאַרשווײַגן, אויסמײַדן, איז געוואָרן דער טאָג־

טעגלעכער אינהאַלט פון אונדזערע שטיל־שטילע שמועסן. ס׳פלעגן אַפילו צווישן אונדז אויסברעכן שטילע שטרײַטן: „די פאַרטיי פאַרווירקלעכט דעם פועלי־ציוניזם״ — טענהן כלומרשט אין שפּאַס אַלכּסנדר זאַבלודאָווסקי און חיים שיף (ביידע — געוועזענע פועלי־ציוניסטן). „די פאַרטיי פירט אַדורך אין דער פּראַקטיק די טעאָריע פון דער טעריטאָריאַליסטישער פאַרטיי״ — דער־ווידער איך הייס. און כאַפּ זיך: אסתּר, מיינסט דאָס ערנסט? און כ׳קען ניט זאָגן, אַז כ׳בין ניט אַ ביסל שאָקירט פון מײַנע אייגענע געדאַנקען...

און שענער פון אַלץ איז דער פאַקט, וואָס דער צוגעזאָגטער בירָאָבי־דזשאַן האָט געגעבן אַ פריש אויף — אומבאַמערקט פאַר אונדז אַליין — די אַלטע געפילן פון נאָענטקייט בײַ דער גרופּע אַמאָליקע פּועלי־ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן. עפּעס אַ שטילע, ניט אָנגערופענע בײַ איר ריכטיקן נאָמען, שותּפות האָט אונדז איצט פאַראייניקט, אַ וואַרעמע שותּפות, אַ טיף באַהאַלטענע פאַרן דרויסן. און נאָך עפּעס: מיר האָבן זיך געפילט ווי די ריכטיקע, אמתע מחותּנים אויף דער שימחה פון דער גאולה, וואָס די קאָמ־פאַרטיי עפנט פאַר די סאָוועטישע ייִדן, און אַ קשיא אויף אַ מעשׂה — אפשר טאָקע אויך פאַר די אונטערדריקטע, הונגעריקע, הארעפּאַשנע ייִדן פון דער גאָרער וועלט? אַ סימן האָט איר — אין די אַרויסטרעטונגען פון דעם ראָש פון דער סאָוועטישער מלוכה מיכאַיל איוואַנאָוויטש קאַלינין, אין די רעדעס און אַרטיקלען פון די „געזערד״־ און „קאָמערד״־פירערס האָט אַלץ עפּטער און עפּטער זיך געהערט דער לאָזונג, אַז בירָאָבידזשאַן דאַרף ווערן אַ היים אויך פאַר הארעפּאַשנע ייִדן פון אויסלאַנד...

אַז קאַלינינס שפּאָגל נײַע, אַפּיקורסישע שטעלונג איז דירעקט דיקטירט פון די סאַמע הויכע פענצטער, ס׳הייסט פון יוסף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין גופא, אין דעם קען דאָך קיין צווייפל ניט זײַן!..

*

אונדזער ענטוזיאַזם און גלויבן אין דער ממשותדיקייט פון בירָאָבידזשאַן באַזירט זיך אַלץ מער און מער אויף כּמעט אומגלייבלעכע פאַקטן: וויכטיקע ייִדישע פערזענלעכקייטן און גרויסע ייִדישע שרײַבערס פון אויסלאַנד, וועלכע זענען ביז איצט געווען קעגנערס פון סאָוועטישן רעזשים אָדער גלײַכגילטיק צו אים — חיים זשיטלאָווסקי, יוסף טשערניכאָוו, זלמן רייזען, שלום אַש און אַ סך אַנדערע, אַפילו אָנגעזעענע ציוניסטישע טוערס ווי ראובן ברײַנין, דעקלאַרירן זייערע סימפּאַטיעס פאַר דער ייִדישער אויטאָנאָמער

געגנט און זענען גרייט צו העלפן רעאַליזירן די דאָזיקע היסטאָרישע גע־שעעניש.

און ווען צו אונדז דערגייען ידיעות, אַז אין די גרעסטע ייִדישע צענטערן פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָבן בהדרגה זיך אָרגאַניזירט אונטער פאַרשיידענע נעמען געזעלשאַפטן צו הילף דער ייִדישער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, אַפילו מיט זייערע אייגענע צײַטשריפטן, האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן דרייען דאָס היטל אויפן קאָפּ: מיר ווערן דאָך אַ מין צענטער פון אַן אַלוועלטלעכער ייִדישער באַוועגונג פאַר שאַפן אַ ייִדיש־קאָמוניסטיש היימלאַנד!

הײַנט קלינגט דאָס לעכערלעך, ווי אַ ביטערער שפּאַס. אָבער אַזעלכע פּאָליטישע חכמים זענען מיר געווען...

אַז אין קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד זענען טעטיק פּראָביראָבידזשאַנישע געזעלשאַפטן, האָבן סאָוועטישע ייִדן זיך דערוווּסט פון די ידיעות, וועלכע די סאָוועטיש־ייִדישע פּרעסע פלעגט פון צײַט צו צײַט פּובליקירן. זינט דעם יאָר 1927 איז די צײַטשריפט „טריבונאַ" געוואָרן אַ וויכטיקער קוואַל פון ידיעות וועגן די דאָזיקע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, און בלויז געציילטע אויסדערוויילטע ייִדטוערס, וועלכע באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, האָבן אַ צוטריט צו דעם ייִדישן אַלוועלטלעכן פּרעסע־אַרכיוו בײַם "קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור". דאָ פלעגן מיר שעפּן די דאָזיקע ידיעות דירעקט פון דער שטרענג פאַרוועכטער אויסלענדישער פּעריאָדיק. (וואָס פאַר אַ ווײַסע קראָ דער דאָזיקער פּרעסע־אַרכיוו איז געווען אויפן פאָן פון דעם פאַרמאַכטן אויף זיבן שלעסער סאָוועט־רוסלאַנד, האָב איך דערציילט אין צווייטן באַנד פון מײַן בוך „אויף וועגן און אומוועגן").

די, וועלכע האָבן דעמאָלט געלעבט אויף יענער זײַט גרענעץ אין די פרײַע לענדער, ווייסן מערער און גענויער וועגן די דאָזיקע פּראָביראָבידזשאַנישע געזעלשאַפטן און זייער טעטיקייט, ווי מיר האָבן געוווּסט דאָרטן, הינטערן אײַזערנעם פאַרהאַנג. אַגב, האָב איך גופא זיך אַ סך דערוווּסט וועגן דעם ערשט דעמאָלט, ווען איך בין שוין געווען העט ווײַט פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אָבער פאַר די, וועלכע זענען ניט באַקאַנט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג, איז אפשר כּדאַי צו געבן אַ שטיקל אינפאָרמאַציע, וואָס קען שאַפן אַ געוויסן באַגריף וועגן איר. מיר האָבן דאָרטן געוווּסט, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע הייסן די געזעלשאַפטן „איקאָר" און „אַמבידזשאַן" און אַז אַזוי הייסן אויך זייערע צײַטשריפטן. אין אַרגענטינע און אורוגווײַ — „פּראָ־

קאָר", זייער זשורנאַל — „נײַוועלט". די בראַזיליאַנער געזעלשאַפט האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „בראַזקאָר" און פּערמאַנענט אַרויסגעלאָזט אַ בולעטין אונטער דעם זעלבן נאָמען. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַפילו אין דער ווײַטער אַפריקע, אין אויסטראַליע און אויך אין פּאַלעסטינע עקסיסטירן אָרגאַניזאַציעס אונטער דעם נאָמען „געזערד" מיט זייערע צײַטשריפטן.

וועגן דעם „אַגראָיִד" אין פּוילן און זײַן צײַטשריפט „איבערבוי", דערצייל איך צום סוף פון בוך אין קאַפּיטל „דער בעטלער".

אין לעטלאַנד האָט עקסיסטירט עטלעכע יאָר דער „אָמעק" מיט זײַן צײַטשריפט „בײַערד". מיט „בײַערד" האָבן פּאַקטיש אָנגעפירט ד"ר מ. שאַץ־אַנין און מײַן מאַן ניסן ראָזענטאַל (א. בן־דוב) אַזוי לאַנג, ביז ער האָט פאַרלאָזט לעטלאַנד און זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן. זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים איז אין לעטלאַנד געווען „ר—ן". די אָפיציעלע רעדאַקטאָרן פון „בײַערד" האָבן געמוזט זײַן מענטשן, פּאָליטיש „כּשרע" אין די אויגן פון דער לעטלענדישער פּאָליציי. אין פראַנקרײַך און אין בעלגיע האָבן די געזעלשאַפטן געהייסן „געזערד" און זייער חודש־זשורנאַל האָט געהייסן „געזערד־טריבונע". אַפילו אין שוועדן און דענעמאַרק זענען געווען טעטיק פּראָביראָבידזשאַנישע געזעלשאַפטן. אויך אין ערב־נאַציסטישן דײַטשלאַנד האָט עקסיסטירט אַ פּראָביראָבידזשאַנישע געזעלשאַפט מיט אַן אייגענער צײַטונג. עטלעכע פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן זענען אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך איידער די ראַטנמאַכט האָט פּראָקלאַמירט דעם ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט, און זיי האָבן באַוויזן צו זאַמלען מאַטעריעלע הילף פאַר די סאָוועטיש־ייִדישע אַגריקולטור־ראַיאָנען אין דרום־אוקראַיִנע און אין קרים. פון פּאַלעסטינע איז בשעתו אַפילו געקומען אַהין אַ גרופּע קאָמוניסטישע איבערוואַנדערערס. איך האָב צו דעם ענין קיין דירעקטע שײַכות ניט געהאַט.

שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ ביראָבידזשאַנער תּושב, פלעגן מיר, די אויסלענדישע איבערוואַנדערערס, מיט נאָסטאַלגיע דערציילן וועגן די מסירת־נפשדיקע אויפטוען פון די דאָזיקע פּראָביראָבידזשאַנישע געזעלשאַפטן אין די לענדער, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

ווען איך זאָל זיי הערן אַ ביסל פריִער, אין קיִעוו, וואָלטן זיי מיר און מײַנע חברים פאַרשאַפט גרויס פרייד. אָבער איצט ? אין דער ביראָבידזשאַנערווירקלעכקייט ?..

נאָר לאָמיר ניט פאַרלויפן פאָרויס. כ׳וועל שרײַבן וועגן דעם שפּעטער, אויפן געהעריקן אָרט.

*

די ידיעה, אַז קיין ביראָבידזשאַן זענען אָנגעקומען צוויי מיט אַ האַלבן צענדליק איבערוואַנדערערס פון פּאַלעסטינע, איז פאַר אונדז אַ ביז גאָר פריידיקע סענסאַציע. די פרעסע איז פול מיט אָט דער געשעעניש. און די באַשרײַבונגען וועגן דעם פּאָמפּעזן קבלת־פּנים, וועלכן דער „קאָמערד" און דער „געזערד" האָבן פאַר דער דאָזיקער גרופּע אײַנגעאָרדנט אין מאָסקווער יידישן קלוב „קאָמוניסט", ווערן בײַ אונדז אין קיעוו איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. די רעדעס קעגן קאָנטררעוואָלוציאָנערן ציוניזם, ניט אַזוי פון די היגע אָנפירערס, ווי פון די געקומענע פּאַלעסטינצעס, ווערן ציטירט פון אויסנווייניק...

דעם קיעווער אַקטיוויסט, וואָס האָט זיך אין מאָסקווע מיט גרויסע שוועריקייטן אַרײַנגעקריגן אויף דער דאָזיקער באַגעגעניש, האָבן מיר פאַרשאָטן מיט פראַגעס: ווי זעען זיי אויס, די פּאַלעסטינער יידן? וואָסערע געפילן האָבן זיי בײַ אײַך אַרויסגערופן?

דער, וואָס האָט קיין מאָל ניט געלעבט אין הערמעטיש פאַרמאַכטן סאָוועט־רוסלאַנד, קען, מיין איך, גאָר ניט באַנעמען ווי אויסגעהונגערט אירע בירגערס זענען געווען צו זען אַ מענטש פון יענער זײַט גרענעץ. שפּעטער, אין ביראָבידזשאַן גופא איז דאָס באַגעגענען זיך מיט געקומענע איבערוואַנדערערס פון אויסלאַנד שוין געווען אַ קלענערע סענסאַציע.

*

און מיר פאַרגעסן גאָר, צי מיר מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אונדזער האָפענונג: „ביראָבידזשאַן וועט ווערן אַ היים אויך פאַר יידישע איבערוואַנדערערס פון אויסלאַנד", שטייט דאָך אין סתירה מיט דעם קאָמוניסטישן טעזיס, אַז עס עקסיסטירט ניט קיין אַלוועלטלעך יידיש פאָלק און שטייט אויך אין סתירה מיט דער יידסעקישער באַהויפּטונג, אַז די סאָוועטישע יידן האָבן ניט קיין שום בשותפותדיקס מיט די יידן, וואָס לעבן אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַגב, אונדזער האָפענונג האָט זיך דאָך געשטיצט אויף אַרויסטרעטונגען — מינדלעכע און שריפטלעכע — פון אויטאָריטעטע מלוכה־אָנפירערס און אויף די אָפיציעלע רעגירונגס־באַשלוסן, אַרײַנצולאָזן יידן פון אויסלאַנד אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

נאָך מער — ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז דער „קאָמערד" און דער „געזערד"

שיקן קיין אויסלאַנד ספּעציעלע שליחים (למשל, מיכאל ראַשקעסן קיין ליטע) צו ווערבירן איבערוואַנדערערס פאַר ביראָבידזשאַן.

*

אָבער דאָ דאַרף איך ניט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ווייניקער ווי אַלץ האָבן מיר געטראַכט וועגן דעם, אַז די ייִדישע קולטור־אַרבעט דאָרטן, אין ייִדישן לאַנד, דאַרף זײַן אין איר איכות מער נאַציאָנאַל ווי די, וועלכע ווערט געפירט דאָ, אין צענטער פון קאָמוניסטישן לאַנד.

מיט אַנדערע ווערטער — מיר האָבן געזען אין ביראָבידזשאַן אַ ייִדישע קאָמוניסטישע מלוכה, וווּ גראַד אַזוי ווי דאָ, אין צענטער פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועט אויך דאָרטן זײַן שטרענג פאַרווערט אָפּצוריכטן ייִדישע רעליגיעזע מינהגים און אַפילו נאַציאָנאַלע יום־טובים, ווי חנוכּה און פּורים. גראַד אַזוי איז פאַר אונדז געווען זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אויך דאָרטן וועט אַנערקענט ווערן פאַר אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן שאָוויניזם יעדער פּרוּוו צו דערציִען דעם יונגן דור אויף דער אוראַלטער גײַסטיקער ירושה פון ייִדישן פאָלק און אַז יעדע פאַרבינדונג מיטן ווײַטן רײַכן עבר אונדזערן וועט אין דער דערציִונג ניט עקסיסטירן.

ווי אַזוי ס׳האָבן געזען די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון ביראָבידזשאַן אַנדערע זײַנע הייסע אָנהענגערס, ווייס איך ניט. זיכער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער שטיל געחלומט, אַז די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט וועט מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אמת נאַציאָנאַל ייִדיש לאַנד. אָבער אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט איז אַזאַ חלום געווען ניט מער ווי אַן אוטאָפּיע, וועגן וועלכער מ׳טאָר אַפילו קיין פּיפּס ניט טאָן.

*

און נאָך טאָר איך דאָ ניט פאַרגעסן צו זאָגן אַז דאָס אָפיציעלע פּראָקלאַמירן די איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן און אונדזער התלהבות־דיקע אַגיטאַציע לטובת איר פאַרווירקלעכונג פאַלט צונויף מיט דער צײַט פון ענדגילטיקן ליקווידירן די פאַרטיי „פּועלי־ציון” — מיט שטילע מאַסן־אַרעסטן פון אירע טוערס און מיטגלידער און מיטן אַכזריותדיקן אויסראָטן די יוגנט פון „החלוץ”. און נאָך דאַרף איך דאָ צוגעבן, אַז סײַ בײַ אונדז אין קיִעוו, סײַ אין אַנדערע שטעט קומען דעמאָלט פאָר אין די ייִדישע קלובן אַנטיציוניסטישע מאַסן־מיטינגען. פּרוּווט אַ בלעטער טאָן די פּרעסע פון

יענע טעג און איר וועט דערזען: אין איין און דעם זעלבן נומער פון די ייִדישע טאָגצײַטונגען (כאַרקאָווער „שטערן", מאָסקווער „דער עמעס", מינ־סקער „אָקטיאַבער") וועט איר געפינען בײַנאַנד מיט די לויבגעזאַנגען פאַר דער איבערוואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן, פלאַם־פײַערדיקע אַרטיקלען קעגן „קאָנטררעוואָלוציאָנערן ציוניזם" און געמלאָכהטע „אָפענע בריוו" פון דער־שראָקענע חלוצים, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן, אַז זיי „טרעטן אַרויס פון דער דאָזיקער שאָוויניסטישער אָרגאַניזאַציע און שווערן צו דינען געטרײַ דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג". גראָד דעמאָלט זענען באַ־זונדערש גרויס די רדיפות קעגן די משפחות, וועמענס קינדער ס'איז געלונגען אין 1924 אַוועקצופאָרן מיט דער באַרימטער קרימער הכשרה קיין פּאַלעסטינע.

און הגם די סיסטעם פון דער ג.ק.וו.ד. איז געווען די אַרעסטן און די סאַדיסטישע אויספאָרשונגען, אַפילו פון די נאָך ניט אַרעסטירטע און סתם „פאַרדעכטיקטע", אַדורכצופירן אין די שפּעטע נעכט און שאַ־שטיל, איז יע־דערער אַזאַ „פאַרברעכן" געוואָרן אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד און, פאַרשטייט זיך, אויך פאַר אונדז. אַזוי אַרום האָבן מיר, הייסע אָנהענגערס פון ביראָ־בידזשאַן, אומדירעקט און ניט־ווילנדיק, אָביעקטיוו מיטגעהאָלפן צו די פאַר־ברעכנס. וואָס די ראַטנמאַכט איז סיסטעמאַטיש באַגאַנגען לגבי די סאָוועטישע ייִדן, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך אויפריכטיק מיטן גאַנצן האַרץ אַזוי שטאַרק געזאָרגט.

*

שוין אין 1926 האָט קאַלינין אָפיציעל געמאָלדן אויפן ערשטן אַלפאַר־באַנדישן „געזערד"־צוזאַמענפאָר וועגן דעם ווילן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז די גאַנצע ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג, וואָס די ראַטנמאַכט פירט, זאָל באַקומען אין דער נאָענטסטער צוקונפט איר קרוינונג — עס דאַרף ערגעץ ווו אָרגאַניזירט ווערן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע טעריטאָריעלע מלוכישע איינס. דעמאָלט ווערן מײַנע חברים, אָפטער ווי ביז איצט, געסט אין די נאַציאָנאַלע ייִדישע ראַיאָנען פון דרום־אוקראַינע און צפון־קרים. מיר קומען אַהער דערפאַר, ווײַל מיר זעען איצט אין זיי די פּרעלודיע צו דעם גרויסן היסטאָרישן געשעעניש, וואָס דאַרף גיכן קומען ווי אַ געשאַנק פון דער פּאַרטיי: אַ ייִדישע סאָציאַליסטישע מלוכה מיט אַ בליִענדיקער ייִדישער קולטור, וואָס וועט פאַרוואַנדלען דאָס סאָוועטישע ייִדנטום אין אַ נאָרמאַל פאָלק צו גלײַך מיט אַלע פעלקער פון ריזיקן ראַטן־פאַרבאַנד.

קליגערע פֿון אונדז, סקעפּטיקערס, זענען צווישן די סאָוועטישע ייִדן געווען ניט ווייניק. פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן ניט געהאַלטן פֿון קיין שום מאָס־מיטלען, וואָס די ראַטנמאַכט האָט ביז איצט אונטערגענומען צו לייזן די ייִדן־פֿראַגע, אַזוי האָבן זיי אויך ניט געגלייבט אין ענין ביראָבידזשאַן. דעם טייל ווידער, וואָס האָט געשטרעבט צו אַסימילאַציע, האָט די פּראָבלעם בכלל ניט אינטערעסירט. אָבער מיטן ענין ביראָבידזשאַן האָט די ראַטנמאַכט דעמאָלט געוווּנען די סימפּאַטיעס פֿון באַטײַטיקע שיכטן פֿון דער אַזוי גערופֿענער „קלײנבירגערלעך געשטימטער" ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געהאַלטן מיט רעזערוו צו אַלע אויפֿטוען אין דער ייִדישער סביבה.

דאָ מוז איך מאַכן אַ באַמערקונג: איך דערצייל ניט וועגן דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צווישן פֿאַרשיידענע גרופּעס ייִדישע קולטור־טוערס וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם. דאָס איז אַן ענין פֿאַר אַ באַזונדערן היסטאָרישן שטודיום. איך באַשרײַב בלויז דאָס, וואָס איך גופא און מײַנע חברים האָבן מיטגעמאַכט.

מיט אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס פֿאָלגן מיר נאָך די רעזולטאַטן פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער עקספּעדיציע, וואָס פֿאָרשט אין 1927 דעם אומבאַקאַנטן פֿאַרוואָרפֿענעם ראַיאָן פֿון טיכאָנקע (שפּעטערדיקן ביראָבידזשאַן) אויפֿן ווײַטן מיזרח. די עקספּעדיציע האָט אָרגאַניזירט דער „קאָמערד" — „קאָמיטעט פֿאַר אײַנאָרדענען אַרבעטנדיקע ייִדן אויף ערד" בײַם פּרעזידיום פֿון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט פֿון צענטראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון פֿ.ס.ס.ר. דער דאָזיקער מלוכה־אַנשטאַלט איז געשאַפֿן געוואָרן דעם 29סטן אויגוסט 1924. זײַן ציל — אָרגאַניזירן דאָס באַזעצן ייִדן אויף ערד. אָפּטיילן פֿון „קאָמערד" האָבן עקסיסטירט אין די סאָוועטישע רעפּובליקן, וווּ ס׳האָט געלעבט אַ גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג. דער פֿאָרזיצער פֿון „קאָמערד" איז געווען פּיאָטר גערמאַנאָוויטש סמידאָוויטש, וועלכער האָט געשמט ווי אַן אוהב־ישׂראל. די באַריכטן און אויספֿירן פֿון דער דאָזיקער עקספּעדיציע, אַז דער ראַיאָן טיכאָנקע איז, מער פֿון אַנדערע אויסגעפֿאָרשטע ערטער, צוגעפּאַסט פֿאַר אַ קאָנצענטרירטער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, זענען פֿאַר אונדז ניט גענוג קלאָר. מיר ווילן וויסן מער און גענויערע פּרטים, דער עיקר — וועגן די נאַטור־אוצרות פֿון געפֿאָרשטן שטח. דערגאַנצן מיר די ידיעות דורך דער לעבהאַפֿטיקער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע מיר פֿירן אין נאָמען פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור מיט די אָנפֿירערס פֿון דער עקספּעדיציע — פּראָפֿ׳ ל. ברוק און מיט דעם אַקאַדעמיקער וויליאַמס פֿון דער מאָסקווער טימיריאַזעוו־אַקאַדעמיע. די בריוו

חתמעט יוסף ליבערבערג. ער איז דאָך אַן אָפּיציעלע פּערזאָן — דער דירעק־טאָר פון אינסטיטוט. ער בעט בײַ זיי ידיעות וועגן די נאַטירלעכע אוצרות פון געפאָרשטן ראַיאָן, וואָרעם מיר ווילן וויסן זייער מיינונג וועגן די מעג־לעכקייטן צו פאַרוואַנדלען די צוקונפטיקע ייִדישע מלוכה אין אַן אינדו־סטריעלן צענטער. מיר האָבן צו זיי טענות, פאַר וואָס ריידן זיי אַזוי ווייניק וועגן דעם אין זייער באַריכט. „וואָס מיינען זיי זיך ? ס'איז טיפּשות צו וועלן מאַכן פון אונדז אַן אויסשליסלעך אַגראַרפאָלק !".

מיר שטודירן די אַלטע און נײַע געאָגראַפישע און געאָלאָגישע קאַרטעס פון ווײַטן מיזרח. אָבער דעם רעקאָרד שלאָגן ליבערבערג און ברוך הובערמאַן. זייערע פּריוואַטע ביבליאָטעקן ווערן בהדרגה באַרײַכערט מיט יעדן געדרוקטן וואָרט, אַפילו מיט בעלעטריסטישע ווערק, וועלכע זענען וועגן עס איז דער־שינען וועגן ווײַטן מיזרח. אָבער אין סך־הכּל איז דאָס בילד גאַנץ מטושטש, ווײַל דער ווײַטער מיזרח, און במילא אויך דער ראַיאָן פון טיכאָנקע, איז ביז דעמאָלט ווייניק געפאָרשט געוואָרן.

פרילינג 1928 קומט אָן אין קיִעוו די ידיעה, אַז די רעגירונג האָט באַשלאָסן דעם אויסגעפאָרשטן ראַיאָן טיכאָנקע צו קאָלאָניזירן מיט ייִדן, און אַז טאַקע דאָרטן דאַרף אין דער נאָענטסטער צוקונפט געבוירן ווערן די ייִדישע אויטאָנאָמע מלוכישע אײנס.

ווי אַ וויכער טראָגן מיר זיך דעם דאָזיקן אָוונט פון איין פרײַנד צום צווייטן — מיר ווילן זיך טיילן מיט דער גרויסער פרייד אויך מיט די, וועמען מיר האָבן ניט געקענט אָנזאָגן די היסטאָרישע בשורה דורכן טעלע־פאָן. (אַ טעלעפאָן אין שטוב האָט זעלטן ווער פון אונדז געהאַט). אויפגע־רודערטע, פירט מען שמועסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. עס זענען אָנגעקומען טעג און נעכט, איבערגעפולטע מיט נײַעם אינהאַלט. ס'האָט זיך דאָך געעפנט פאַר אונדז ניט בלויז אַ פרישער קוואַל פון גלויבן, אַז מיר וועלן אַזוי אַרום אײַנהאַלטן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין דערגרייכט, נײַערט אויך נײַע ראָזעווע פּערספּעקטיוון פאַרן ווײַטערדיקן וווקס פון דער ייִדישער קולטור־אַרבעט. און דאָס סאַמע וויכטיקע — מיר הייבן אָן צו גלייבן, אַז אָט אָט קומט אָן דער טאָג פון דער ווײַטערדיקער איבערגעשטאַלטיקונג פון סאָוועטישן ייִדנטום. אַפילו אַ טייל פון די, וועלכע זענען סקעפּטיש צום גאַנצן ענין פון „ייִדיש־סאָוועטישער מלוכהשאַפט", זענען איצט אויפגע־רודערט פון דער ראַדיקאַל נײַער ווענדונג, וועלכע די פּאַרטיי גיט דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן.

צו אונדזערע אויסטייַטשונגען און חקירות נעמט גאָר קיין סוף ניט. מיר זענען ניט אַזוי נאַיוו, כּדי זיך ניט אָפּצוגעבן אַ חשבון, אַז אַוודאי וואָלט בעסער געווען, אַז די גאולה זאָל קומען ערגעץ נעענטער — אין אייראָפּעיִשן טייל פֿון רוסלאַנד. אָבער מיר ווייסן: ניט ווייַסרוסלאַנד, ניט צפֿון־קרים און ניט אוקראַיִנע פֿאַרמאָגן גענוג גרויסע ערדמאַסיוון פֿאַר אַ ייִדישער מלוכה. אגבֿ, צו וואָס דאַרפֿן מיר טרעטן אויף יענעמס פּיאַטעס? צו וואָס שאַפֿן היסטאָרישע פּרעטענזיעס מצד די אוקראַיִנער, טאַטערן און ווייַסרוסן, וואָס זיצן אויף זייער ערד זינט יאָרהונדערטער? מיר קומען צום אויספֿיר: ס'איז דווקא יושרדיק, וואָס מיר וועלן אויסמייַדן אַזעלכע אַנטאַגאָניזמען, וועלכע האָבן אַן אָרט צווישן ייִדן און אַראַבער אין פּאַלעסטינע. אויף די פּוסטע מאַסיוון פֿון סאָוועטישן ווייַטן מיזרח קען קיינער קיין היסטאָרישע פּרעטענזיעס ניט האָבן, פּשוט דערפֿאַר, וואָס קיין באַפֿעלקערונג איז כּמעט ניט בנימצא אין יענע ערטער.

אַפֿילו די קאַרגע ידיעות וואָס אונדזער אינסטיטוט האָט שוין וועגן די אוצרות, וועלכע געפֿינען זיך דאָרטן אין דער ערד, פֿילן אָן מיט זיכערקייט, אַז דאָס ייִדישע סאָציאַליסטישע לאַנד וועט ווערן ניט בלויז אַן אַגראַרישער, נייַערט אויך אַ וויכטיקער אינדוסטריעלער צענטער אויפֿן ווייַטן מיזרח, אין דער צייַט ווען קרים, למשל, האָט אויף דעם אַ סך ווייניקער שאַנסן. און צי קען דען טיכאָנקע מיט איר רייַכער סביבֿה גיין אַפֿילו אין אַ וועלכן עס איז פֿאַרגלייַך מיט די וויסטענישן פֿון פּאַלעסטינע, פֿאַר וועלכער עס ווערט פֿאַרגאָסן ייִדיש און אַראַביש בלוט?..

הכּלל, ס'איז גוט! ס'איז ווי אָנגעמאָסטן!

✶

אָבער די ווייַטערדיקע געשעענישן ברענגען ווייניק פֿרייד. צו אונדזערע היציקע מוחות דערגייט, אַז ס'איז גרינגער צו פֿאַרשן דאָס לאַנד און אַנטציקן זיך מיט זייַן רייַכקייט, איידער באַהערשן די דאָזיקע ווילדע רחבֿותן מיט די באַגרענעצטע מיטלען, וואָס די ראַטנמאַכט טיילט אויס אויף דעם, און מיט די מענטשן וואָס קומען אַהין. די קאָלאָניזאַציע פֿון ווייַטן טיכאָנקער ייִשובֿ גייט דעמאָלט צו שרעקלעך שווער און פּאַמעלעך. דאָס יאָר 1928 גיט אַ לעכערלעך קליינע צאָל איבערוואַנדערערס — 6–7 הונדערט נפֿשות! ס'איז שוין פֿאַר קיינעם מער קיין סוד ניט: די שטעטלדיקע אָרעמשאַפֿט האָט מורא זיך צו לאָזן אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם ערגעץ, וואָס געפֿינט זיך עק וועלט,

העכער צען טויזנט קילאָמעטער פון מאָסקווע! אַחוץ דעם איז דאָס אַן אָרט, וואָס ליגט אַזוי האַרט בײַ דער כינעזישער גרענעץ, עפּעס אַ הונדערט וויאָרסט פון איר...

ייִדן שרעקן זיך אויך פאַר דער ווילדער טײַגע, ווו אויף איין קוואַדראַט־קילאָמעטער געפינט זיך ניט קיין איין איינציקער אײַנוווינער, און ווו די גאַנצע באַפעלקערונג פון דעם כרך, די הויפטשטאָט טיכאָנקע, ציילט אַרום זעקס מאות אײַנוווינערס מיט זייערע 120 זעמליאַנקעס. און ווער זענען עס די, מיט וועמען ס׳וועט אויסקומען דעם קליינשטעטלדיקן ייִד צו לעבן בשכנות? ערשט סוף 1931 ווערט טיכאָנקע אָפיציעל אָנגערופן מיטן נײַעם נאָמען — ביראָבידזשאַן, אַ צוזאַמענהעפט פון בירע און בידזשאַן — די נעמען פון די צוויי טײַכן, וואָס גאַרטלען אַרום די אויסגעטיילטע טעריטאָריע.

מילא, דאָס ביסל אַמאָליקע קאָזאַקן, איצטיקע לאַנדווירטשאַפטלערס און יעגערס אין דער טײַגע, זענען נאָך ווי עס איז פאַר אים אָננעמלעך. אָבער קאָרייער? אַזעלכע האָט נאָך דער דעקלאַסירטער קליינשטעטלדיקער קאַנדידאַט אויף ווערן אַן איבערוואַנדערער ניט געזען. און דער עיקר — די גאָלדן, און עפּעס אַן אומה, וואָס מ׳רופט זיי אודעגייצעס! וועגן אַזעלכע מענטשן האָט ער אַפילו אין חלום ניט געהערט. מ׳זאָגט — אַזיאַטן... ווי וועט מען מיט זיי אויסקומען? אויף וואָס פאַר אַ לשון זיך פאַרשטענדיקן?

דערווײַלע לאָזן זיך אין וועג אַרײַן נאָר ייִנגערע, שטאַרקערע און דרייסטערע, וואָס סײַ ווי האָבן זיי אויף זייערע אַלטגעזעסענע ערטער גאָר ניט וואָס אָנצוווערן. די מערהייט האָט ניט קיין וואַלרעכט. מ׳שטאַרבט דרײַ מאָל אַ טאָג פון הונגער, און וועגן קריגן אַרבעט בײַ זיך אין האַלב חרובן שטעטל, קען קיין רייד ניט זײַן. עס כאַפּן זיך אויך מיט אַוואַנטוריסטישע טיפּן.

גאַנץ גיך קומען אָן שרעקלעכע גרוסן: די איבערוואַנדערערס ווערן אויפֿגעפרעסן פון גנוס (גיפטיקע פליגעלעך) און פאַרפלייצט פון שלאַקסרעגנס, וואָס גיסן כמעט אַ גאַנצן זומער. קומט די מערהייט צו לויפן צוריק אין אַלטן שטעטל און מאַכט אַ שוואַרצן שם דער גאַנצער ייִדישער געגנט און זײַנע אָנפירערס. ווערן זיי דאָ פאַרשריִען ווי דעזערטירן און פאַרפאָלגט דורך דער שטעטלדיקער מיליץ און נ.ק.וו.ד., און די באַפעלקערונג האָט מורא צו האָבן מיט זיי אַוועלכן מגע־ומשא.

גייען מיר אַרום פאַרזאָרגטע. מיר ווילן געניי וויסן וועגן די סיבות פון דורכפאַל. בײַ דער ערשטער געלעגנהייט מאַכן ליבערבערג און הובערמאַן אַ נסיעה אין עטלעכע דערבײַיִקע שטעטלעך, באַזוכן געוועזענע ביראָבי־

זשאַנצעס. מען דאַרף פון זיי אַרויסבאַקומען דאָס אמתע בילד. ליבערבערגס און הובערמאַנס צוגעלאָזנקייט, זייער פשטות און וואַרעמע אויפמערקזאַמקייט שוואַכן אָפּ ביי די צוריקגעקומענע דעם פחד (אין ראַטן־פאַרבאַנד קען יעדער זייטיקער מענטש זיין אַן אונטערגעשיקטער פון דער נ.ק.וו.ד.) און זיי עפענען אויף זייערע פאַרביטערטע הערצער, שיטן, פאַרשטייט זיך, פעך און שוועבל אויף אַלץ און אויף אַלעמען; באַמיען זיך צו מאַכן דאָס שוואַרצע בילד נאָך חושכדיקער. שפּעטער לאַנג הערן זיי ביידע אויס די דערציילונגען וועגן אַלץ, וואָס די צוריקגעקומענע האָבן דאָרטן מיטגעמאַכט. און דאָך? און דאָך קומען זיי צום אויספיר, אַז טיכאָנקע מיט איר סביבה טויג דווקא יאָ! און איז יאָ צוגעפּאַסט פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. דאָרטן איז טאַקע דאָס ריכטיקע אָרט פאַר דער יידישער מלוכה. ניט דאָס לאַנד איז שלעכט, עס טויגן ניט די מענטשן, אין וועמענס הענט עס ליגט די אָנפירונג. עס טויגן ניט די מעטאָדן פון זייער אַרבעט. דאָס איז זייער ביידנס טיפע איבערצייגונג. און זיי ווילן עס דערוויזן — ניט די צוריקגעקומענע, נאָר דעם „קאָמערד" און דעם „געזערד" — „געזעלשאַפט איינצואָרדענען יידן אויף ערד אין ראַטן־פאַרבאַנד", וואָס האָט עקסיסטיר זינט דעם 17טן יאַנואַר 1925. זיין אויפגאַבע איז געווען העלפן דעם „קאָמערד" פּאָפּולאַריזירן אין לאַנד און אין אויסלאַנד דאָס באַזעצן יידן אויף ערד. זיין הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט זיך געפונען אין מאָסקווע. רעפּובליקאַנישע אָפּטיילן פון „געזערד" האָבן עקסיסטירט כמעט אין אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. קעמערלעך פון „געזערד" — אין אַלע פאַבריקן און אַנשטאַלטן. ווי צו אַלע איבעריקע „פריוויליקע" געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן אויך צו די „געזערד"־קעמערלעך „פריוויליק" געהערט זייער אַ גרויסע צאָל מיטגלידער־יידן און ניט־יידן. אין 1927 האָט אָנגעהויבן דערשיינען זיין אייגענע ספּעציעלע צייטשריפט אין רוסיש „טריבונאַ". מען האָט זי ליקווידירט אין 1937. אין 1938 פאַרמאַכט די נ.ק.וו.ד. דעם „געזערד" און כמעט אַלע זיינע אָנפירערס און מיטאַרבעטערס פאַרשיקט זי אין לאַגערן. און זעלטן ווער איז פון דאָרטן צוריקגעקומען.

צוליב די טענות וואָס ליבערבערג און הובערמאַן האָבן צום „קאָמערד" און „געזערד" אין די יאָרן 1928—1930 קומען פאַר אָפטע קאָנפליקטן אויף פּלענומס און זיצונגען פון אוקראַינישן „געזערד", ווו ביידע נעמען אָנטייל. אויך מיר, פאַרליבטע אין בירָאָבידזשאַן, יאָווען זיך אָפּט אַהער, צו מאָל אַפילו אומגעבעטענערהייט, און זאָגן אַ דעה, וועלכע איז, געוויינטלעך, ניט צום האַרצן דער אָנפירונג פון ביידע אינסטיטוציעס.

דער ביז גאָר פֿאַמעלעכער טעמפּ פֿון דער איבערוואַנדערונג און אפשר נאָך מער — דער גרויסער אָפּפֿלוס, וואָס שטראָמט צוריק אין שטעטל אַרײַן, ברענגען אומרו. מיר זענען ניט זיכער, צי דער מאַשלוס פֿון דער רעגירונג וועט ניט בטל ווערן מחמת די שרײַענדיקע דורכפֿאַלן בײַם קאָלאָניזירן דעם אויסגעטיילטן ערדמאַסיוו.

✱

העכער צוויי יאָר איז אַריבער, ביז מ׳האָט זיך ענדלעך דערוואַרט אויף דער געגאַרטער שעה: אין אַ הייסן אויגוסטטאָג פֿון יאָר 1930 ווערט פּראָקלאַמירט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אויפֿן ווײַטן מיזרח און אין זעקס וואָכן אַרום — אויף דעם לעצטן טאָג פֿון חודש סעפּטעמבער — ווערט מיט מזל באַשטימט דער ערשטער ראַטן־צוזאַמענפֿאָר פֿון דעם ייִדישן ראַיאָן. אין דעם ראַיאָן האָבן אַזעלכע ענטוזיאַסטן, ווי מיר, מיט פֿרייד געזען: אָט גייט שוין אויף דאָס פֿאַרזייטע קערנדל פֿון דער צוקונפֿטיקער ייִדישער אויטאָנאָמער איינס. און אין דעם ערשטן צוזאַמענפֿאָר פֿון דאָזיקן ראַיאָן האָבן מיר געוואָלט זען דעם אמתן נאַציאָנאַלן טריומף אונדזערן, און מיר ווילן, די וועלט זאָל פֿאַרשטיין און דערפֿילן, ווי גרויס ס׳איז דער יום־טוב! אָרגאַניזירן מיר אין אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור (וועלכער איז נאָר וואָס אָרגאַניזירט געוואָרן אויפֿן אָרט פֿון דער קאַטעדרע בײַ דער אַלאוקראַאִינישע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע) אַ פֿײַערלעכן צוזאַמענקום מיט פֿאַרבעטענע געסט — ייִדישע און אוקראַאִינישע אַקאַדעמיקערס, שרײַבערס און פּאַרטיי־אָנפֿירערס. די שטימונג איז אַ געהויבענע. נאָך דער זיצונג וויל קיינער ניט גיין אַהיים. פֿאַרברענגט מען אין אינטימע שמועסן וועגן דער רײַכער פּערספּעקטיוו, וואָס דערוואַרט אונדזער מאָרגנדיקער ייִדישער מלוכה. דער הייסער טעלעגראַפֿישער מזל־טוב, וואָס מיר שיקן דעם צוזאַמענפֿאָר, אָטעמט מיט פֿרייד און גלויבן.

אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען, וואָס זענען פֿאַרגעקומען צוליב דעם דאָזיקן ערשטן ייִדישן צוזאַמענפֿאָר אין די גרעסטע זאַוואָדן, מלוכה־אַנשטאַלטן, קאָאָפּעראַטיוון און הויכשולן, האָט געוויס קיינער ניט גערעדט צום עולם מיט אַזאַ פּאַטאָס, ווי מיר — די געוועזענע טעריטאָריאַליסטן און פּועלי־ציוניסטן. און דער לייענער פֿאַרשטייט מסתּמא, אַז גערעדט האָבן מיר אויף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען וועגן ביראָבידזשאַן לגמרי ניט דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט בסוד צווישן זיך, נאָר פּונקט דעם היפּוך: קודם־כּל זענען אונדזערע רייד געווען אַ לויבגעזאַנג צו דער פּאַרטיי און אַ פּראָקוראָרישער

טויט־אורטייל דעם ציוניזם און יעדן מין טעריטאָריאַליזם. געקלונגען האָט דאָס אַן ערך אַזוי: „דער ציוניזם האָט באַקומען זײַן ענדגילטיקן קלאַפּ דורך ביראָבידזשאַן... מיר זענען שטאָלץ, וואָס דאָס צוקונפטיקע ייִדישע לאַנד וועט געבויט ווערן ניט אויף פילאַנטראָפּישע מיטלען. אין ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַ מלוכישער ענין צו גלײַך מיט אַלע מלוכה־ענינים פון דעם סאָ־ציאַליסטישן, פילנאַציאָנאַלן לאַנד. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קען אַזאַ פּראָבלעם קיין מאָל ניט געלייזט ווערן. קלאָר, דער ציוניזם האָט באַנקראָ־טירט!.. ביראָבידזשאַן איז דער אומבאַשטרײַטלעכער פאַקט, וואָס באַווײַזט, אַז נאָר אין לאַנד פון סאָציאַליזם קען מען לייזן אַזאַ גראַנדיעזע פּראָבלעם ווי שאַפן אַ מלוכישע אייגנס פאַר אַ באַדנלאָז פאָלק... דאָס לעבן באַווײַזט, אַז ניט באַלפור־דעקלאַראַציעס און אַוודאי ניט קיין פּריוואַטע נדבות פון ייִדישע מיליאָנערן זענען בכּוח דאָס צו טאָן!"

דעמאָלט און ערשט ווען מיר פאַרענדיקן מיט אָט דער סאַמע וויכטיק־סטער פּרינציפּיעל קאָמוניסטישער אײַנשטעלונג, דערלויבן מיר זיך צוטרעטן צו ריין פּראַקטישע, אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען. און ערשט איצט זענען מיר אַבסאָלוט אויפריכטיק, מיר ריידן מיט האַרץ, מיט פאַרליבטקייט, מער ווייניקער אַזוי: „ניט פון קיינעם, פון אונדז גופא איז איצט אָפּהענגיק, אַז די געגאַרטע שעה זאָל קומען וואָס גיכער! יעדער האַרעפּאַשניק און יעדער אינטעליגענט איז מחויב זיך אײַנצושפּאַנען אין דער אַרבעט! לאָמיר אַלע פאַרקאַשערן די אַרבל און צולייגן אַ האַנט צום פאַרווירקלעכן דעם היסטאָרישן וווּנדער, וואָס וועט דערפירן די ייִדישע דעקלאַסירטע אָרעמקייט צו אַן אייגענער סאָוועטישער מלוכה!"

אונדזער ענטוזיאַזם גיט זיך איבער צו די צוהערערס, נאָך יעדן מיטינג וואַקסט די צאָל אַקטיוויסטן און מיטגלידער פון „געזערד" — ייִדן און ניט־ייִדן.

*

שעהען לאַנג זיצן מיר איבער דער נײַער געאָלאָגישער מאַפּע פון די ערד־אוצרות אין ייִדישן ראַיאָן און הערן ניט אויף נתפּעל צו ווערן. די דאָזיקע קאַרטע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער געאָלאָגיש־פאָרשערישער אָרגאַני־זאַציע „דאַלגעאָסטרוי" אויפן סמך פון זײַן ספּעציעלער עקספּעדיציע אין די יאָרן 1932—1933. און מיר דאַכט זיך, אַז כ'וואָלט אויך הײַנט מיט פאַר־מאַכטע אויגן געקענט אָנווײַזן אויף דער דאָזיקער קאַרטע, ווו עס געפינען

זיך די גאָלדגרובן פון סוטאָראַ, ווו — די ווונדערלעכע מירמלשטיינער און די איבעריקע אוצרות, וואָס האָבן אַזוי פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון אַזעלכע ווי איך. זיי זענען דאָך שוין דאָס אייגנס פון די סאָוועטישע ייִדן !..

ביז הײַנט זענען פאַרבליבן אין מײַן זכרון די עטלעכע שווערע חדשים, וואָס האָבן זיך פאַר אונדז געצויגן ווי יאָרן. לויט די אָריענטיר־פּלענער פון אַלרוסלענדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט (וציק) האָט דער בּיראָבּי־דזשאַנער ייִדישער ראַיאָן באַדאַרפט אָפיציעל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויטאָנאָמער ייִדישער געגנט שוין סוף 1933. האָט מען מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג. אָבער ס׳גייט אַדורך דער האַרבסט, ס׳האָט זיך שוין פאַרענדיקט דאָס אַלטע יאָר 1933, און מען הערט ניט און מען זעט ניט... גייען מיר אַרום פאַרמרה־שחורהטע. ס׳קומט שוין אָן דאָס נײַע יאָר 1934 ! פאַר וואָס איז פּלוצעם אַזוי שטיל געוואָרן ? פאַר וואָס פאַרציִען זיי מיטן אַרויסגעבן דעם דעקרעט ?! בײַ יעדער מעגלעכקייט פּרווון מיר זיך דערוויסן בײַ די מיטאַרבעטערס פון אַלאוקראַיִנישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט : אפשר איז צו זיי אָנגעקומען עפּעס אַ ידיעה ?

אויך דער צענטראַלראַט פון „געזערד" האָט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער...

ערשט אין מײַ האָבן מיר פרײַער אָפּגעאָטעמט : געליינט שוואַרץ אויף ווײַס דעם דעקרעט פון 7טן מײַ 1934 :

„פאַרוואַנדלען דעם בּיראָבּידזשאַנער ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אין באַשטאַנד פון ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט.

פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט — קאַלינין

סעקרעטאַר — יענוקידזע".

אין אָקטאָבער 1934 באַקומט שוין די געגנט איר זעלבשטענדיקן ביור־דזשעט פון אַלרוסלענדישן ראַטפאָלקאָם. די ייִדישע געגנט איז אַ געשעענער פאַקט !!!

און אָט לעבן מיר איבער ביז גאָר געהויבענע טעג : לויטן ווילן פון צ.ק. פון דער אַלק.פּ.(ב) איז ניט קיין אַנדערער, נאָר דווקא ער, דער „פּראָפ. יוסף ליבערבערג באַשטימט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט". דאָס האָט באַטײַט, אַז אויפן ערשטן ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער געגנט וועט ער „איינשטימיק געוויילט" ווערן פאַר איר בעל־הבית — דער פאָרזיצער פון איר אויספיר־קאָמיטעט ! מיר זענען מלא שׂימחה.

ווער האָט דעמאָלט זיך געקענט ריכטן, אַז גראָד אויף אים, אויף דעם וואָס האָט אַמשאַרפסטן קריטיקירט די אַרבעט פון די ביז איצטיקע ביראָ־בידזשאַנער טוערס, וועט פאַלן דער בכבודיקער אויסוואַל צו זײַן דער ער־שטער פאָרזיצער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט?!

צי האָבן אַפילו די פאַרביסנסטע קעגנערס זיך געקענט דערטראַכטן צו דעם שרעקלעכן אומגליק, וואָס וואַרט דאָרטן אויף אים און כּמעט אויף אַלע, וואָס האָבן זיך געאײַלט אַהינצו? נאָר דער טײַוול אַליין האָט געקענט פאָרויסזען, אַז מיר אײַלן זיך — פרײַוויליק, ענטוזיאַסטיש אין אַ פּרעציז צוגעגרייטער פאַסטקע אַרײַן!

ממש טויזנט און איין נאַכט!

דערווײַלע שטייט ניט די צײַט אויף אַן אָרט: די פּאַרטיי שאַפט אַלץ נײַע און נײַע, צביעותדיקע שטערונגען דאָ אויף איינעם, דאָ אויף אַן אַנדערן שטח פון דער ייִדישער קולטור־בויונג. און וואָס אומרויִקער מיר ווערן וועגן די ווײַטערדיקע פּערספּעקטיוון פון דער ייִדאַרבעט דאָ, אין די צענטערן פון לאַנד, אַלץ גרעסער ווערט אונדזער אינטערעס און שטאַרקער די זאָרג פאַר דער רעאַליזאַציע פון ביראָבידזשאַנער פּראָיעקט. אונדז אינטערעסירט יעדע קלייניקייט, וואָס קומט פאָר דאָרטן, אין ווײַטן ייִדישן ראַיאָן. דער קלענסטער נצחון פאַרשאַפט פרייד, יעדער דורכפאַל באַאומרויִקט אונדז.

ס'איז אָנהייב 1932. צוויי יאָר פאַרן פּראָקלאַמירן ביראָבידזשאַן ווי אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע געגנט.

אַ צײַט טראָגן מיר זיך אַרום מיטן פּלאַן: מיר ווילן, אַז עמעצער וואָס איז מסוגל ניכטער צו זען דיווירקלעכקייט, זאָל באַזוכן ביראָבידזשאַן, זײַן דאָרטן אין יעדן ווינקעלע, אַליין זיך איבערצײַגן אין דעם וואָס דאָרטן געשעט. די פּאַסיקסטע מענטשן זענען יוסף ליבערבערג און ברוך הובערמאַן — מענטשן וואָס פאַרנעמען הויכע אָפיציעלע פּאָסטנס און זענען גלענצנדיקע אָרגאַניזאַטאָרן.

פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג — היסטאָריקער, גלענצנדיקער פאָרשער, רעדנער און אָרגאַניזאַטאָר. אָנפירער פון דער קאַטעדרע פאַר ייִדישער קול־

טור בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו, דערנאָך — פון דעם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. אין דער יוגנט — אַ ציוניסט. שפּעטער — אַ הייסער קאָמוניסט. אין מײַ 1934 איז ער לויטן ווילן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן ערשטן פאַרזיצער פון דעם געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אויספירלעכער וועגן זײַן פאַר־ביראָבידזשאַנער פּעריאָד — אין מײַן בוך „אויף וועגן און אומוועגן", דריטער באַנד, ערשטער טייל.

ברוך — אַזוי האָט מען גערופן ברוך הובערמאַנען אין די ברייטע ייִדישע און ניט־ייִדישע קולטורקרײַזן. פּונקט ווי ליבערבערג, איז ער אויך אַ געוועזענער לינקער פּועלי־ציוניסט. ער איז געקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד פון פּוילן אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן. געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד. עטלעכע יאָר געדינט אין אויס־שפּירדינסט פון דער רויטער אַרמיי אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. באַזעצט זיך אין ביראָבידזשאַן אָנהייב 1935. ביידן, ליבערבערגן און הובער־מאַנען האָט די נ.ק.וו.ד. שפּעטער דערשאָסן.

ווי אויבן געזאָגט, האַלטן מיר בײַם יאָר 1932.

דער אויטאָריטעט פון ביידע קאַנדידאַטן איז געווען גרויס, און זיי באַקומען די אונטערשטיצונג צו אונטערנעמען די נסיעה. דאָס איז אָבער אין יענע יאָרן געווען ניט פון די לײַכטע זאַכן. ביראָבידזשאַן ליגט אויף אַ מרחק פון 11 טויזנט קילאָמעטער פון קיִעוו. קיין ציווילע אַוויאַציע־פאַרבינדונג מיטן ווײַטן מיזרח עקסיסטירט כּמעט ניט. דאַרף מען פאָרן מיט דער אײַזנבאַן. אַן ערך 22 מעת־לעת געדויערט דער וועג אַהין און צוריק, אַפילו אויב איר פאָרט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן עקספּרעסצוג פּאַריז־וואַרשע־מאָסקווע־וולאַדיוואָסטאָק־פּעקין, און אָפּקאָסטן דאַרף אַזאַ נסיעה אַ מאַיאָנטעק. סוף־כּל־סוף באַקומען מיר דערצו מיטלען פון „געזערד", פון אינסטיטוט, פון דער אַקאַדעמיע, און פון ווּעמען ניט? און אין 1932 געלינגט אונטער־צונעמען די לאַנגגעגאַרטע נסיעה. עס פאָרן טאַקע קיין ביראָבידזשאַן ליבער־בערג און הובערמאַן.

איך מיין, אַז קיין מאָל האָט אין דעם גרויסן אַקטזאַל פון דער אַלאוקראַיִ־נישער אַקאַדעמיע ניט געהערשט אַזאַ געהויבענע שטימונג, ווי אויף דער פאַרזאַמלונג ווו ליבערבערג און הובערמאַן האָבן אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען און געטאָן אין ביראָבידזשאַן. מיט שפּאַנונג

הערן מיר זייער דערציילן וועגן די זיצונגען, וועלכע זיי האָבן דאָרטן געהאַט כּמעט מיט אַלע אָנפירערס פון ראַיאָן און וועגן זייערע אַרויסטרעטונגען אויף מאַסן־מיטינגען, צו וועלכע ס׳איז געקומען כּמעט די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג און שעהען לאַנג געשטאַנען אונטערן פרייַען הימל און זיך צוגעהערט צו די וויכּוחים, וועלכע ליבערבערג און ברוך האָבן געהאַט מיט אייניקע אָנפירערס פון דער געגנט.

ביידע שליחים קומען פאַרכּישופטע פון דעם רחבותדיקן ייִדישן ראַיאָן, וואָס האַלט מער ווי 70 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער און איז גרעסער ווי דער שטח פון די דרייַ אייראָפּעיִשע מדינות — בעלגיע, האָלאַנד און לוקסעמבורג צוזאַמען גענומען, מיט זייערע קרוב צו 18 מיליאָן איינוווינערס.

מיט התפּעלות דערציילן זיי וועגן זייער באַזוך אין דער בירער אַגריקולטור־פּרוווסטאַנציע. דאָרטן האָבן זיי מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אויף דער פעטער ביראָבידזשאַנער רויערד וואַקסן פאַרשיידענע קולטורן, אַנהייבנדיק פון אַזעלכע וואָס בליִען נאָר אין אַ הייסן קלימאַט, ביז אַזעלכע וואָס וואַקסן בלויז אויפן קאַלטן צפון.

הגם מיר וויסן וועגן דעם פון די באַריכטן, וואָס מיר זאַמלען שוין זיבעציק יאָרן, פאַרשיטן מיר די שליחים מיט פראַגעס: „און פאַמידאָרן וואַקסן אויף דער פּרוווסטאַנציע? און אַרבוזן האָט מען שוין געפּרוווט קולטיווירן?" אַפילו די סקעפּטיש געשטימטע צום גאַנצן ענין זיצן און הערן מיט אָפענע מייַלער.

די שליחים קענען זיך ניט אָנלויבן פון די גרויסע וואַסער־רעסורסן, וואָס ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט. יעדע טריקעניש אין דאָרטן אַבסאָלוט אויסגעשלאָסן. הייַנט די וואַלד־אוצרות! זיי באַטרעפן 60 פּראָצענט פון באָדן און פאַרנעמען 9 מיליאָן העקטאַר. ביידע שליחים האָבן פאַרבראַכט עטלעכע מעת־לעת אין דער ווילדער אוראַלטער טייַגע. געווען צו גאַסט בייַ די גאָלדן און אויך בייַ די קאָרעיִשע און טונגוסישע אַלט־איינגעזעסענע יעגערס. געווען אין ערטער, וועלכע קיין מענטשלעכער פוס האָט ביז איצט ניט באַטראָטן. דאָרטן דרעמלען אוצרות, וואָס וועלן זיך קיין מאָל ניט אויסשעפּן...

די אוראַלטע צעדערביימער, טענענביימער, קאָרקביימער, די ריזיקע סאָסנעס און ליפּעס זענען אַ ברכה פאַרן ייִדישן לאַנד. זיי זיכערן אַ שנעלע און ביליקע בוויונג פון אונטערנעמונגען און הייַזער פאַר די איבערוואַנדערערס און דערצו נאָך — אַ רייַכן עקספּאָרט פון דעם ווערטפולן געהילץ, אַן עקספּאָרט וואָס קען אַריינברענגען מיליאָנען דעוויזן. און דאָס געיעג

אויף די זעלטנסטע חיות אין דער טײַגע פֿאַרזיכערט דעם עקספּאָרט פֿון טײַערסטן פּוטערוואַרג, וואָס איז מיט גאָלד צו גלײַך.

די צוהערערס באַמיִען זיך קיין איין וואָרט ניט צו פֿאַרלירן פֿון ליבער־בערגס און ברוכס דערציילונג, ווי אַזוי זיי זענען ביידע געשווומען מיט אַלט־אײַנגעזעסענע פֿישערס אויפֿן מעכטיקן אַמור. ס׳איז איינער פֿון די גרעסטע טײַכן אין דער וועלט און וואָרט, מען זאָל אָרגאַניזירן אויף אים אַ גרויסן מעכאַניזירטן פֿישפֿאַנג פֿון זײַנע פֿײַנסטע פֿיש, וואָס קענען באַ־שפּײַזן דעם גאַנצן ווײַטן מיזרח. דער אַמור וואָרט, אַז די ייִדישע איבער־וואַנדערערס זאָלן עפֿענען אויף אים אַ גרויסן שיפֿפֿאַרקער און אויסבויען מעכטיקע הידראָ־עלעקטרישע סטאַנציעס.

דער עולם זיצט אַ פֿאַרכּישופֿטער. ממש טויזנט און איין נאַכט !..

ווען ליבערבערג און ברוך הייבן אָן מאָלן די אוצרות, וואָס זענען באַהאַלטן אין די בּיראָבּידזשאַנער ערד־טיפֿענישן, זעען מיר אַלע באַשײַמ־פּערלעך דעם רויך, וואָס שלאָגט פֿון די קוימענס פֿון די מעטאַלורגישע זאַוואָדן און די סנאָפּעס פֿײַערפֿונקען פֿון די מאַרטען־אויוונס אין דער מאָרגע־דיקער ייִדישער סאָציאַליסטישער מלוכה...

און דאָס האַרץ וואַקסט פֿאַר פֿרייד — איין קלייניקייט ! די לעצטע וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע האָט באַוויזן : אַ האַלבער מיליאַרד טאָן אײַזנ־אַרץ ליגט אין בוזעם פֿון קליינכינגאַנער בערגקייטן ! עטלעכע מיליאַרד טאָן הויכסאָרטיקע קאַלך־רעזערוון ! מאַרמאָר פֿון דער בעסטער קוואַליטעט און זעלטנסטע סאָרטן (מען פֿירט אים אַרויס אויף באַפּוצן די פּאַלאַצן אין קרעמל און דעם מעטראָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין מאָסקווע). הײַנט די גאָלד־אוצרות ! זיי ציִען זיך פֿון טײַך סוטאַראַ אַזש ביזן אַמור... און די קאָלאָסאַלע רעזערוון פֿון גראַפֿיט און מאַגנעזיט ! דאָס אַלץ דרעמלט דערווײַלע אין די טיפֿענישן פֿון בּיראָבּידזשאַן און וואַרט אויף אונדזערע ייִדישע הענט !

הכּלל, דאָרטן אויפֿן ווײַטן מיזרח ליגט דער גליקלעכער גורל פֿון סאָ־וועטישן ייִדנטום. איצט דאַרפֿן קומען ייִדישע האָרעפּאַשנע הענט, ייִדישער שׂכל און ייִדישע איניציאַטיוו, געפּפּלט אויף סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, און דאָס סאָוועטישע פֿילמיליאָניקע ייִדנטום וועט ווערן אַ פֿאָלק מיט פֿעלקער גלײַך !..

פלעקן אויף דער זון

אונדזערע שליחים פאַרשווייַגן ניט די טונקעלע זייַטן פון ביראָבידזשאַן. אויך אויף דער זון זענען פאַראַן פלעקן, הגם זי שייַנט אַזוי העל...

וואָס זשע פאַר אַ פלעקן זענען פאַראַן אויף אונדזער ביראָבידזשאַנער זון? זומערצייַט גיסן וואָכנלאַנג שלאַקסרעגנס און דער „גנוס" פרעסט די איבערוואַנדערערס און די פּי ביז ווונדן אויפן לייַב. נישקשה, דער „גנוס" פאַרשווינדט, ווען ס'קומען אויף מענטשלעכע יישובים. און דער רעגן? אַדרבה, ער ברענגט אַ ברכה פאַר דער גערעטעניש! ווינטער דערגייען די קעלטן ביז 40—50 גראַד! אויך דאָס איז אמת. אָבער דערפאַר איז דער פראָסט אַ ליבער, כמעט ניטאָ קיין ווינטן, די שטאַרקע מיזרח־זון שייַנט כמעט אַ גאַנצן ווינטער, און מען קען זיך אין די מיטאָג־שעהען ברענען אויף דער זון, ווי אויף אַ פּליאַזשע...

זומפּן באַדעקן אַ גרויסן טייל באָדן. ווערלן מיר זיי פאַרוואַנדלען אין אַ מזל־בלכה, אין בלינעדיקע פעלדער, גערטנער און שטעט.

ביראָבידזשאַן געפינט זיך אַזוי שרעקלעך ווייַט פון אייראָפּע און פון סאָוועטישע צענטערן! דערפאַר אָבער געפינט ער זיך אַקוראַט אויפן וועג פון דעם ריזיקן וועלטטראַקט — פון דער אייַזנבאַן, וועלכע פירט פון פאַריז דורך בערלין און וואַרשע קיין מאָסקווע, און פון מאָסקווע קיין וולאַדיוואָסטאָק און פון דאָרטן אַזש קיין כינע און יאַפּאַן... שוין הייַנט שטעלט זיך אָפּ דער דאָזיקער וועלטצוג אויף דער פאַרשלאָפענער טיכאָנקער סטאַנציע. אמת, אויף איין קליינער ווייַלע, אָבער ניט ווייַט איז דער טאָג, ווען ביראָבידזשאַן וועט אַ דאַנק יידישער אַרבעט ווערן אַ וויכטיקער אייַזנבאַן־קנופּ פון אינטערנאַציאָנאַלן באַטייַט.

פלערליי סקעפּטיקערס אין אויסלאַנד און דאָ בייַ אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד טענהן, אַז ביראָבידזשאַן ליגט האַרט בייַ דער גרענעץ פון פייַנד־לעכע אַזיאַטישע מלוכות; אַז די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרטן באַדראָט פון זיי און מען רוקט זי אויפן ערשטן פייַער! אָט דאָס דווקא אימפּאָנירט אַ גרויסן טייל ביראָבידזשאַנער חסידים: די ראַטנמאַכט און די פּאַרטיי ווייַזן אַרויס צו אונדז, יידן, גרויס צוטרוי. זיי געטרויען אונדז, די אויס־געפּרוווטע יידישע פּאַטריאָטן, צו זייַן דער פאָרפּאָסט אויפן ווייַטן מיזרח. און מיר וועלן דעם צוטרוי באַרעכטיקן. מיר וועלן זייַן אין די ערשטע רייען בייַם פאַרטיידיקן אונדזער סאָציאַליסטיש פאָטערלאַנד פון יעדן אַגרעסאָר.

מיר האָבן דאָס שוין באַוויזן בעת דעם בירגערקריג. אַגב, איז פֿאַרן שׂונא בכלל ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, וואָרעם ס׳איז ניטאָ אַזאַ כּוח אין דער וועלט, וואָס קען בײַשטיין קעגן אונדזער מעכטיקער פּאַרטיידיקערין — דער רומפֿולער רויטער אַרמיי. אָבער דער בעסטער מיטל צו פֿאַרמײַדן יעדע אינטערווענץ פֿון אונדזערע ווײַט־מיזרחדיקע שׂונאים איז געדיכט באַזעצן די גרענעץ־געביטן מיט געטרײַע סאָוועטישע בירגער.

און אַזוי אַרום שטייט אונדז, דעם סאָוועטישן ייִדטום, פֿאַר צו לייזן איינצײַטיק צוויי וויכטיקע פּראָבלעמען: ווידער אויפֿלעבן די ייִדישע נאַציע און פֿאַרזיכערן אונדזערע ווײַט־מיזרחדיקע גרענעצן. אָט די דאָזיקע טאָפּעלע אויפֿגאַבע דאַרפֿן מיר פֿאַרווירקלעכן וואָס גיכער. דאָס איז דער חוב פֿון די סאָוועטישע ייִדן.

*

דערווײַלע אָבער ווערט די אויפֿגאַבע זייער שלעכט אויסגעפֿירט — דערציילן ביידע שליחים מיט אויפֿרעגונג. דאָרטן, אין בירא־בידזשאַן, זאָרגט מען גאָר ווייניק פֿאַר די געקומענע איבערוואַנדערערס. ביידע האָבן זיי געזען ווי די איבערוואַנדערערס לעבן אין שרעקלעכע באַדינגונגען. זייער דערנערונג איז אַ שלעכטע ביז גאָר. די פֿאַכלײַט ווערן ניט אויסגעניצט ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. דערצו זענען נאָך אָנגעקומען אַ סך אַלטע און קראַנקע, וואָס פֿאַלן צו לאַסט... אין דער אָנפֿירונג פֿון ראַיאָן זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס באַציִען זיך ביוראָקראַטיש צו די געקומענע. דער „קאָמערד" און דער „געזערד" זענען אומבאַהאָלפֿן. לויפֿן די איבערוואַנדערערס מאַסנווײַז צוריק. גוט, אויב ס׳וועט בלײַבן אַ העלפֿט אויפֿן אָרט. עס גייען לאיבוד קאָלאָ־סאַלע געלטער.

אַזוי טאָר עס ווײַטער ניט אָנגיין — מאַכן מיר דעם אויספֿיר, און גרויס איז אונדזער אויפֿרעגונג און נאָך גרעסער איז אונדזער אומרו.

ליבערבערג און ברוך ווענדן זיך צו דער העכערער פּאַרטיי־שער אָנ־פֿירונג, סײַ דאָרטן אויפֿן ווײַטן מיזרח און סײַ דאָ אין צענטער, מיט שריפֿט־לעכע מעמאָראַנדומס: די איבערוואַנדערערס לעבן דאָרטן אין ניט דערלאָז־לעכע באַדינגונגען. דער אָפּקלייב פֿון די איבערוואַנדערערס, שרײַבן זיי, פֿירט זיך ניט ריכטיק. די אַגיטאַציע פֿון דער איבערוואַנדערונג קיין בירא־בידזשאַן ווערט געפֿירט ניט גענוג ערנסט און ניט גענוג אינטענסיוו. דערפֿאַר איז קליין די צאָל פֿון די, וואָס פֿאָרן אַהין און גרויס דער פּראָצענט פֿון די,

וואָס לויפן פון דאָרטן צוריק. דער „קאָמערד" און דער „געזערד" דאַרפן איצט ווענדן זייער טעטיקייט דער עיקר אויף ביראָבידזשאַן. דאָס טוען זיי אָבער ניט אין דער גענוגנדיקער מאָס.

די מעמאָראַנדומס האָבן אַרויסגערופן אומצופרידנקייט אין די קרייַזן פון דער ביראָבידזשאַנער אָנפירונג און אויך בייַ די אָנפירערס פון „קאָמערד" און „געזערד". נאָך לאַנגע דינגעניש איז משה ליטוואַקאָוו מסכּים געווען צו פּובליקירן אין „עמעס" אַרטיקלען, אין וועלכע ליבערבערג און הובערמאַן שרייַבן צווישן אַלעם, אַז דאָס מאַסן־אַנטלויפן פון די איבערוואַנדערערס טאָר מען ניט אַרויפוואַרפן בלויז אויף די שלאַקסרעגנס, וואָס האָבן געגאָסן דעם גאַנצן זומער 1932. שולדיק אין דעם, וואָס אַכציק פּראָצענט פון די נייַ־געקומענע זענען אַנטלאָפן, איז די שלעכטע אַרבעט פון דער אָנפירונג מיטן ראַיאָן. ווי אַ באַווייַז ברענגען זיי ציפערן: אַנטלאָפן זענען אַ סך מענטשן נאָך איידער די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן, און 25% פון די אַנטלויפערס זענען געקומען אַהער נאָך אין די פריִערדיקע יאָרן. דער רושם פון די צוויי אַרטיקלען איז געווען אַ גאָר שטאַרקער.

אין יענעם יאָר 1932 האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז דער גאַנצער פּלאַן צו בויען ביראָבידזשאַן האָט געליטן אַזאַ קלאַפּ, אַז די פּאַרטיי וועט זיך, חלילה, אין גאַנצן אָפּזאָגן פון אים...

קענען מיר ניט רוען: ווי לאַנג נאָך וועט די איבערוואַנדערונג גיין מיט אַזעלכע פּאַמעלעכע טעמפּן? ס'איז נאָך ניט דערגאַנגען די שטים פון אַגי־טאַטאָר צו די ווייַט פאַרוואָרפענע יידישע שטעטלעך, וואָס שמאַכטן אין נויט און זיי דראָט דאָרטן ממש פיזישער אומקום. ברענגען צו זיי דאָס אויפ־קלערוואָרט דאַרפן אַלע, און אין דער ערשטער ריי מיר, די יידישע וויסנ־שאַפטלערס. צו אונדז וועט די אָרעמשאַפט האָבן צוטרוי.

איצט שטעלט זיך פאַר אַזאַ בילד: ס'ווערט גערופן אַ ספּעציעלע אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונג פון גאַנצן אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. אויפן סדר־היום שטייט איין פּונקט: ביראָבידזשאַן. ליבערבערג האַלט אַ פלאַמפייַערדיקע רעדע: „מיר מוזן שאַפן נייַע קאָנטינגענטן יידישע איבערוואַנדערערס!" ער צינדט אַזוי אָן דעם עולם, אַז פון זאַל טראָגן זיך שטימען: „לאָמיר זיך אַלע אָנשליסן צו דער פּראַקטישער אַרבעט! און שוין היינט!" פון אַלע זייַטן דערהערט זיך: „פאַרשרייַבט מיך!" עס דערהערט זיך די שטים פון נחום שטיף: „שיקט אויך מיך!" און נאָך רופט אויס דאָ איינער, דאָ אַ צווייטער: „איך מאָביליזיר זיך צו שאַפן נייַע איבערוואַנדערערס!"

רײַסן מיר איבער די פאָרשערישע אַרבעטן אין אינסטיטוט אויף אַ גאַנצן חודש. מיר טײלן זיך אײַן אין בריגאַדעס צו צװײ מענטשן — אײנער אַן עלטערער און דער אַנדערער אַ יונגער װיסנשאַפטלער. און ס׳גיבן זיך אַ לאָז איבער די הונגעריקע האַלב אָפּגעשטאַרבענע שטעטלעך פון אוקראַיִנע העכער 60 װיסנשאַפטלערס. זײ פאָרן אַגיטירן די ייִדישע אָרעמשאַפט זיך צו באַזעצן אין ביראָבידזשאַן. און װי קלענער און װײַטער פון צענטער עס איז דאָס שטעטעלע, אַלץ חשובער איז דער געלערנטער שליח, װעלכן עס שיקט אַהין דער אינסטיטוט.

אין זכּרון שװימט אויף נאָך אַ רירנדיק בילד: די אַגיטאַטאָרן זענען שוין גרײט אָפּצופאָרן. דער גאַנצער פּערסאָנאַל, יונג און אַלט, מיט די רוקזעק אויף די פּלײצעס איז פאַרזאַמלט אין אינסטיטוט. ליבערבערג גיט דעם לעצטן אינסטרוקטאַזש. און דאָ האָבן מיר נאָך אַ מאָל די געלעגנהײט זיך איבער־צוצײַגן, װי גרויס עס זענען זײַנע קענטעניש װעגן ביראָבידזשאַן — אַזוי װי ער װאָלט געװען אַ געבוירענער דאָרטן, אין דער טײַגע. מיט זײַן גלויבן און ליבע שטעקט ער אָן די אָפּפאָרנדיקע.

*

געװען איז דאָס אין די יאָרן 1932/1933 מיט זײערע שרעקלעכע פאָלגן פון דער צװאַנג־קאָלעקטיװיזאַציע, פון װעלכער די ייִדישע שטעטלדיקע דעקלאַסירטע אָרעמשאַפט האָט אָפּט מאָל געליטן מער, װי דער אוקראַיִנישער דאָרף גופא. איך בין געפאָרן זאַלבע צװײט מיט נחום שטיף אין קלײנעם ייִדיש־אוקראַיִנישן שטעטעלע אָלעװסק, און כ׳װײס ניט, װער פון אונדז בײדע — איך, די פּאַרטײיִשע אַקטיװיסטקע, צי ער, דער אומפּאַרטײיִשער גרויסער געלערנטער, האָט טיפער איבערגעלעבט דעם חורבן, װעלכן מיר האָבן דאָרטן דערזען. װעגן אָט דער טראַגי־קאָמישער נסיעה אונדזערער װעל איך דערצײלן אַן אַנדערש מאָל.

אַ סך פון די קאַבינעט־געלערנטע האָבן צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט דער טרויעריקער װאָר און זענען צוריקגעקומען דער־שיטערטע פון דעם מצב, װעלכן זײ האָבן דאָ געטראָפן. איז איצט קײנער פון זײ ניט געזעסן מיט פאַרלײגטע הענט און געהאָלפן, געהאָלפן מיט װאָס עס איז נאָר געװען מעגלעך.

די ייִדישע אינטעליגענץ, אַפילו די װאָס איז פאַרכאַפּט מיט ביראָ־בידזשאַן, איז אָבער פּסיכאָלאָגיש נאָך ניט גרײט געװען צו פאָרן אַהין.

ס׳איז ניט גרינג זיך צו שיידן מיט דער גרויסער שטאָט, מיטן גוטן פּאָסטן און דאָס אַלץ פאַרבייטן אויף שווערע פּרימיטיווע שטייגער־באַדינגונגען. און דער עיקר — מ׳קען ביי זיך ניט פועלן צו זיין אָפּגעריסן פון יעדן קולטור־צענטער.

דאַרף מען אַפּעלירן צו דער דאָזיקער אינטעליגענץ. לאָזן זיך אויך ליבערבערג און הובערמאַן אין וועג אַריין.

מאַסנווייז שטראָמט מען אויף די באַריכט־פאַרזאַמלונגען פון די צוויי שליחים. זיי ווערן איינגעאָרדנט אין די גרעסטע שטעט פון אוקראַינע. מען קומט הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון בירָאָבידזשאַן. מ׳איז נייגעריק צו הערן די מיינונג פון אַזעלכע צוויי אויטאָריטעטע עדות. ביידע ווענדן זיך מיט אַ הייסן רוף צו דער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט, צו די לערערס, שרייבערס און וויסנשאַפטלערס: שרעקט זיך ניט פאַר די שוועריקייטן, פאַרט פריי־ווויליק בויען די מאָרגנדיקע יידישע מלוכה. דאָרטן וואַרט אויף יעדן איינעם אַ ברייט פעלד פון נוצלעכער און אינטערעסאַנטער טעטיקייט. אין בירָאָ־בידזשאַן עפענען זיך פאַר יעדן יידישן אינטעליגענט גרויסע מעגלעכקייטן פאַר זיין איניציאַטיוו. בירָאָבידזשאַן איז אָרעם אין הויך־קוואַליפיצירטע קולטור־טוערס, עס פעלן לערערס און אַגראָנאָמען, דער שפּיטאָל איז אָן דאָקטוירים, פאַראַן יישובים אָן אַ קראַנקן־שוועסטער, די צייטונגען האָבן ניט קיין זשורנאַליסטן, ניטאָ קיין עקאָנאָמיסטן און בוכהאַלטערס...

דער הייסער רוף באַקומט אַ געהעריקן אָפּקלאַנג. אַביטוריענטן וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור אין אונדזער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, לאָזן זיך קיין בירָאָבידזשאַן. עס פאָרט אויך דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ פון כאַרקאָוו, אָדעס און קיִעוו. אויך אַביטוריענטן פון יידישן אָפּטייל אין צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט, יונגע שרייבערס און לערערס באַזעצן זיך דאָרטן.

האָבן מיינע חברים פריי־ווויליק געוואָרפן זייערע איינגעזעסענע ערטער און גוטע שטעלעס, גענומען ווייב און קינד, פאַרפּאַקט דאָס ביסל בעבעכעס און געאיילט, געאיילט אַהינצו: ברוך הובערמאַן מיט זיין פרוי — די דאָק־טערין רעגינע ראָזענבלום; אַלעקסאַנדער זאַבלודאָווסקי, חיים שיף מיט זיין פרוי שיפרה — די קוואַליפיצירטע פאַרשול־לערערין; י. עליאָוויטש מיט זיין קריסטלעכער פרוי — אַ דאָקטערין; ישׂראל ראַבינאָוויטש מיט דער פּעדאַגאָגין דוואָרקינאַ; נתן קאַרמאַן, בנימין גאָלדפיין, דאָס פּאָרפאָלק חיים און רבקה גוסאָווסקי — ער אַן עקאָנאָמיסט, זי, אַ ביבליאָטעקאַרין; פון

כאַרקאָוו — משה לעוויטאַן, מיכל לעוויטאַנס ברודער מיט זײַן פרוי — אַ דערפאַרענע דאָקטערין; י. קוויטני, די שרײַבערין פון די דאָזיקע שורות א״אַנד. נאָך פריִער פון אונדז — הענעך קאַזאַקעוויטש מיט זײַן משפּחה, אַ ביסל שפּעטער — בוזי גאָלדינבערג און אַנדערע. די איבעריקע האָבן זיך געגרייט אין וועג אַרײַן; געוואַרט אויף אונדזער ידיעה פון דאָרטן. מיר זענען דאָך געפאָרן מיט דער האָפענונג צו שאַפן פאַר זיי כאָטש די מינימאַלסטע באַדינגונגען פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט.

מיר פרייען זיך, ווײַל מיר זענען זיכער: זייער אָנקום וועט פאַר ביראָ־בידזשאַן האָבן אַ וויכטיקן באַטײַט. דאָס איז דאָך אַ לעבעדיקער שטראָם פון ענערגישע הויך קוואַליפיצירטע יונגע מענטשן, וואָס וועלן אָפּפרישן דאָס פאַרפּראָווינצטע קולטור־לעבן דאָרטן. זיי וועלן ווערן די אָנפירערס מיט דער בילדונג, מיטן טעאַטער, מיט דער פרעסע, מיט די ביבליאָטעקן, טעכ־ניקומס, מיטן ראַדיאָ, און צוגעבן וועלן זיי דער קולטור־אַרבעט אַ נײַעם גרויסשטאָטישן סטיל און ברייטן פאַרנעם.

אוי־ווײ, ווי מיר האָבן זיך טועה געווען! אָ, ווי גיך, ווי בליץ שנעל ס׳איז אויסגערונען געוואָרן די נאַרישע האָפענונג, טאַקע דאָרטן אין ביראָ־בידזשאַן... דווקא דאָרטן, אין דער „נאַציאָנאַלער״ ייִדישער געגנט זענען ענדגילטיק אַראָפּגעפאַלן די פערדישע שאָרן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אַזוי פעסט און אַזוי לאַנג אויף אונדזערע פאַרטייִישע אויגן...

סעקציע פאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש

אונדזער פעסטע איבערצײַגונג איז: ביראָבידזשאַן דאַרף אויף להבא פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם גרויסן צענטער פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, און אונדזער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלאוקראַיִ־נישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז באַרופן און מחויב דירעקט מיטצוהעלפן דערצו. דעריבער דאַרף אין דאָזיקן אינסטיטוט געשאַפן ווערן אַ ספּעציעלער אָפּטייל, וועמענס איינציקע אויפגאַבע זאָל זײַן — העלפן פאַרוואַנדלען ביראָ־בידזשאַן אין דעם צוקונפטיקן גרויסן ייִדישן קולטור־צענטער.

אַזוי ווי ביראָבידזשאַן געהערט ניט צו אוקראַיִנע, נאָר צו דער ראַטן־

רוסלענדישער פעדעראַציע, דאַרף מען קודם־כּל באַקומען פון דער אוקראַי־נישער מאַכט די אָפיציעלע דערלויבעניש צו עפענען אַזאַ אַנשטאַלט, וואָס וועט אַרבעטן ניט פאַר אוקראַיִניע, נאָר אויסשליסלעך פאַר אַן אַנדערער רעפובליק. מ׳דאַרף גרויסע סומעס געלט, מ׳דאַרף געפינען פּאַסיקע מענטשן וואָס ווילן און זענען בכוח אַזאַ אַרבעט צו טאָן.

ווערט אין נאָמען פון פרעזידיום פון אינסטיטוט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט צו אָרגאַניזירן בײַם אינסטיטוט אַ ספּעציעלע „סעקציע פאַר ביראָ־בידזשאַן־קענטעניש״. ניט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען אַלע שוועריִ־קייטן, מיט וועלכע דאָס איז געווען פאַרבונדן. סוף־כּל־סוף דערשלאָגט מען זיך צו קריגן ניט בלויז די הסכּמה, נאָר אויך אַ באַטײַטיקע מאַטעריעלע הילף. אָפיציעל הייבט אָן די סעקציע צו אַרבעטן אין פעברואַר 1934, אָבער נאָך ביז דער אָפיציעלער עפענונג האָט די סעקציע פּאַקטיש עקסיסטירט און אויפגעטאָן ניט ווייניק. אויף אָנצופירן מיט דער סעקציע ווערט פאַרבעטן דער באַוווּסטער ביראָבידזשאַן־קענער, וואָס לעבט דאָרטן זינט אַ צײַט — מ. קאַדישעוויטש, דער אויטאָר פון אַ ריי אַרבעטן וועגן ביראָבידזשאַן.

די צילן, וואָס די סעקציע האָט זיך געשטעלט, זענען פאָרמולירט אַזוי:

1. זאַמלען אַלטע און נײַע דאָקומענטן וועגן ייִדישן ראַיאָן אויפן ווײַטן מיזרח און דערמיט שאַפן אַ באַזע פאַר צוקונפטיקע היסטאָריקערס פון דער ייִדישער סאָוועטישער מלוכה.
2. אָרגאַניזירן ווײַטערדיקע אויספאָרשונגען פון די ביראָבידזשאַנער רײַכ־קייטן, צוציִענדיק די געהעריקע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.
3. העלפן אָרגאַניזירן אַ שטענדיקע פאָרשערישע אַרבעט אין ביראָבידזשאַן גופא, צוגרייטנדיק דערמיט דעם באָדן פאַר שאַפן דאָרטן אַ זעלבשטענ־דיקן ייִדישן פאָרשערישן אינסטיטוט. (שוין אין 1932 הייבט ליבערבערג אויף די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אין ביראָבידזשאַן אַ ייִדישע אָפּטיילונג בײַם ווײַט־מיזרחדיקן פיליאַל פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע).
4. גרייטן ספּעציעלע וויסנשאַפטלערס און לעקטאָרן פאַר ביראָבידזשאַן. צוליב דעם שאַפן אין דער סעקציע אַ ספּעציעלע אַספּיראַנטור וואָס זאָל אויסבילדן די דאָזיקע קאַדרען.

דער אינסטיטוט שליסט אָן אָפּמאַך מיטן ביראָבידזשאַנער ראַיאָנעם אויספיר־קאָמיטעט, לויט וועלכן דער לעצטער באַשטימט סטיפּענדיעס פאַר אַ גרופּע אַספּיראַנטן (היסטאָריקערס, פּעדאַגאָגן און עקאָנאָמיסטן), וואָס וועלן

נאָכן ענדיקן זײַן מחויב צו אַרבעטן אין ביראָבידזשאַן ניט ווייניקער ווי דרײַ יאָר. אויך דער אַלפאַרבאַנדישער „געזערד" שטיצט מאַטעריעל אונדזער „סעקציע פאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש". די גרופּע וויסנשאַפטלערס און אַספּיראַנטן זענען פאַרכאַפּט מיט דער נײַקייט און וויכטיקייט פון דער זאַך, וואָס זיי טוען. אָבער ניט בלויז זיי, אַלע זענען מיר פאַרליבט אין דער דאָזיקער סעקציע. קיין שום סעקציע איז ניט אַזוי צוציִענדיק פאַר וויסנשאַפטלערס און אַספּיראַנטן, ווי די ביראָבידזשאַנער. אויף אירע סעמינאַרן קומען אַפילו מענטשן, וואָס זייער פאָרשונג־געביט איז גאָר ווײַט פון דער ספּעציפישער פראַגע וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט.

און מ'האָט ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, ווי כמעט אַלע זענען מיר געוואָרן גאַנצע מומחים פון דעם כישוף־וואָרט „ביראָבידזשאַן", פון זײַנע געאָגראַפישע אייגנקייטן, פון זײַנע נאַטור־אוצרות, פון דער באַפעלקערונג וכדומה.

אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צײַט פאַרבינדט זיך די סעקציע מיט אַלע סאָוועטישע אַנשטאַלטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן פּראָבלעמען פון ווײַטן מיזרח. זי באַקומט פון זיי אַ שלל מאַטעריאַלן: רעזולטאַטן פון ווײַט־מיזרחדיקע געאָלאָגישע עקספּעדיציעס און פון כמעט אַלע אויספאָרשונגען, וואָס זענען ווען עס איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין די צאַרישע צײַטן. אַלץ ווערט דאָ זאָרגעוודיק געזאַמלט און בהדרגהדיק באַאַרבעט. די סעקציע ווערט אַזוי אַרום דער צענטראַלער זאַמלפּונקט פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס זענען ביז איצט געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד אין די פאַרשיידנסטע אַנשטאַלטן און כמעט ניט באַאַרבעט, אָפט מאָל באַגראָבן אין פאַרשטויבטע אַרכיוון. דער סעקציע געלינגט צו געווינען סימפּאַטיע בײַ אַנגעזעענע ניט־יִידישע מיזרח־פאָרשערס, און זיי אַרבעטן מיט אין אירע אויסגאַבעס. מיט זייער הילף איז צוגעגרייט געוואָרן דאָס בוך וועגן די נאַטור־אוצרות פון ביראָבידזשאַן. אויך די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק גיט איר צו־שטייער: צוזאַמען מיט אונדזער ביראָבידזשאַנער סעקציע גרייט זי צו די ערשטע ביבליאָגראַפישע זאַמלונג פון דער ליטעראַטור וועגן ביראָבידזשאַן אין אַלע שפּראַכן. עס זענען גרייט צום דרוק צוויי זאַמלביכער, וואָס ווײַזן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון ביראָבידזשאַן און די אײַנוואַנדערונגען אַהין אין פאַרשיידענע צײַטן.

דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט, ליבערבערג, גיט צו דער אַרבעט פון דער סעקציע דעם ברייטן ליבערבערגישן פאַרנעם. ער בלײַבט דאָס האַרץ און די נשמה פון דער סעקציע אויך דעמאָלט, ווען ער, דער 35יאָריקער

ייִדישער געלערנטער, ווערט דער ערשטער פאָרזיצער פון אויספירקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 7טן מײַ 1934.

שוין אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1936 איז בײַ אים פאַרטיק צו דערלאַנגען אין די העכסטע מלוכישע אינסטאַנצן אַ קאָנקרעטער פּלאַן אַרײַנבערצופירן אין דער נאָענטסטער צײַט די דאָזיקע סעקציע מיט אַלע אירע מיטאַרבעטערס און אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן פון קיִעוו קיין ביראָבידזשאַן. אין אָט דעם פּלאַן ווײַזט ער אָן, אַז „די סעקציע פאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש איז די באַזע פאַרן ברייט פאַרצווײַגטן סאָוועטיש־ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס דאַרף אין גיכן אָרגאַניזירט ווערן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט".

די רוצחישע הענט פון סטאַלינס תּליינים האָבן אָבער איבערגעריסן זײַן יונג לעבן און צו נישט געמאַכט אויך דעם דאָזיקן אויסגעטרוימטן פּלאַן זײַנעם.

*

אַגב, האָט מען אויף אָנפירנדיקער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פאַר ביראָבידזשאַן ספּעציעל געגרייט אַספּיראַנטן אויך אין דער פּעדאַגאָגישער סעקציע, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט דער פּראָפעסאָר יעקב רעזניק. דרײַ זענען זיי דאָ געווען: משה דיאַמאַנט, שאַץ און ליפּמאַן. אָבער אַזוי ווי דער בראָך סײַ אין קיִעוו, סײַ אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין יאָר 1936, זענען אויך די דאָזיקע פּלענער אויסגערונען געוואָרן. ליפּמאַן איז, דאַכט מיר, יאָ אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן און געאַרבעט ווי אַן אינספּעקטאָר אויף דער פּראָווינץ. זײַן ווײַטערדיקער גורל איז מיר אומבאַקאַנט.

דער אינטערעסאַנטסטער און פעיִקסטער פון דאָזיקן דרײַלינג איז געווען משה דיאַמאַנט. אַזש פון דער ווײַטער קאַנאַדע איז ער געקומען קיין ראַטן־פאַרבאַנד זומער 1933, כּדי צו בויען ביראָבידזשאַן. אין קאַנאַדע האָט ער געאַרבעט ווי אַ זעצער אין אַ דרוקערײַ. דערנאָך געוואָרן אַ לערער אין די לינקע ייִדישע שולן, וועלכע האָבן געהערט צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, אָנגעפירט דורך די קאָמוניסטן. געדרוקט לידער און אַרטיקלען אין דער קאַנאַדער און אַמעריקאַנער, אַזוי גערופענער, פּראָגרעסיווער פּרעסע אונטערן פּסעוודאָנים מ. וואָהלינער.

משה דיאַמאַנט האָט שווער איבערגעלעבט די גרויליקע טעג, בעת די נ.ק.וו.ד. האָט דעם אינסטיטוט צעטריבן און אַרעסטירט זײַנע אָנפירערס (אַפּריל 1936). ער האָט געהאַט אויסצושטײן ניט ווייניק צרות, ווי אַ טאָפּל־טרייפהנער: אַ געוועזענער אויסלענדער און געוועזענער אַספּיראַנט פון „קאָנטררעוואָלוציאָנערן" יידישן אינסטיטוט. הײַנט זענען משה דיאַמאַנט און זײַן פרוי, הינדע קיפּניס (שוועסטער פון באַוווסטן יידיש־סאָוועטישן שרײַבער איציק קיפּניס) תּושבים פון רמלה. ער פירט אַ גרויסע אַרבעט צווישן די עולים פון רוסלאַנד, שרײַבט אין דער ישׂראל־פּרעסע, און דער עיקר — ער איז מיט לײַב און לעבן אַרײַנגעטאָן אין אַרויסגעבן אַלע ווערק פון זײַן שוואָגער און נאָענטסטן פרײַנד איציק קיפּניס. זײַנע צוויי באַגאַבטע זין, עמנואל און אַריה דיאַמאַנט, זענען די ענטוזיאַסטישע אָרגאַניזאַטאָרן, בויערס און אָנפירערס פון דעם אינדוסטריעל־וויסנשאַפטלעכן מושב ארשת, און טוען דאָרטן אויף וויכטיקע זאַכן פאַר דער אַנטוויקלונג פון מדינת־ישׂראל.

טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע

וואָס פאַר אַ יידישער ראַיאָן איז דאָס, ווו די מלוכישע אַדמיניסטראַציע, דאָס געריכט, די פּאָסט א"אַנד ווערן געפירט צו מערסט אין דער רוסישער שפּראַך? און ווי קענען זיי דאָרטן פירן די אַרבעט בעל־פה און שריפטלעך אין יידיש, ווען, ניט געקוקט אויף די פילאָלאָגישע אַרבעטן וואָס פירן זיך אין מינסקער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור און אין אונדזער פילאָלאָגישער סעקציע, זענען עד־היום ניט געשאַפן אין דער יידישער שפּראַך די דאָזיקע נייטיקע ווערטער און טערמינען, און די פאַראַנענע זענען אָפט ניט קיין פעסט אײַנגעשטעלטע, צו מאָל סתּירותדיקע אָדער גאָר „הילצערנע"? אונדזערע שליחים ברענגען בײַשפּילן פון אומגעלומפּערטע ווערטער וואָס זענען אין בּיראָבּידזשאַן געשאַפן געוואָרן אויף אַ היימישן אופן, און זיי רופן אַרויס בײַם עולם געלעכטער. ס'איז מן־הסתּם ניט געווען קיין איין מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט, וואָס זאָל ניט קומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מיר זענען מחויב צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו און לייזן דעם דאָזיקן ענין, כּדי צו ווײַלן, אַז בּיראָבּידזשאַן זאָל ווערן ניט בלויז אַן אָפּיציעלער יידישער מלוכה־איינס, נאָר אויך אַ באמת יידישער קולטור־צענטער.

די פילאָלאָגישע סעקציע פון אונדזער אינסטיטוט פירט שוין זינט יאָרן אַ לעקסיקאָגראַפּישע אַרבעט, אָבער איצט מוז זי דאָס טאָן מיט גיכערע טעמפּן. דאַרף מען קודם־כל איבערצייַגן, און מען איבערצייַגט טאַקע אונדזער דירעקטן בעל־הבית, דעם פּרעזידיום פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, אַז דאָס שאַפן די יידישע טערמינאָלאָגיע איז פון ערשטראַנגיקן באַטייַט. די פאַרגיכערטע טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט אַ סך געלט. באַקומט דער אינסטיטוט פאַר דעם צוועק ספּעציעלע צוגאָב־געלטער פון אוקראַיִנישן פינאַנץ־מיניסטעריום. אויך דער וויַיט־מיזרחדיקער קאַנטישער פינאַנץ־אָפּטייל איז כאַבאַראָווסק און אַפילו דער נאָר וואָס געבוירענער אויספירקאָם פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט (זי איז, ווי שוין געזאָגט, דעם 7טן מייַ 1934 מיט מזל פּראָקלאַמירט געוואָרן) טיילן אויס ספּעציעלע סומעס פאַר דעם צוועק. כ׳קען זיך ניט דערמאָנען, צי די דאָזיקע אַרבעט איז געפירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער פילאָלאָגישער סעקציע פון מינסקער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. כ׳געדענק בלויז, אַז דאָס שאַפן אַן איינהייטלעכע יידישע טערמינאָלאָגיע ווערט אָנערקענט פאַר אַזוי דרינגענדיק, אַז אַ טייל שטאַטנע מיטאַרבעטערס פון אונדזער אינסטיטוט, מיט די חשובסטע פון זיי — נחום שטיף און אליהו ספּיוואַק בראָש — נעמען זיך אונטער די דאָזיקע אַרבעט צו טאָן אויסער די געפּלאַנירטע פון פריִער אַנדערע טעמעס. דעריבער באַקו־מען זיי חוץ זייער באַשטענדיקן חודש־געהאַלט אַ ספּעציעלן האָנאָראַר פאַר דער דאָזיקער דרינגענדיקער אַרבעט.

אין איינעם פון די פינאַנציעלע דאָקומענטן, זעען מיר, אַז בלויז פאַר איין חודש (סעפּטעמבער 1934) באַקומען, חוץ זייער חודש־געהאַלט, אַ ספּעציעלן האָנאָראַר פאַר דער אַרבעט אין 4 טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס ניט בלויז 6 פאַרבעטענע ספּעציאַליסטן פון דרויסן, נאָר אויך 8 שטענדיקע מיטאַרבע־טערס פון דער פילאָלאָגישער סעקציע גופא.

די אַרבעט איז אַזוי גרויס און קוואַליפיצירט, אַז די אייגענע מיטאַר־בעטערס קענען זיך אַליין מיט איר ניט ספּראַווען. דאַרף מען פאַרבעטן ספּע־ציאַליסטן פון דרויסן. הייבט מען אָן זוכן... געפינען קען מען, אָבער דאָ שטעלט זיך ווידער אַ מאָל די פאַרשאָלטענע פראַגע: דער מענטש איז דווקא פאַסיק, אָבער ער ווערט געפּסלט מחמת זייַן... פּאָליטישער טרפות.

און זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז אין דער פילאָלאָגישער סעקציע זענען שטאַרק די וואָס האַלטן, אַז ביים שאַפן נייַע יידישע ווערטער דאַרף מען ניט מורא האָבן פאַר סלאַוויזמען, און אַז אַדרבה, איידער נעמען איין נייַ

נייטיק וואָרט פון העברעיִש, איז גלײַכער צען פון רוסיש און אוקראַיִניש... דאָס אַלץ האָט אויך איצט געשאַפן שוועריקייטן אין דער לעקסיקאָלאָגישער אַרבעט פאַר דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

סוף־כּל־סוף זענען אָפּגעקליבן געוואָרן אַרום אַנדערטהאַלבן צענדליק ספּעציאַליסטן פון פאַרשיידענע פאַכן.

פאַר דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז געווען ביז גאָר דרינגענדיק צו באַקומען קודם־כּל די יורידיש־אַדמיניסטראַטיווע טערמינאָלאָגיע. איז גראָד אין דעם געביט געווען שווער צו געפינען פּאַסיקע לײַט, וואָס קענען ייִדיש. אָבער מען געפינט דרײַ מענטשן (פּעקער, פײַגנבוים און קאָמאַראָווסקי) און זיי ווערן פלײַסיקע ראַטגעבערס פון אונדזערע פילאָלאָגן. צוויי אַנדערע אײַנגעלאַדענע — פרישערמאַן און דער פון אַלעמען געאַכפּערטער שלאָסבערג, העלפן פאַרפולקומען די שוין פאַראַנענע געאָגראַפישע טערמינאָלאָגיע. אויף איר וואַרט מען אין ביראָבידזשאַן מיט גרויס אומגעדולד.

אויף פאַראײנהייטלעכן די באָטאַנישע טערמינאָלאָגיע ווערן פאַרבעטן י. בורטיאַנסקי, ל. פרוסמאַן און י. שטשופּאַק. (ניט צונויפצומישן מיט שטשופּאַק, וועגן וועלכן איך דערצייל אין צווייטן באַנד „אויף וועגן און אומוועגן”).

אַלע דרײַ געהערן צו די קוואַליפיצירטסטע און פּאָפּולערסטע מעטאָדיסטן פון נאַטור־וויסנשאַפט אין דער סאָוועטישער אוקראַיִנע. אַלע זענען זיי מחברים פון לערנביכער פאַר די ייִדיש־סאָוועטישע שולן און פון פּאָפּולערע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ביכער פאַר דער ייִדישער יוגנט.

די נשמה פון דאָזיקן דרײַלינג ווערט י. שטשופּאַק, דער ליבהאַרציקער מענטש מיטן שטענדיקן גוטמוטיקן שמייכל. ער איז דער ליבלינג פון די קיִעווער ייִדישע סטודענטן. ס'איז מן־הסתּם ניט געווען קיין איין ייִדישע שול אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, וווּ שטשופּאַקס געוועזענע תּלמידים פון די ייִדישע פּעדאַגאָגישע לערן־אַנשטאַלטן זאָלן ניט אײַנפלאַנצן בײַ זייערע תּלמידים ליבע צו דער נאַטור און ניט געבן זיי פּראַקטישע אַגראָנאָמישע געווינהייטן. דער ראָמאַנטישער שטשופּאַק איז פאַרליבט אין זײַן פאַך. זײַן פּנים לײַכט, בעת ער פירט די לעקציעס פון באָטאַניק אין ייִדישן אָפּטייל פון קיִעווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. איצט איז ער ביז גאָר גליקלעך — ער ווייסט: די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָווסטאַנציע אין אונדזער ייִדישן ביראָבידזשאַן, וועלכע איז שוין, אַגב, געוואָרן מיט אירע אויפטוען אַ שם־דבר אויפן גאַנצן ווײַטן מיזרח, נייטיקט זיך אויך אין זײַן פּערזענלעכער הילף. זיצט ער טאָג און נאַכט און אײַלט זיך וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

אונדזערע פילאָלאָגן האָבן זיך דערפילט ווי מענטשן, אויף וועלכע עס שטייט די גאַנצע וועלט. ס׳איז באמת געווען אַ צײַט פון גרויסער פרייד ניט בלויז פאַר זיי, נאָר אויך פאַר אונדז אַלעמען: כּמעט יעדער מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט לייגט צו אַ האַנט, אַז די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט זאָל ווערן די נאַציאָנאַלע היים פאַר די סאָוועטישע ייִדן.

אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט

פאַראַן מיט וואָס זיך צו פרייען

דעם 7טן מײַ 1934 האָבן די טעלעגראַף־אַגענטורן פון אַלע קאָנטינענטן בליץ שנעל צו וויסן געגעבן דער וועלט וועגן אַן אויסערגעוויינטלעך הומאַנעם היסטאָרישן אַקט: די סאָוועטישע רעגירונג האָט פאַרריכט די צוויי־טויזנט־יאָריקע עוולה, וועלכע די מענטשהייט איז באַגאַנגען לגבי דעם יידישן פאָלק. זי, די איינציקע קאָמוניסטישע גרויסמאַכט, פראָקלאַמירט אַ יידישן נאַציאָנאַלן מלוכה־איינס פאַרן סאָוועטישן יידנטום. דהײַנו — דער ביראָבידזשאַנער יידישער ראַיאָן אויפן ווײַטן מיזרח ווערט אָפיציעל פאַרוואַנדלט אין אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט מיט דער הויפטשטאָט ביראָבידזשאַן.*

אין דער קאַפיטאַליסטישער וועלט איז דער אָפקלאַנג אומגעהײַער גרויס, און די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי איז שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז מיר, די סאָוועטישע יידן, זאָלן וועגן דעם וויסן. כ׳וועל דאָ ברענגען בלויז עטלעכע בײַשפּילן.

דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ראַטן־פאַרבאַנד „פראַוודאַ" פון 14טן יוני 1934 פובליקירט די באַגריסונג, וואָס דער יידישער פ.ע.נ.־קלוב אין אַמעריקע שיקט צו קאַלינינען:

„מיר, שרײַבערס פון יידישן פ.ע.נ.־קלוב באַגריסן אײַך הייס, געערטער מיכאַיל איוואַנאָוויטש, פאָרזיצער פון אַלפאַרבאַנדישן צא״ק, אין צוזאַמענהאַנג מיטן היסטאָרישן אַקט פון פראָקלאַמירן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. מיר זענען אײַך טיף דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס אין דער צײַט, ווען אין אַזוי פיל לענדער וואַקסט די רעאַקציע און דער פאַשיזם, באַגלייט מיטן באַרבאַרישן אַנטיסעמיטיזם, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד אויסגעטיילט די יידישע

* אין טאָג פון פראָקלאַמירן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט האָבן דאָרטן געלעבט סך־הכּל 12 טויזנט יידישע איבערוואַנדערערס.

אויטאָנאָמע געגנט אין דער משפּחה פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רע־פּובליקן.

באַזונדערש באַגריסן מיר אײַערע ווערטער, וווּ עס איז אונטערגעשטראָכן דער ווילן פון דער ראַטן־רעגירונג צו קאָנסאָלידירן די ייִדישע נאַציאָנאַליטעט און אָפּהיטן די ייִדישע קולטור.

אַווערבאַך, מענאַכעם ביעלאָסטאָצקי, גאָלדנבערג, גלאַזמאַן, גלאַטשטיין, כײַמאָוויטש, קאַהאַן, קאַהאַנאָוויטש, לעווין, לייוויק, לערער, לעיעלעס, לוצקי, ניגער, פּיסענסאָן, פּינסקי, פײַנבערג, גאָרדין, אַברהם רייזען."

אונדזער פרייד איז אין־לשער.

אַ צוועלף טויזנטקעפּיקער מיטינג אין ניו־יאָרק

אין ניו־יאָרק אויפן מעדיסאָן־סקווער איז פאָרגעקומען אַ מיטינג, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט 12 טויזנט מענטשן, פאָרשטייערס פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. דער מיטינג איז געווען געווידמעט דער שאַפונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. אין דער רעזאָלוציע איז פאַרצייכנט געוואָרן דער גוואַלדיקער פאַרדינסט פון פ.ס.ס.ר. אין פּרט פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע.

דאָס דרינגען מיר פון דער טעלעגראַם, וואָס די סאָוועטישע טעלעגראַפן־אַגענטור „טאַסס" צעשיקט אין אַלע צײַטונגען דעם 21סטן יוני 1934. אַ ביסל פריִער — דעם 5טן יוני 1934 — צעטראָגט זיך איבער דער גאָרער וועלט די פריידיקע ידיעה פון דעם זעלבן „טאַסס", ווי אַזוי ייִדן אין ענגלאַנד האָבן אויפגענומען די בשורה וועגן שאַפן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט:

„לאָנדאָן. אין ווײַטשעפּעל (דער ייִדישער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן) איז געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט דעם ציל צו העלפן די ייִדן־איבערוואַנדערערס קיין ביראָבידזשאַן. נעכטן איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער געזעלשאַפט. עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן קויפן מאַשינעס, אינסטרומענטן פאַר די איבערוואַנדערערס."

און אָט קומט אָן דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „איקאָר". ער איז אין גאַנצן געווידמעט דער אַנטשטייונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אַזאַ יום־טובדיקער, אַזאַ פאַרביקער, מיט ענטוזיאַסטישע לידער וועגן דער געגנט,

מיט הייסע באַגריסונגען ניט בלויז פון פּראָלעטאַרישע, נײַערט אויך פון בירגערלעכע אַמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס.

„...פּאַריזער אַרבעטער גרייטן אַ טעכניש אויסגעשטאַטע מעבל־פּאַבריק, אַ קאָמפּלעט מאַשינעס און האַנטגעצײַג" — לייענען מיר אַ טעלעגראַם פון פראַנקרײַך, און אונדזערע הערצער ווערן איבערפולט מיט דאַנק צו אונדזערע יידישע ברידער, דאָרטן אויף יענער זײַט גרענעץ.

אָן אַ שיעור טעלעגראַמען פון אויסלאַנד — לויבגעזאַנגען פאַר דער לעניניש־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק געפינט איר אין אַלע סאָוועטישע פּילשפּראַכיקע צײַטונגען.

און אין מײַן געבוירן־לאַנד — אין קאַפּיטאַליסטישן פּוילן? אין קאַפּיטל „דער בעטלער", צום סוף פון בוך, דערצייל איך וועגן דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבן אין פּוילן אַרום ביראָבידזשאַן. איצט בעט זיך דאָ צוצוגעבן נאָך אַזאַ פּרט: מײַנע ירושלימער פרײַנד חוה און אַברהם פּזשעמיסלאַווסקי האָבן מיר דעם 21סטן דעצעמבער 1979 אויף אַ חנוכּה־אָוונט בײַ זיי אין דער היים דערציילט, אַז זייערער אַ באַקאַנטער, גרינשפּאַן, אַ פּשוטער לאָדזשער שנײַדער, האָט אין יענע טעג זײַן נײַגעבוירן טעכטערל אַ נאָמען געגעבן ביראַ לכּבֿוד דעם טײַך בירע, וואָס גאַרטלט אַרום די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. און פּלוצעם הייבן אָן מײַנע ירושלימער צוויי פרײַנד פריילעך צו פּאַטשן מיט די הענט און זינגען:

„אויס מנחם־מענדל, אויס מיטן „נעפּ",
ברויט, ברויט גיט אונדז דער סטעפּ!
ס'איז דאָרט פון כּל־טובֿ פאַראַן,
בירא, בירא, בירא־בידזשאַן,
בירא, בירא, בירא־בידזשאַן"...

מען דערקלערט מיר: דאָס לידל האָט געזונגען די לאָדזשער קאָמוניס־טישע יוגנט.

אויך אַנדערע פאָרמען פון פאָלקסשאַפונג, וואָס האָט אויסגעדריקט הייסע סימפּאַטיעס צו דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, זענען דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט בײַ דער לאָדזשער אָרעמקייט, בעיקר אין יידישן באַלוט.

שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַר אַ שלל מתּנות עס ווערן געשיקט קיין ביראָבידזשאַן, זינט ס'איז דערקלערט געוואָרן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט. שעפּטום איבער ביראָבידזשאַן איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע

באַוועגונג כּמעט אין אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. אַלע פּאָלקס־קאָמיסאַריאַטן מעלדן וועגן זייער קאָנקרעטער הילף פאַר דער געגנט — מיט מענטשן, מיט אויסשטאַטונג פאַר שולן, קלובן, שפּיטעלער, קליניקעס אאַז״וו. מען גרייט אַ גראַנדיעזן פילם וועגן ביראָבידזשאַן — דעם שפּעטער באַוווסטן קינאָ־ספּעקטאַקל „די גליקזוכערס" מיטן גרויסן אַקטיאָר בנימין זוסקין.

ניט־ייִדישע שולן פון אַלע עקן לאַנד נעמען שעפטום, שרייַבן בריוו, רופן אַרויס אויף סאָציאַליסטישער פאַרמעסטונג די ביראָבידזשאַנער שול־קינדער.

בראָדסקי, דער גרויסער ייִדיש־סאָוועטישער קינסטלער, שיקט זייַנע שילערס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קונסט־אַקאַדעמיע, זיי זאָלן מאָלן אַ סעריע בילדער פון ביראָבידזשאַן, און דאָס זאָל זייַן אַן אָנהייב פון אַ שטענ־דיקן קונסטמוזיי אין דער געגנט.

אין גאַנצן לאַנד, אַפילו דאָרטן ווו מ׳האָט קיין מאָל קיין ייִדן אין די אויגן ניט געזען, ווערן איינגעאָרדנט יום־טובדיקע פאַרזאַמלונגען לכּבֿוד דעם געבורט פון דער נייַער געגנט, און באַגריסונגען, אַן אַ צאָל באַגריסונגען ווערן געשיקט קודם־כּל צו סטאַלינען. מען דאַנקט אים פאַר זייַן זאָרג וועגן דער ייִדישער נאַציע, מען פאַרזיכערט אים, אַז די סאָוועטישע ייִדן וועלן ניט פאַרשעמען דעם העלדישן ווייַטן מיזרח, אַז ייִדן וועלן דאָרטן זייַן אַ זיכערער פאָרפּאָסט. מען קלאַפּט טעלעגראַמען צו קאַלינינען, צום ערשטן סעקרעטאַר פון ווייַט־מיזרחדיקן קאַנטישן פאַרטיי־קאָמיטעט לאַוורענטיעוו, צו מאַלאַ־טאָוון, צו קרוטאָוון, דעם פאָרזיצער פון ווייַט־מיזרחדיקן קאַנטישן אויספיר־קאָמיטעט אאַז״וו, אאַז״וו.

די סאָוועטישע פּרעסע אויף אַלע שפּראַכן איז פול מיט באַגריסונגען פון אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן, פון אַלע גרעסערע און קלענערע געגנטן. און דאָס האַרץ דייַנס ווערט איבערפולט מיט פרייד!

כ׳ווייס ניט, צי ס׳איז געווען אַזאַ פאַבריק, אַזאַ זאַוואָד, אונטערנעמונג אין גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זאָל ניט שיקן הילף קיין ביראָבידזשאַן. געשיקט האָבן זיי, אָנהייבנדיק פון שוועבעלעך, בלייַערס, העפטן, וועש, קליידונג, שוכוואַרג, ביז אויסשטאַטונג פאַר גאַנצע אונטערנעמונגען. מען שיקט קאָמבייַנען, טראַקטאָרן, אויסשטאַטונג פאַר שפּיטעלער, לאַבאָראַטאָ־ריעס. מען שיקט וואַגאָנען צעמענט, גלאָז, טשוועקעס, דאַכבלעך, קווערזעגן, פייַלן, העק...

זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז דאָס זענען אַלץ דעפיציטע אַרטיקלען

און קויפן זיי איז שווערער ווי דערלאַנגען מיט דער האַנט צום הימל.

דעם 28סטן אויגוסט 1934 בין איך דעלעגירט צו דער ספּעציעלער באַראַטונג פון קיִעווער שטאָטישן קאָמיוג וועגן מיטהעלפן בויען די קולטור אין בירָאָבידזשאַן. דער ריזיקער זאַל איז ביז איבער די ברעגן איבערגעפולט, בעיקר מיט אוקראַיִנישע און רוסישע קאָמיוגיסטן. די ייִדישע ווערן דאָ בטל־בשישים. מ׳נעמט אָן באַשלוסן: קיין איין קאָמיוגיסט טאָר זיך ניט געפינען אויסער די רייען פון „געזערד״־אַקטיוו; שאַפן 50 טויזנט רובל (דאָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע סומע) אויף בויען אַ קולטורהויז אין בירָאָבידזשאַן; יעדער קאָמיוגיסט וועט אָפּאַרבעטן אַ האַלבן טאָג צוליב דעם צוועק.

„די פאַבריק ,פּאַריזער קאָמונע׳ אין מאָסקווע שיקט 8 קאַסטנס לעדער און שוסטער־מכשירים״ („בירָאָבידזשאַנער שטערן״, 11טער סעפּטעמבער 1934).

אין אויגוסט 1934 שיקט דאָס „געזערד״־קעמערל פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין מאָסקווע אַ ספּעציעלע גרופּע געלערנטע זיי זאָלן געבן וויסנשאַפטלעכע הילף דאָרטן אויפן אָרט — אין דער ייִדישער געגנט גופא.

און פון בירָאָבידזשאַן קומען אָן פרייַלעכע ידיעות: „דעם 11טן מיי 1934 איז דאָרטן פאָרגעקומען די עפענונג פון געגנטלעכן ייִדישן מלוכה־טעאַטער, בייַ וועלכער עס זענען בייַגעווען פאָרשטייערס פון דער סאָוועטישער מלוכה״... „פון 15טן אויגוסט 1934 ווערט דער ,בירָאָבידזשאַנער שטערן׳ פאַרוואַנדלט אין אַ טעגלעכער צייַטונג!״

און ווי קענסטו בלייַבן גלייַכגילטיק צו אַזעלכע ידיעות: די באַשיידענע פּראָווינציע אין בירעפעלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן פאָרש־אַנשטאַלט, וואָס וועט זייַן דאָס שייַנדל פון גאַנצן ווייַטן מיזרח, און זייַן נאָמען איז איצט „בירָאָבידזשאַנער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָמפּלעקס־אינסטיטוט״.

דעם 28סטן יוני 1934 האָט זיך דאָרטן געעפנט אַ וויסנשאַפטלעכע באַראַטונג איבער פראַגן פון לאַנדווירטשאַפטלעכער איבערוואַנדערונג אין דער געגנט. ס׳האָבן זיך באַטייליקט ספּעציעל געקומענע טוערס פון קאַנטישן פיליאַל פון דער „אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אויף לענינס נאָמען״... דאָס הייסט דאָך, אַז אונדזער ייִדישע געגנט וועט געבויט ווערן אויף די סאַמע מאָדערנסטע וויסנשאַפטלעכע יסודות!

מיר האָבן גוט געקענט דעם באַהאַלטענעם שטילן אַנטיסעמיטיזם, וואָס הערשט אין די אַקאַדעמיעס, איבער הויפּט בייַ אונדז אין קיִעוו, און דאָך...

אַדרבה, לייענט די גאַטיץ פון אויגוסט 1934 : „דאָס געזוערד־קעמערל פון דער אַלאוקראַ:נישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט גענומען שעפּטום איבער דער יידישער געגנט. די וויסנשאַפטלעכע טוערס, וואָס געפינען זיך איצט אויפן ווײַטן מיזרח, וועלן באַזוכן ביראָבידזשאַן און געבן פּראַקטישע הילף דירעקט דער באַפעלקערונג, די אַנשטאַלטן און בפרט דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָמפּלעקס־אינסטיטוט״.

הכּלל — ס׳איז דאָ מיט וואָס זיך צו פרייען! און למען־השם, גאָר ניט שטיין אין אַ זײַט! די גאולה איז נאָענט! ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען! און איך דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַרײַן. געוווּג זיך אַרומצודרייען דאָ אין קיִעוו! כ׳דאַרף זײַן דאָרטן, פאַרקאַשערן די אַרבל און זיך נעמען צו פּראַק־טישער אַרבעט! ניטאָ זיך וואָס צו רעכענען מיט גרשון גאָראָכאָוון. ער, דער איצטיקער דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור, האַלט אין איין טענהן צו מיר: „וואָס איז די אײַלעניש? מ׳טאָר ניט אויסליידיקן דעם אינסטיטוט פון פאַרטייִישע מענטשן!״

אָבער איך בין זיכער — ס׳איז גענוג כ׳זאָל זיך ווענדן צום אָנפירער פון קולטפּראָפּ אין קיִעווער געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט און כ׳וועל געווינען זײַן אונטערשטיצונג. און איך האָב קיין טעות ניט געהאָט.

דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט

ווען כ׳האָב אָנגעהויבן אַרבעטן איבער אָט דעם בוך, האָט מיך געדראָט אַ סכּנה, אַז די פאַקטן און געשעענישן, וועלכע איך געדענק און וויל באַ־שרײַבן, וועלן זיך בעיקר שטיצן בלויז אויף מײַן זכּרון, וואָרעם דאָקומענטן האָב איך געהאַט אין מײַן רשות זייער ווייניק. די מאַטעריאַלן וועלכע מיר איז געלונגען מיט סכּנות־נפשות דירעקט אָדער אומדירעקט אַרויסצופירן פון ראַטן־פאַרבאַנד, זענען געוווען אַ טראָפּן אין ים. און די דאָקומענטאַציע, וועלכע כ׳האָב אין משך פון די פיר יאָר, בעת איך און ניסן האָבן געוואוינט אין וואַרשע אויף דער דערלויבעניש פון דער פוילישער מאַכט אַרויסצופאָרן קיין ישׂראל, באַקומען צוגעשיקט פון די מאָסקווער און לענינגראַדער בי־בליאָטעקן אַ דאַנק דער פאַרמיטלונג פון דער פוילישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין וואַרשע, זענען אויך געווען ניט גענוג, ניט אין כּמות, ניט

אין איכות. אויך דאָ, אין מדינת־ישׂראל האָב איך ניט געפונען, וואָס איך האָב נייטיק געהאַט, הגם שפּעטער האָב איך דערזען, אַז מיר פאַרמאָגן דאָ מער, ווי איך האָב געמיינט.

דעריבער בין איך געווען פאַרזאָרגט, ווײַל דער לייענער וואָלט געדאַרפט מיר גלייבן אויפן וואָרט, און מײַנע זכרונות וואָלטן געווען ווייניק איבער־צײַגעוודיק.

האָט אָבער דאָס גליק מיר צוגעשפּילט: מיט עטלעכע יאָר צוריק, בעת מײַן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָב איך אַ סך דאָקומענטן אָפּגע־פונען, און צווישן זיי — יאָרגענג פון „בירָאבידזשאַנער שטערן". געפונען האָב איך זיי, אַן אומגעהײַערן אוצר, אין ניו־יאָרק, אין דעם רײַכן אַרכיוו פון דער באַטלער־ביבליאָטעק בײַם קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט. כּדי אויסניצן אַט דעם אוצר האָב איך געמוזט בלײַבן אין אַמעריקע גאַנצע פופצן חדשים. און דאָ, מיין איך, איז דאָס פּאַסיקע אָרט אויסצודריקן מײַן טיפע אָנערקענונג און דאַנק דער אָנפירונג און די מיטאַרבעטערס פון קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט פאַר זייער וואַרעמער באַציִונג צו מיר, פאַר דער גרויסער אויפמערקזאַמקייט, וואָס זיי האָבן מיר געשאָנקען, פאַר דער טאָג־טעגלעכער הילף וואָס זיי האָבן מיר אַזוי ברייטהאַרציק געגעבן. בלויז אַ דאַנק זיי פאַרמאָג איך די רײַכע דאָקומענטאַציע, וועלכע באַשטעטיקט דאָס וואָס איך דערצייל אין איצטיקן בוך.

„בירָאבידזשאַנער לופט מאַכט קלוג"...

די ערשטע טעג אויף בירָאבידזשאַנער ערד בין איך אַרומגעגאַנגען אַ צעטומלטע: גוואַלד, איך האָב דאָך שוין דאָס אַלץ ערגעץ, ווי אין אַ וויסטן חלום, געזען! אויף שריט און טריט באַגעגן איך זיך מיט די זעלבע הימל־שרײַענדיקע פאַקטן, וועגן וועלכע אונדזערע קיִעווער שליחים ליבערבערג און הוברמאַן האָבן מיט גאַנצע דרײַ יאָר צוריק, אין 1932, מיט אַזאַ אויפ־רעגונג דערציילט נאָך זייער צוריקקומען פון דאָרטן. פּונקט אַזוי, מיט די זעלבע פּרטים, האָבן זיי דעמאָלט געמאָלט די בירָאבידזשאַנער וואָר. ניט מער וואָס איצט זעט דאָס אַלץ אויס נאָך חושכדיקער!

מײַן איבערראַשונג און אויפרעגונג האָבן קיין גרענעץ ניט! ווי קענען

זייביידע סובל זײַן דאָס, וואָס זיי האָבן אַזוי שאַרף פאַראורטיילט?! ביידע, סײַ ליבערבערג, סײַ ברוך, זענען דאָך איצט די אָפיציעלע בעל־הבתּים פון דער געגנט! ליבערבערג איז דער פאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספירקאָם. ברוך הובערמאַן פאַרנעמט אַ הויכן מלוכה־פּאָסטן — ער איז, ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון צענטראַלן „קאָמערד" (אין רוסיש — „קאָמזעט") — מלוכה־קאָמיטעט אײַנצואָרדענען אויף ערד יידישע אַרבעטנדיקע. דער „קאָמערד" האָט עקסיסטירט בײַם פּרעזידיום פון נאַציאָנאַליטעטן־ראָט אין צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַטן־פאַרבאַנד אין מאָסקווע.

און הערט נאָר, הערט: אַלע פאַרזיכערן מיך, אַז די לאַגע אין דער געגנט, וועלכע איך זע דורך אַזעלכע שוואַרצע ברילן, איז די לעצטע צײַט דווקא געוואָרן בעסער ווי מיט 2—3 יאָר צוריק און, אַז דאָס הײַנטיקע יאָר 1935 איז גאָר אַ יאָר פון „באַטײַטיקע נצחונות". אַזאַ איז די אָפיציעלע אָפּשאַצונג ניט בלויז פון דער היגער, נײַערט אויך פון דער צענטראַלער מאַכט אין מאָסקווע. וועגן דעם דערציילן די צײַטונגען. וועגן דעם שרײַבט מען אין די באַריכטן. איז וואָס קומט דאָ פאָר?

איך וויל ניט און קען ניט באַהאַלטן מײַן ווייטיק. שטיי איך צו צו זיי ביידן: היתּכן?

און זיי? זיי פּרוּוון אויסמײַדן אַפילו מײַנע בליקן. ריידן צו מיר ווי צו אַ שווער קראַנקן: האָב געדולד! קוק זיך צו נעענטער, וועסטו אַליין זיך אָנשטויסן אויף די סיבות...

אָבער איך קען ניט און טאָר ניט וואַרטן, און קום צו זיי יעדן מאָל מיט פרישע פאַקטן, מיט נײַע טענות...

אין גיכן איז אויפן אָרט פון אויפרעגונג קעגן זיי, געקומען דאָס געפיל פון רחמנות: טײַערע חברים מײַנע! איר ווילט מיך שאַנעווען — כאָטש די ערשטע פּאָר טעג. איר האָט געוואָלט, איך זאָל אַליין דערזען די גאַנצע געפערלעכע שפּיל, וואָס דאָ קומט פאָר...

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט עפּעס מאָדנע ווערטער: „אווירה ד'ביראָבידזשאַן מחכּים" — אַזוי האָט מיט אַ ביטערן שמייכל וועגן מיר, דער „גרינער", אַ זאָג געטאָן דער שאַרפזיניקער הענעך קאַזאַקעוויטש, דער רעדאַקטאָר פון „ביראָבידזשאַנער שטערן", ווען ער האָט אין עטלעכע טעג נאָך מײַן אָהערקומען דערזען די אויפרעגונג, וואָס האָט געגרענעצט מיט פאַרצווייפלונג, מיט וועלכער איך נעם אויף די אָפענע שפּיל, וואָס קומט

פא̇ר אונטער דער מא̇סקע פון קא̇מף קעגן כּלומרשטן ייִדישן נא̇ציא̇נא̇ליזם דווקא דא̇, אין דער ייִדישער נא̇ציא̇נא̇לער געגנט. מחמת מײַן גרויסער עם־הארצישקייט הא̇ב איך פון קא̇זא̇קעוויטשעס זא̇ג פא̇רשטא̇נען בלויז איין און איינציק וואָרט — בירא̇בידזשא̇ן. בין איך צוגעשטא̇נען צו ברוך הובערמא̇ן: „פא̇רטײַטש!" דערקלערט ער מיר אין דער שטיל: פא̇רא̇ן אין א̇רא̇מיש „א̇וירא ד׳ארץ־ישׂראל מחכּים" — „די לופט פון ארץ־ישׂראל מא̇כט קלוג"...

מען הא̇ט ניט בא̇דא̇רפט זײַן קיין גרויסער חכם, כּדי צו בא̇נעמען קא̇זא̇־קעוויטשעס ירא̇נישע פא̇רא̇פרא̇זע. ער הא̇ט מײַן איצטיקן גײַסטיקן צושטא̇נד פא̇רגליכן מיט מײַן פריידיקן אויסגעשריי: „נו, איצט דא̇רף מען פא̇רקא̇שערן די א̇רבל און זיך א̇ נעם טא̇ן צו דער א̇רבעט!", וואָס ער הא̇ט דערהערט פון מײַן מויל אין גא̇נצן מיט געציילטע טעג צוריק, בעת ער מיט נא̇ך עטלעכע חברים הא̇בן מיך א̇פּגעוואָרט אויפן בירא̇בידזשא̇נער וואָקזא̇לעכל, ווען איך בין א̇הער געקומען פון מא̇סקווע.

די בירא̇בידזשא̇נערווירקלעכקייט עפנט זייער גיך די אויגן פון די, וואָס הא̇בן נא̇ך געגלייבט אין דעם, א̇ז די פא̇רטיי מיינט ערנסט אויפצובויען דא̇ א̇ נא̇ציא̇נא̇לע ייִדישע היים. און טא̇קע דא̇, גיכער ווי דא̇רטן, אין צענטער פון לא̇נד, פא̇לן א̇ סך גיכער א̇רא̇פּ פון די אויגן די שא̇רן — די פערדישע ברילן.

יא̇, קא̇זא̇קעוויטש איז געווען גערעכט: אויך איך בין דא̇ ענדגילטיק פא̇ליטיש „רײַף" געוואָרן. צו מײַן פא̇רטעמפּטן, דורך דער פא̇רטיי אויס־געדרעסירטן מוח, איז שוין דערגא̇נגען דער גא̇נצער שקר, מיט וועלכן ס׳איז א̇נגעזא̇פּט די בירא̇בידזשא̇נער ווירקלעכקייט. הענעך קא̇זא̇קעוויטשן הא̇ט „א̇פּגעגליקט": ער איז נא̇ך א̇ קורצער קרענק געשטא̇רבן אויף דער פרײַ — אין בירא̇בידזשא̇נער שפּיטא̇ל, און א̇זוי א̇רום זיך א̇רויסגעגליטשט פון די הענט פון נ.ק.וו.ד. אוי, וויפל פרײַנד זײַנע, און איך בתוכם, הא̇בן אים מקנא געווען...

די א̇נטוישונג, וועלכע איך הא̇ב איבערגעלעבט אין בירא̇בידזשא̇ן איז געווען א̇זוי גרויס, א̇ז נא̇ך הײַנט, ווען איך דערמא̇ן זיך וועגן איר, פא̇רקלעמט מיר בײַם הא̇רץ און איך קריג רחמנות אויף יענער יונגער אידעא̇ליסטקע, אויף וועלכער ס׳הא̇ט זיך געשא̇טן איין קלא̇פּ נא̇כן א̇נדערן.

א̇וודאי וואָלט מיר גרינגער געווען גלײַך א̇נצוהויבן דערציילן וועגן „אידעא̇לא̇גישן" קא̇מף, וואָס הא̇ט דא̇ געפלא̇קערט א̇רום דעם — א̇וועלכע זא̇ל זי זײַן, די ייִדישע אויטא̇נא̇מע געגנט? א̇זא̇ ווי אין דער פּרא̇גרא̇ם פון

דער פּאַרטיי שטייט געשריבן שוואַרץ אויף ווייס: „לויט איר אינהאַלט אינטערנאַציאָנאַל, ד״ה קאָמוניסטיש, אָבער לויט איר פאָרם — אַ נאַציאָנאַלע, ס׳הייסט אַ ייִדישע״? (און מיר, די ענטוזיאַסטן פון בויען אַ ייִדישע סאָציאַ־ליסטישע געגנט, זענען דאָך מיט אָט דעם באַלשעוויסטישן סוראָגאַט פּרינ־ציפּיעל מסכּים געווען, אַפילו געדאַנקט דער פּאַרטיי פאַר אָט דעם „גנאָד״), אָדער צי זאָל זי, די ייִדישע געגנט, זײַן בלויז אַ פּאַראַדיע אויף דעם?

אָבער איידער כ׳וועל דערציילן וועגן דעם סאַמע, סאַמע תּוכיקסטן פון ביראָבידזשאַן, מוז איך פּרוּוון זיך אָפּשטעלן אויף טאָג־טעגלעכע „קליינ־קייטן״, מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַגעגנט שוין די ערשטע טעג נאָכן קומען אַהער.

דאָ מוז איך מודה זײַן, אַז כ׳האָב ווייניק וואָס פאַרשטאַנען איןווירט־שאַפטלעכע ענינים, ווײַל כ׳בין דאָס גאַנצע לעבן געווען ווײַט פון זיי, און אַז איידער כ׳האָב דערזען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט די איינציקע גאולה פאַר די סאָוועטישע ייִדן, בין איך געווען אַרײַנגעטאָן דער עיקר אין קולטור־פּראָבלעמען. אָבער דאָ אין ביראָבידזשאַן האָב איך גיך דערזען, אַז פון זיי, פון די דאָזיקע „פּראַקטישע קלייניקייטן״, איז אָפּהענגיק די עצם עקסיסטענץ פון דער געגנט, און, צי איך האָב עס געוואָלט, צי ניט, האָב איך באַדאַרפט גוט זיך צוקוקן צו זיי. איך האָב אָבער שוין געלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד זינט 1926, דאָס הייסט גאַנצע נײַן יאָר. שוין געווען צוגעוווינט צום סאָוועטישן דלותדיקן שטייגער, געווען אָן אָפּטער באַזוכער אין אויס־שטאַרבנדיקע שטעטלעך און באַראַבעוועטע קאָלווירטן. די דאָזיקע דער־פאַרונג האָט מיר איצט געהאָלפן צו דערזען דעם שרײַענדיקן אונטערשייד פון טאָג־טעגלעכן לעבן דאָרטן, אין צענטער פון לאַנד, מיטן נאָך בידנערן היגן — דעם ביראָבידזשאַנישן.

אַ לעבל ברויט, אַ מעסטעלע זאַלץ און אַנדערע קלייניקייטן...

הגם די צוויי ביראָבידזשאַנער צײַטונגען זענען אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, פול מיט ראַפּאָרטן צו די העכערע אינסטאַנצן וועגן „גרויסע דערגרייכונגען״ פון דער ווירטשאַפט און יעדער מינדסטער דערפאָלג ווערט צעבלאָזן ביז צו

אַ „היסטאָרישער געשעעניש״, האָט דער שרעקלעכער אמת אַרויסגעשפּאַרט פון יעדן ווינקל. בלויז דאָ און דאָרטן רײַסט זיך אַרויס אין דער אָרטיקער פּרעסע, אין אַ וואַנטצײַטונג אַ שוואַכער רמז וועגן די אומגעהײַער שווערע שטייגער־באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די איבערוואַנדערערס. דאָס זענען צו מערסט קורצינקע בריוו אין רעדאַקציע, אָדער קליינע אַרטיקעלעך פון אַרבעטערס, קוסטאַרן, אַ מאָל אויך פון אַ דרייסטערן זשורנאַליסט וועגן דעם, ווי אַזוי עס זעט אויס זייער לעבנס־שטייגער. דאָס געשעט ניט געקוקט אויף דער שטרענגער צענזור, וואָס שטרײַכט אויס יעדן קריטישן וואָרט.

ברויט. דעם 14טן יאַנואַר 1935 האָט די מלוכה אָפּגעשאַפט די ברויט־קאַרטלעך אין גאַנצן לאַנד, דאָס הייסט: דער פאַרקויף פון ברויט איז געוואָרן פרײַ פאַר אַלעמען. מ׳האָט אויך אײַנגעפירט אַ פרײַען פאַרקויף פון מעל. האָט די פּרעסע אין גאַנצן לאַנד געיובלט. אָבער אין ביראָבידזשאַן איז נאָך אין מײַ 1935 אוממעגלעך געווען צו באַקומען אַ לעבל ברויט, און פון אַ קילאָ מעל — שוין אָפּגערעדט. שטעלן זיך אויס אומגעהײַער גרויסע רייען נאָך ברויט אין די קאַלטע נעכט — אין גאַס, לעבן געוועלב. אין דער פרי גייט אָבער דער רוב פון די, וואָס שטייען אין ריי, אַוועק מיט גאָרניט. אָבער פון אונטער דער פּאָלע קענט איר אין דעם זעלבן מלוכה־מאַגאַזין יאָ באַקומען אַ ברייטל, אָדער אַ פּעקעלע מעל. איר דאַרפט בלויז וויסן, וועמען געבן אין יד אַרײַן עטלעכע מטבעות.

דאָס שמוץ אין די בעקערײַען דערגרייכט ביז איבער די קנעכל. אין דעם ברויט, וואָס מ׳קען עס אָפּט שעפּן מיט אַ לעפל, געפינט איר כּלערליי באַשעפענישן, וואָס האָבן דאָ געפונען זייער טויט. איז פאַרגעקומען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס בײַ אונדז אין דער געגנט: די צײַטונג האָט אײַנגעאָרדנט ספּעציעלע וויזיטאַציעס אין די בעקערײַען. די באַריכטן וואָס מען פאַרעפנטלעכט, ווירקן אַזוי, אַז אַ לאַנגע צײַט עקל איך זיך צו נעמען דעם ביסן ברויט אין מויל אַרײַן...

איר דאַרפט אַ ביסל זאַלץ? ניטאָ אַזאַ זאַך אין פאַרקויף שוין חדשים לאַנג. דו ביסט אַ בעל־מפונק און קענסט זיך ניט צוגעוווינען צו דעם ניט־געזאַלצן געקעכטס? בעטסטו דײַן פרײַנד, וואָס פאָרט קיין כאַבאַראָווסק: „ברענג מיר אַ גלעזעלע זאַלץ״.

כ׳געדענק: עטלעכע וואָכן נאָך מײַן אָנקום אַהער זענען מיר מיט מײַן פרײַנד ד״ר רעגינע ראָזענבלום־הובערמאַן געלאָפן אויפן „פרײַען״ מאַרק באַוווּנדערן די גרויסע דערגרייכונג — דאָס נאָר וואָס געעפנטע בײַדל, ווו

מ׳קען קויפן אויף אומגעהײַער הויכע פּרײַזן אַ ביסל קאָנפעטן און פּאָווידלע, אַ פערטל קילאָ צוקער און... אַ מעסטעלע זאַלץ.

נאַפט? דאָס איז גאָר אַ יקר־המציאות. קומט מען ווידער אָן צו דער טובה פון די, וואָס פאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט. אָבער ווער האָט עס די מעגלעכקייט צו מאַכן אַזאַ נסיעה? די וואָס פאָרן אין אַ מלוכישער שליחות — אַ קאָמאַנדירונג, אָדער... שווינדלערס.

קריגן צו קויפן אַ פּרימוס איז אויסגעשלאָסן. אויב דו האָסט אים יאָ מיטגעבראַכט פון דער ווײַטער היים, שטייט ער ווי אַ צירונג — ניטאָ קיין נאַפט אויף אָפּצוקאָכן אַ ביסל געקעכטס. און קליינוואַרג ציטערט פאַר קעלט. די קינדער זענען די ערשטע קרבנות.

„ס׳האָט זיך צעבראָכן דאָס גלעזל פון לאָמפּ... דער קאָמענדאַנט פון צוזאַמענוווינונג, ענגעל, זאָגט: ,ס׳איז ניט מײַן עסק׳. זיצן מיר אין דער פינצ־טער, קענען ניט מאַכן די לימודים, וואָס מען פאַרגיט אונדז אין די קרײַזלעך... אַזוי לעבן די אַרבעטערס אין צוזאַמענוווינונג פון ,ביראָבידזשאַן־בוי׳״ („בי־ראָבידזשאַנער שטערן״, 4טער יוני 1935).

ס׳איז אַוועק נאָך אַ יאָר. דער קאַלענדאַר ווײַזט שוין די ערשטע העלפט 1936. אין בנין פון פּעדאַגאָגישן טעכניקום אַרבעט די אָוונטשול פאַר דער־וואַקסענע. אַ טײַערע, אַ ווילע אַרבעטער־יוגנט רײַסט זיך צו בילדונג, אָבער קיין לאָמפּ איז ניטאָ. לערנט מען אין דער פינצטער. קלאָגן זיך די תלמידים: „פאַרשרײַבן עפּעס וויכטיקס קענען מיר ניט, קומט אויס בלויז צו הערן וואָס די לערערס זאָגן״.

פרילינג 1936 האָט זיך אויפן וואָקזאַל באַוויזן אַ מעלדונג: „אין דעם צוג נומ׳ 98/97 איז אײַנגעפירט געוואָרן אַ ספּעציעלער האַרטער צוטשעפּ־וואַגאָן לויטן מאַרשרוט ביראָבידזשאַן־כאַבאַראָווסק״. איז גרויס די פרייד פון די ביראָבידזשאַנער תושבים: איצט וועט זײַן גרינגער זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין כאַבאַראָווסק נאָך דעם סאַמע נייטיקסטן!

ביז איצט איז זייער שווער זיך אַרײַנצוקריגן אין צוג, אַפילו מיט אַן אָפיציעלער קאָמאַנדירונג. דער קאַסירער צוזאַמען מיט די טרעגערס פון וואָקזאַל פלעגן מאַכן גאָלדענע געשעפטן: ווילסטו אַ בילעט? גיב איינעם פון זיי אין יד אַרײַן. דאָס איז, אַגב, צוגעגאַנגען כמעט בפרהסיה — אַלע האָבן געוווּסט, ווי אַזוי דורכצופירן די דאָזיקע טראַנזאַקציע. אַגב, דעם געגאַרטן צוטשעפּ־וואַגאָן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די פּערזענלעכע באַמיִונגען פון יוסף ליבערבערג — דעם פאָרזיצער פון דער ייִדישער געגנט. און ניט בײַ

אָבי וועמען האָט ער געפּועלט — די פאַראָרדענונג איז אָנגעקומען אַזש פון מאָסקווע, פון פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר טראַנספּאָרט.

דײַנע שיך האָבן זיך צעריסן? דאָ איז עס כמעט אַ טראַגישע פּראָבלעם. פּריוואַטע אַרבעט איז אין ראַטן־פאַרבאַנד פאַרווערט, און אין ביראָבידזשאַנער שוסטער־אַרטעל זענען די רייען גוואַלדיק גרויס. דאַרפסטו חדשים־לאַנג וואַרטן ביז דײַנע שיך ווערן פאַרריכט. די בלאָטעס, אַפילו אין צענטער שטאָט, זענען גרויס. צוגיין צום שטאָטראַט איז פאַרבונדן מיט מסירת־נפש. דאָרטן שטייט אַ גרויסע קאַלוזשע. האָט מען פאַרוואָרפן אַ ברעטל. שאָקלט זיך דאָס „בריקל", מאַכסט אַן אומאָפּגעהיטן טראָט און פאַלסט אַרײַן אין בלאָטיקן זומפּ. עפּעס אַ שעף, כ'געדענק ניט, וועלכער, האָט דעמאָלט דווקא יאָ צוגעשיקט אַ מתנה — אַ גוט אויסגעשטאַטן שוסטער־וואַרשטאַט, אָבער דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ טראָפּן אין ים. ווערן קודם־כל פאַררימט די שיך פון די „נאַטשאַלניקעס" און פון די, וואָס ווייסן וועמען מ'דאַרף געבן אין יד אַרײַן.

דווקא דעמאָלט, ווען עס שטעלן זיך די מוראדיקע פרעסט, קריגט מען אין די מלוכה־געשעפטן צו קויפן זומער־באָלעטקעס. דערפאַר באַווײַזן זיך דאָ אין די הייסע זומערטעג אַ ביסל קאַלאָשן און עטלעכע פּאָר וואַליקעס. פון דעסטוועגן ווערן זיי תיכּף נעלם פון די פּאָליצעס.

אין די שלאָקסרעגנדיקע זומערטעג פון 1936 צעטראָגט זיך אַ וויכטיקע נײַעס: אין אַרטעל „דער ראָד פון דער רעוואָלוציע" ווערן אָנגענומען צו פאַרריכטן פאַרשיידענע שטובזאַכן — צולייטן אַ לעכערדיק טעפּל, געזונט מאַכן אַ צעבראָכן שטיקל מעבל, פאַרריכטן אַ פּרימוס — פרייט זיך די גאַנצע שטאָט: ס'ווערט גרינגער דאָס לעבן! אמת, דו דאַרפסט וואָכן לאַנג וואַרטן אין דער ריי, אָבער אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך...

ווו און ווי אַזוי קען זיך וואַשן אַ ביראָבידזשאַנער אײַנוווינער? אין דער איין און איינציקער באָד פאַר דער גאַנצער שטאָט. מחמת דעם, וואָס אירע פענצטערלעך זענען פאַרקאַוועט אין שמוץ, איז אינעווייניק פינצטער, אַפילו ווען אין דרויסן שײַנט די זון. אויב זי אַרבעט בכלל, ציִען זיך צו דער באָד די רייען העט ווײַט אין גאַס אַרײַן, איבערהויפּט שבת נאָך מיטאָג און אין רוטאָג, זונטיק, ווײַל אין מיטן דער וואָך אַרבעט זי כמעט ניט. צו ערשט וואַרטסטו אין גאַס, אין דער ריי צו דער קאַסע נאָך אַ בילעט, דערנאָך — אין דער ריי אַרײַנצוגיין מיטן בילעט אינעווייניק. און אַז דו האָסט זיך שוין מיט מזל אַרײַנבאַקומען אינעווייניק, דאַרפסטו געדולדיק וואַרטן, עס זאָל זיך

באַפרײַען די פּאָליצע פאַר דײַנע בגדים. קיין דוש איז ניטאָ. וואַשסטו זיך אין אַ הילצערנעם שעפל אָן אויערן. אויפהייבן אַזאַ שעפל קען בלויז אַ געזונטער מאַנצביל. און דאָס וואַסער? אָדער אײַז קאַלט, אָדער זודיק. קומען פאַר קאָמישע סצענעס: שטייסט, למשל, אָן אָנגעזייפטע, אָבער ניטאָ קיין וואַרעם וואַסער זיך אָפּצוואַשן. ביסטו שוין מסכּים אויף קאַלטע — ווערט עס אויך נעלם! פּלוצעם קומט אָן אַ האַסטיקער שטראָם זודיקער אָקרעפּ, און אין איין רגע ביסטו זיך אָפּ ביז ווונדן אויפן לײַב.

דעם 28סטן פעברואַר 1935 האָט דער „בּיראָבּידזשאַנער שטערן" מיט שטאָלץ געשריבן: „נאָר וואָס האָט זיך געעפנט אַ דיסאינפעקציע־קאַמער אין בּיראָבּידזשאַנער באָד", ס'הייסט — פאַר פאַרלײַזיקטע בגדים. אָבער די קאַמער איז אַלץ נאָך געשלאָסן. גייסטו מיט מזל צוריק אַהיים אַ האַלב אָפּגעוואַשענע, אין די זעלבע פאַרלײַזיקטע קליידער. קרענקט אַ האַלבע שטאָט אויף פלעקטיפוס און בויכטיפוס. איז די שטערבלעכקייט גרויס, ווײַל דער שפּיטאָל איז איבערפולט. ער באַדינט אויך די קראַנקע פון דער גאַנצער געגנט. בלײַבט מען ליגן אין דער היים, אין די צוזאַמענוווינונגען.

און אין שפּיטאָל? אין די קילערע טעג זעט מען אין די פּאַלאַטעס די פּאַרע פון מויל. זומער 1936 ציילט די שטאָט בּיראָבּידזשאַן 15 טויזנט אײַנוווינערס, און בעטלעך זענען פאַראַן 66, דאָקטוירים — 18. יעדער דאָקטער באַדינט דאָ מינימום 50 פּאַציענטן אַ טאָג. די שטאָט פאַרנעמט אַ ראַדיוס פון 7 קילאָמעטער און אונדזער „גיכע הילף" באַשטייט פון איין און איינציקער בריטשקע מיט אַ קליאַטשע, אַ פּגירה. אַזוי זעט עס אויס אין דער הויפּטשטאָט. נאָך ערגער איז אין די ראַיאָנען. וואַטע, מאַרלע און באַנדאַזשן מוז מען פאַרן אויסבעטלען אין כאַבאַראָווסק. אָבער אויך דאָרטן איז די סאַניטאַריע אויף צרות. קומען אָפּט מאָל די שליחים צוריק מיט ליידיקע הענט.

אויך איך האָב זיך אָנגעשטעקט מיט בויכטיפוס. אָבער כ'געהער דאָך צו די פּריווילעגירטע, ליג ווי אַ גראַפיניע אין דער פּוסטער דירהלע, וואָס הערשל בריל, אַן אַרויסגעטריבענער פון דער געגנט (געוויער וועגן אים — שפּעטער) האָט זי נאָר וואָס באַפרײַט. און בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס ניושע ליבערבערג טרעט ניט אָפּ עטלעכע מעת־לעת פון מײַן בעטל, שטעל איך זיך ווידער אויף די פיס.

לשם קלאָרקיט דאַרף איך זאָגן, אַז פאַרזעלנלעך בין איך כּמעט קיין מאָל ניט הונגעריק. איך גיץ ניט אויס מײַנע רעכט זיך צו שפּײַזן אין דער

ספּעציִעלער סטאָלאָווקע פֿאַרן געגנטלעכן פּאַרטיי־אַקטיוו. מיר איז דערווידער צו זיצן און עסן בײַ איין טיש מיט די פּאַרטייִשע בעלי־בתּים פון דער ייִדישער געגנט, אין וועלכע איך דערזע גאָר גיך אירע פּאַקטישע באַגרעבערס. מיר סטײַעט דאָס ביסל טרוקענע שפּײַז, וועלכע איך באַקום אויסגעטיילט פון די ספּעציעלע פאָנדן פאַר וויסנשאַפטלערס, וואָרעם ניושע ליבערבערגס מוטער, די האַרציקע פרידע אַסיפּאָווגע, וועלכע באַציט זיך צו מיר ווי צו אַ טאָכטער, מאַכט פון דעם ביסל פּראָדוקטן „קעניגלעכע” מאכלים.

מ׳וווינט...

כ׳דאַרף אויסגעפינען די צוויי לערערס, וואָס וועלן אין גיכן נעמען אַרבעטן אין די אָנהייבשולן. זיי וווינען נאָך אין איבערוואַנדערער־פּונקט פאַר די נײַ־געקומענע. גיי איך זיך באַגעגענען מיט זיי. דער איבערוואַנ־דערער־פּונקט — דאָס זענען עטלעכע הילצערנע באַראַקן, אַרומגערינגלטע מיט טיפע זומפּן. יעדער באַראַק באַשטייט פון איין זייער לאַנגן צימער. יעדע משפּחה קריגט דאָ איר ווינקל לעבן אַ שטיקל וואַנט. ס׳זענען דאָ פאַראַן משפּחות אויך פון אַכט פּערזאָן. איז דאָ טומלדיק: דערוואַקסענע שרײַען, קינדער וויינען, פּרימוסן רייכערן. זיבט אַ צײַט בעטן זיך די ניט חתונה געהאַטע — טיילט אויס פאַר אונדז צוויי באַזונדערע באַראַקן — פאַר מיידלעך און בחורים. דער פאַרוואַלטער פון איבערוואַנדער־הויז פאַלט ממש פון די פיס. די רעכטע האַנט ווייס ניט, וואָס די לינקע טוט. די קלאָזעטן געפינען זיך אין דרויסן. (אויך דאָ וואַרטן אין ריי די, וועלכע מוזן זיך אַרײַנקריגן אינעווייניק). נאָך וואַסער דאַרף מען גיין העט ווײַט. דאָס עסן איז ביז גאָר שלעכט און ניט גענוג. טאַראַקאַנעס און וואַנצן פרעסן קינדערשע גופימלעך, אָבער קיין כעמישע מיטלען קעגן זיי זענען אין דער געגנט ניט בנימצא. די געלעגערס — שמוציק, ס׳פעלן לײַלעכער און קאָלדרעס.

אַ סך איבערוואַנדערערס אַרבעטן שוין, אָבער די אונטערנעמונגען גיבן זיי ניט קיין דירות. הגם אין איבערוואַנדער־הויז דאַרף אַ געקומענער זײַן ניט מער ווי 2–3 טעג, בלײַבן זיי דאָ וווינען לאַנגע חדשים. אַזוי אַרום ווערט דער דאָזיקער פּונקט פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקן וווינאָרט. איז ניטאָ

קיין פּלאַץ פֿאַר די נײַ־געקומענע און פֿון מאָסקווע קומען אָן טעלעגראַמעס: הײַנט אַרויסגעפֿאָרן אַזוי און אַזוי פֿיל איבערוואַנדערערס...

די פֿאַרביטערטקייט איז איין־לשער. דער רוב מענטשן טראַכט: ווי קריגט מען זיך אַרויס פֿון דעם אַ גיהנום?

*

די קינאה פֿון די איבערגעבליבענע אין באַראַק צו די, וועלכע זענען שוין פּטור געוואָרן פֿון איבערוואַנדער־פּונקט, איז גרויס. און וואָס הערט זיך בײַ די גליקלעכע, וועלכע מ׳האָט אין אַ מזלדיקער שעה שוין אַריבערגעפֿירט אין הויז, וואָס געהערט צו דער פֿאַבריק אָדער אַרטעל, וווּ זיי אַרבעטן?

אַ בריוו פֿון פֿרוי גאַראָדעצקאַ, אין „ביראָבידזשאַנער שטערן״ פֿון 11טן פֿעברואַר 1935:

„מיר שלאָפֿן אין דער נײַ־פֿאַבריק דרײַ פּאַרשוין אויף איין בעטל. מײַן מאַן איז אַ וועכטער. אָפֿט קומט אים אויס צו שטיין אויף דער וואַך בײַ נאַכט. און אַז איך שטיי אויף און גיי אויף דער אַרבעט, לייגט ער זיך אויפֿן בעט. און אַז איך קום פֿון דער אַרבעט, ווערט שוין מײַן בעט פֿאַרוואַנדלט אין אַ קיך און ניט בלויז פֿאַר מיר אַליין, נאָר פֿאַר דרײַ פֿאַמיליעס, וואָס וווינען אין צימער. אין צימער איז קיין טיש ניטאָ. עסן מיר אויפֿן בעט, און אַז מיר לייגן זיך שלאָפֿן, ווערט פֿון מײַן בעט אַ „סושילקע״ — אַלע שכנים פֿון שטוב טריקענען דאָ זייערע וואַליקעס...

גאַראָדעצקאַ.״

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט דער זעלבער פֿרוי גאַראָדעצקאַ, טאַקע אין דעם זעלבן צימער, איז, דוכט זיך מיר, שוין געווען סוף 1935 אָדער אָנהייב 1936. האָב איך איר צוגערעדט: גייט צו נאַטשאַלסטווע, קלאָגט זיך! האָט זי אויף מיר געוואָרפֿן אַן איראָנישן בליק און מיט אַ ביטערן שמייכל דערלאַנגט אַט דעם פֿאַרעלטערטן בריוו אירן — „נאַט, לייענט!״

די פֿרוי טשערקאַס אַרבעט ווי אַן אויפֿרוימערין פֿון דער קאָנטאָר אין „ביראָבידזשאַנער־בוי״. „מיט מײַנע פֿיר קינדער (אַלע לערנען זיי אין דער ייִדישער שול — א.ר.־ש.) פֿאַרנעמען מיר אַ ווינקל אין שטוב בײַ מײַנעם אַ שוואָגער, אויך אַן אַרבעטער אין בוי־קאָנטאָר, וועלכער האָט אַליין אַ משפּחה פֿון 5 מאַן״ — שרײַבט זי דעם 9טן מײַ 1936 צו דער רעדאַקציע פֿון „ביראָבידזשאַנער שטערן״...

*

כ'האָב קיין מאָל אין ערגעץ ניט געזען אַזעלכע פּוסטע „וווינונגען" ווי אין בירָאָבידזשאַן. אויב איר דערלעבט שוין יאָ צו קריגן אַ פּיצעלע צימערל פאַר אייער משפחה, איז עס געוויינטלעך לידיק, און דאָס אָרעמע ביסל בעבעכעס וואַלגערט זיך יאָרנלאַנג אויף דער ערד. איר וווּנדערט זיך? בירָאָבידזשאַן איז דאָך אַ צענטער פון מעבל־פּראָדוקציע. דאָס איז אמת, אָבער...
„אין דער יידישער געגנט איז ניט פאַראַן ווו צו קויפן אַפילו אַ טאַבורעטקע. פאַר וואָס? ווייל אונדזער מעבל־פאַבריק „דמיטראָוו" שיקט אַלץ אַוועק אויפן ווייטן מיזרח. דערביי איז דאָס מעבל זייער טייער, ניט צוגענגלעך פאַרן פּשוטן אַרבעטער". (פון אַ בריוו אין רעדאַקציע „בירָאָבידזשאַנער שטערן", 3טער מערץ 1936).
„אין אַמורבירער ראַטווירט אַרבעטן שוין ביי 8 חדשים די איבערוואַנדערערס אַלידאַר, זייגערמאַכער, קאָוואַל א"אַנד. און ביי זיי איז נאָך אין דירה קיין בעטל, קיין טישל, קיין שטול ניטאָ" („בירָאָבידזשאַנער שטערן", 1טער מערץ 1936).

*

געווען איז אַהרן קלורפעלד אויפן בירָאָבידזשאַנער וואָקזאַל אַ טרעגער; אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ דיקלעכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ גרויס פּולבלעך פּנים. אַן אמתער עמך. ער האָט געוווייטיקט פאַר אַלע שווייגערייען, וואָס האָבן געשפּאַרט פון יעדן בירָאָבידזשאַנער ווינקל. אַ ווייניק גראַמאַטנער, האָט ער מער דיקטירט, ווי אַליין געשריבן די קורצינקע נאָטיצן אין דער פּרעסע. האָבן אים בירָאָבידזשאַנער אַרבעטערס אויסגעוויילט פאַר אַ דעפּוטאַט אין שטאָטראַט. און געוואָרן איז ער דער פּאָפּולערסטער דעפּוטאַט: ווו אַ צרה, איז ער דאָ און אינטערווענירט. נאַטשאַלסטווע באַדויערט שוין, וואָס זי האָט דערלויבט אים אויסצווויילן. אָט דער פּשוטער ייד איז ווערט, מ'זאָל וועגן אים גענויער דערציילן. דערווייל — בלויז עטלעכע זיינע נאָטיצעלעך וועגן אַזוי גערופענע „קלייניקייטן":
„מען פאַרגרייט ניט קיין אייז אין ווינטער, פוילן די פּראָדוקטן זומער. אַזוי איז געווען פאַר אַ יאָרן זומער, אַזוי וועט זיין דעם קומענדיקן זומער" — סיגנאַליזירט ער אין „בירָאָבידזשאַנער שטערן" דעם 3טן מערץ 1936. און אין זעלבן נומער: „פאַראַן אין שטאָט בירָאָבידזשאַן דער אַזוי גערופענער פּאַרטיזאַנער יישוב, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט בירע — ביי אַ דריי קילאָמעטער פון צענטער שטאָט. דאָרטן וווינען ביי 150 משפחות. אַפילו

קיין ברויט־לאַריאַק איז דאָרטן ניטאָ, און נאָך ברויט קומט אויס צו שפּאַנען דרײַ ק"מ.

דעפּוטאַט פון שטאָטראַט — אַהרן קלורפעלד."

כאַלופּקעס פון דער אַמאָליקער טיכאָנקע ווערן פאַרשווונדן, און אויף זייער אָרט הייבן אָן אויסוואַקסן גלײַכע רייען צווייסטאָקיקע ווינהײַזער. דאַרף דאָך מיר זײַן פריילעך צו קוקן אויף זיי? אָבער קוקט זיך נאָר צו צו זיי און צו זייער אַרום! אָבער צו וואָס דאַרפט איר מיר גלייבן אויפן וואָרט? לייענט בעסער, וואָס קלורפעלד שרײַבט וועגן זייער קוואַליטעט:

„אין די דילן — שפּאַרעס צווישן איין ברעט און דער צווייטער. זומער איז נאָך ווי עס איז צו דערלײַדן. אָבער ווינטער בלאָזט אַ שרעקלעכע קעלט. בײַ נאַכט איז ניטאָ מיט וואָס זיך צוצודעקן, שלאָפן פיל אין אָנטאָן. בײַם דיל איז מוראדיק קאַלט. אויפן צווייטן שטאָק איז גרינגער מיט די לעכער אין דיל: דורך זיי גייט אַרײַן דאָס ביסל וואַרעמקייט פון אונטערשטן צימער. אָבער ווען דער שכן פון צווייטן שטאָק וואַשט די פּאָדלאָגע, רעגנט אַרײַן אין צימער פון ערשטן שטאָק. ווען עס ווערט אין דרויסן וואַרעמער, רינט פון די ווענט. די אויוונס זענען שלעכט געבויט און ריזיק גרויס — זיי פרעסן אויף אַ גרויסן טייל פון געהאַלט און דאָך איז אוממעגלעך דעם צימער צו דערוואַרעמען".

קיין פּאָרטקעס זענען אין די פענצטער ניטאָ. אויס ווענטילאַציע? ניין, חלילה! פאַראַן אַ נאַטירלעכע ווענטילאַציע — די ראָמען אין די פענצטער זענען שלעכט אַרײַנגעפּאַסט, די טירן אויך.

„ניט קיין צימער, נאָר אַן אײַזקאַמער" — שפּעטן די גליקלעכע אײַנוווינערס פון זייערע נײַע דירות.

קיין שטאַלן אויף האָלץ בויט מען ניט, מוז מען האַלטן דאָס האָלץ אין צימער. איז שוין קיין פּלאַץ פאַר דער משפּחה ניטאָ. האָלץ אונטערן טיש, האָלץ אונטער די בעטן, האָלץ אין די ווינקלען פון איין און אייניציקן צימער פאַר דער גאַנצער משפּחה...

די צימערן זענען געבויט אַזוי: אַלע, אויסער דעם גליקלעכסטן — דעם לעצטן, זענען דורכגאַנג־צימערן. ווער ס'וווינט אין צווייטן צימער, גייט דורך בלויז דעם צימער פון ערשטן שכן. אָבער כּדי די איבעריקע שכנים זאָלן אָנקומען אין זייערע צימערלעך, מוזן זיי דורכגיין אַלע פריערדיקע. דער וואָס וווינט אין לעצטן, אין זעקסטן, גייט אַדורך די פריערדיקע פינף.

אין אַ סך, אַ סך יאָרן אַרום, אין 1972 האָט מיך אין ניו־יאָרק אָפּגעזוכט

מערי ווײַנער־אַכטערמאַן, די געוועזענע ביראָבידזשאַנער פּאַרשול־דערציִערין און יִידישע ראַדיאָ־ספּיקערין. אַ טרויעריקע באַגעגעניש. אַ סך טרערן. צו די דערמאָנונגען נעמט גאָר קיין סוף ניט. וועגן דעם גורל פון איר משפּחה אין דער יִדישער געגנט וועט דער לייענער זיך דערוויסן אין קאַפּיטל „אויסלענדער אין דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט". אָבער כ׳מיין, אַז שוין דאָ אויפן אָרט איז פּאַסיק צו דערציילן וועגן איינער אַ קליינינקער דערמאָנונג אירער:

„איין מאָל, אין מיטן דער נאַכט, איז די וואַנט פון מײַן צימער פּשוט אַרויסגעפאַלן אין דרויסן. בײַ דער דאָזיקער וואַנט בין איך געשלאָפן מיט מײַן קינד. ווען די וואַנט זאָל, חלילה, אײַנפאַלן אויף אינעווייניק אין צימער אַרײַן, וואָלט עס אונדז ביידן דערשטיקט."

נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן צו די דרײַסיקער יאָרן, ווען קלורפעלד וויטיקט אין זײַנע קליינינקע נאָטיצן: „ווײַט ניט אומעטום זענען אין דער הויפּטשטאָט פאַראַן מיסטגריבער, און וועגן קאַסטנס אויף מיסט איז שוין אָפּגערעדט... אַפילו געזעלשאַפטלעכע קלאָזעטן זענען אַ זעלטענע זאַך... און די ברײנעמער שטייען אָפענע, ניט צוגעדעקטע. ניט פאַראַן קיין שטענדיקע עמערס". פרעגט ער אַ פאַרביטערטער: „איז דען אַ וווּנדער, אַז קינדערלעך האַלטן אין איין קרענקען?"

אויף די אַלע „קלייניקייטן" האַלט דער טרעגער קלורפעלד אָן אויג. האָב איך אים ליב און שאַץ אים הויך. אויך ער איז צו מיר גוט, שמועסט מיט מיר גערן.

זריעה

ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן האָט דער קאַלענדאַר געוויזן: 15טער מערץ 1935. כ׳ווייס ניט, צי וועל איך פאַרגעסן די שרעק, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט פון די איבערוואַנדערערס אויגן: „כ׳וועל פאַר־שפּעטיקן! ווו נעמט מען אַ ביסעלע זריעה? וואָס וועלן מיר געבן צו עסן אונדזערע קינדער אַ גאַנצן ווינטער?!"

געהאַנדלט האָט זיך אָט אין וואָס: יעדער אַרבעטנדיקער באַקומט פון שטאָטראַט אַ שטיקל ערד פאַר אַן אינדיווידועלן גאָרטן. געוויינטלעך איז

עס רויע ערד (צעלינאַ), צו װעלכער קײן מענטשלעכע האַנט האָט זיך נאָך קײן מאָל ניט צוגערירט. און דערצו געפינט זי זיך װײַט. פּטרט די גאַנצע משפּחה אירע זונטיקדיקע רוטעג אויף שלעפּן זיך אַהין און צוריק. צו מאָרגנס, מאַנטיק, האַלטן זיך די דערוואַקסענע קוים אויף די פיס, אָבער צו דער אַרבעט מוזן זײ גײן. און אין די שולן װײסט מען שוין װי אַ כּלל: הײַנט װעלן פעלן גאַנצע גרופּעס קינדער פון די דאָזיקע משפּחות, װעלכע האָבן נעכטן, זונטיק, ניט באַװיזן צו ענדיקן די אַרבעט אין גאָרטן. מ׳דאַרף אָװעק־לײגן אַ סך כּוחות, כּדי בײַצוקומען די ערד. זי איז דאָך אײַנגעגעספּאַרט האַרט, פאַרוואַקסן זינט קדמונים מיט פעסט פאַרוואָרצלט װילדגראָז. מען זאָגט צו, אַז מ׳וועט זי, די צעלינאַ, אויפאַקערן מיט אַ טראַקטאָר אָדער מיט אַ פערד, אָבער דאָס זענען פּוסטע צוזאָגן, װאָרעם אינעם רוב קאָלווירטן זענען די פערד ממש פּגרים, מען האָדעוועט זײ שלעכט, ניטאָ מיט װאָס. אַגב, פאַרהאַלט דאָס ניט בלויז דעם פאַרזײ, נאָר אויך די בױונג. זײ, די אויסגעמאָגערטע פערד, זענען דאָך די הויפּטקראַפט פון ביראָבידזשאַנער טראַנספּאָרט. לאַסט־אויטאָס זענען דערוויַילע פאַראַן זײער װײניק.

ניט בעסער איז דער מצב אין די בײַשטאָטישע לאַנדווירטשאַפטן, װאָס עקסיסטירן בײַ יעדער פאַבריק, אַרטעל און אַנשטאַלט. די דאָזיקע װירט־שאַפטן זענען שיִער ניט דער אײנציקער צושטעלער פון שפּײַז פאַר זײערע סטאָלאָװקעס, װוּ די אַרבעטערס באַקומען אַ מיטאָג. אַגב, זײ, די אַרבעטערס גופא, אַקערן, זײען און נעמען צונויף דאָס גערעטעניש מיט זײערע אײגענע הענט. אמת, אויב זײ טוען דאָס אין מיטן װאָך, װערט דאָס פאַררעכנט װי אַן אַרבעטסטאָג. אָבער פאַקטיש װערט די הויפּטאַרבעט דורך זײ אָפּגעטאָן אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט אין זײערע זונטיקדיקע רוטעג, אין די אַזוי גערופענע „װאָסקרעסניקעס". נאָך יעדן אַזאַ „װאָסקרעסניק" קומען זײ צו דער אַרבעט טויט מידע, אָבער די נאָרמע מוז יעדערער אָבליגאַטאָריש אויס־פירן. אויב ניט, באַװײַזסטו זיך ניט אַרומצוקוקן, און דײַן נאָמען שײַנט שוין אַראָפּ מיט קידוש־לבנה־אותיות פון שוואַרצן ברעט, װאָס הענגט אויף דער סאַמע חשובסטער װאַנט.

אמת, דער פרילינג קומט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט שפּעט־לעך, אָבער ביז דעם 20סטן מײַ דאַרף זיך ענדיקן דער פאַרזײ פון די פריִע קולטורן. גראָד אין יענעם יאָר איז דער מײַ געווען אַ נאַסער, האָט מען געהאָפט אויף אַ נס: אפשר װעט מען געווינען עטלעכע טעג? און אפשר װעט פאַרט פון ערגעץ אָנקומען אַ ביסל זריעה? אָבער אומזיסט: ביראָבידזשאַן

איז פֿאַרבליבן אָן קאַרטאָפּל־זריעה, און קאַרטאָפּל איז דאָך דאָ די וויכטיקסטע שפּײַז!

גייען אַרום אויך די אָנפֿירערס פֿון די פֿאַבריקן און אַרטעלן פֿאַרזאָרגטע און פֿאַרצאָרנטע: „וואָס וועל איך געבן עסן מײַנע הונגעריקע מענטשן?"

אין סטאַלינסקער ראַטווירט

דעם 14טן יאַנואַר 1936 האָט דער דעמאָלטיקער פּאַרזיצער פֿונעם אַל־פֿאַרבאַנדישן „געזערד" אין מאָסקווע, שמעון דימאַנטשטיין, מיט שטאָלץ געמאָלדן: „אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט איז דורכגעפֿירט געוואָרן די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע" און „עס שטייט נאָך פֿאַר צו באַהערשן מיליאָנען העקטאַר ניַיע, אויסגעצייכנטע רויערד" (פֿון זײַן רעדע אין צענ־טראַלן אויספֿיר־קאָמיטעט פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנדישן צא"ק). אין יוני פֿון זעלבן יאָר 1936 האָבן שוין אין אונדזער געגנט עקסיסטירט 15 יידישע איבער־וואַנדערישע קאָלווירטן. אַז אין די ביראָבידזשאַנער קאָלווירטן איז דאָס לעבן פֿינצטער און ביטער, ווונדערט קיינעם ניט. מיט וואָס זענען זיי מער יחסנים פֿון די קאָלווירטן דאָרטן, אין צענטער פֿון לאַנד? (ווער נעמט דען ערנסט די עקאָנאָמישע און רעכטלעכע פּריווילעגיעס, וועלכע מ'האָט זיי, ווי איבער־וואַנדערערס, צוגעזאָגט דאָ צו געבן?) זינט אין דער געגנט איז (מיט אַ פֿאַר־שפּעטיקונג) דורכגעפֿירט געוואָרן די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע, איז אויך אין דער הויפּטשטאָט ביראָבידזשאַן דער לעבנסשטייגער געוואָרן נאָך שווע־רער און נאָך קאָמפּליצירטער.

אָבער — פֿאַראַן אַ שטיקל טרייסט. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אָרגאַ־ניזירט אויף די אומענדלעכע, פּרוכטיקע שטחים פֿון דער יידישער אויטאָ־נאָמער געגנט אַנדערע ריזיקע אַגראָ־ווירטשאַפֿטן — די ראַטווירטן (סאָוו־כאָזן). די ערד און די גאַנצע ווירטשאַפֿט פֿון יעדן ראַטווירט זענען דאָס אייגנס פֿון דער מלוכה און באַשעפֿטיקט זענען אין די ראַטווירטן לוין־אַרבעטערס, אַזוי ווי אין יעדער מלוכה־פֿאַבריק. פֿאָרמעל האָבן זיי, די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטערס, אַלע רעכט און פּריווילעגיעס פֿון פּראָ־לעטאַריער אין דער מלוכה־אינדוסטריע.

איך קען אייניקע ראַטווירטן אין אונדזער געגנט: דעם מילך־ און

גרינוואַרג־ראַטווירט אין פּאָקראָווקע, דעם חזירים־צוכט־ראַטווירט אין וואָ־לאָטשײַעווקע, דעם פּוטער־ראַטווירט אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן און דעם תּבואה־ראַטווירט אין סטאַלינסקער ראַיאָן. אין די דאָזיקע ראַטווירטן זענען פֿאַראַן אַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען, אַז די באַשעפֿטיקטע דאָ איבער־וואַנדערערס זאָלן זײַן פֿאַרזיכערט כאָטש מיט דעם סאַמע נייטיקסטן מינימום.

כ׳וויל ניט איבערלאָדן מײַן אַרבעט, וועל איך פֿון אַלע פֿאַקטן, וועלכע זענען בײַ מיר פֿאַרנאָטירט, זיך באַנוגענען מיט איינעם:

אין 1936 איז די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט געווען אַדמיניסטראַטיוו אײַנגעטיילט אין 5 ראַיאָנען — ביראָבידזשאַנער, סמידאָוויטשער, בירער, בליוכעראָווער, סטאַלינסקער.

דער סטאַלינסקער איז דער וויכטיקסטער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ראַיאָן אין אונדזער געגנט. דאָ ווערט פֿאַרזייט אַרום 60 פּראָצענט פֿון דעם גאַנצן פֿאַרזיי־שטח פֿון דער געגנט. די גרונט־עקאָנאָמיק פֿון ראַיאָן איז לאַנדווירט־שאַפֿט. איז דאָ אָרגאַניזירט געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע תּבואה־ראַטווירטן. זײַן דירעקטאָר איז דעמאָלט געווען דובנאָוו און דער שעף פֿון פּאָליטישן אָפּטייל — שאַפּיראָ. לאָמיר הערן וואָס עס דערציילן די אַרבעטערס פֿון דאָזיקן גראַנדיעזן ראַטווירט.

„די באַציִונג צום לעבעדיקן מענטש איז אומדערלאָזלעך. חדשים צאָלט מען ניט אויס קיין געהאַלט. צענדליקער מענטשן שטייען נאָך דער אַרבעט אין ריי אין קאָנטאָר בײַם דירעקטאָר: כאָטש אַ צענערל אַוואַנס. ניטאָ קיין צוקער, טיי, ווורשט, קאָנדיטעריי־אויסאַרבעטונגען אאַז״וו. וועגן קליידונג איז שוין אָפּגערעדט. נאָך דער מינדסטער קליינימקייט מוז מען פֿאָרן קיין אַמורזעט אָדער קיין ביראָבידזשאַן. אַנטיסאַניטאַריע, שלעכט עסן, ס׳פֿעלט ברויט, געפּעס. אין אַ סך וווינונגען איז שרעקלעך קאַלט. אויף צו קריגן אַ שײַטל האָלץ דאַרף מען אַרומלויפֿן שעהענווײַז און ניט שטענדיק קריגט מען. קיין שול איז נאָך ניט אויסגעבויט, מען ענגט זיך אין דער געבײַדע פֿון סטאַלינסקער טעכניקום. די לימודים ווערן צוליב דער קעלט אָפּט מאָל אַרונטערגעריסן״... (ביראָבידזשאַנער שטערן״, 10טער פֿעברואַר 1936).

אַזוי האָט אויסגעזען אין רייכסטן ראַטווירט, און כ׳מיין, אַז ס׳איז איבע־ריק צו באַשרײַבן די באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָבן געלעבט די איבער־וואַנדערערס פֿון די קלענערע ראַטווירטן.

יעגערײַ

יעדן מאָל, ווען כ׳דערמאָן זיך שמעון דימאַנשטיינס טריומף־דערקלערונג, אַז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז שוין מיט מזל דורכגעפירט געוואָרן די דורכויסיקע קאָלעקטיוויזאַציע. שווימט אַרויס אין מײַן זכרון די דערינערונג וועגן יעגערײַ, ריכטיקער געזאָגט — וועגן די יעגערס.

כּמעט אַלע געקומענע לעבן איצט דאָ אין אַנדערע נאַטור־באַדינגונגען, ווי ביז איצט. פאַר אונדז, גרויסשטאָטישע, גרענעצט עס מיט עקזאָטיק. וווהין דו טוסט זיך אַ קער, שטויסטו זיך אָן אויף דער אוראַלטער טיפער טײַגע. זי איז געדיכט באַוווינט מיט די פאַרשיידנסטע חיות. די פעל זייערע איז מיט גאָלד צו גלײַך. אַ היפּשער טייל גייט אויף עקספּאָרט. כּמעט אין יעדן ראַיאָן קען מען לײַכט גיין צו יעגערײַ. ביז מיר, ייִדן, זענען אַהער געקומען, איז יעגערײַ דאָ געווען אַ קוואַל פון גוטער פּרנסה פאַר די אַלט אײַנגעזעסענע אײַנוווינערס, איבערהויפּט אין פּוזינאַ, בירער ראַיאָן, אין וואָלאָטשעווקע, בידזשאַן, באַבסטעווע. דאָס יעגערײַ גייט אָן אַ גאַנץ יאָר, אָבער אין יאַנואַר און פעברואַר קען מען דאָ פאַנגען די זעלטנסטע עקזעמפּליאַרן. פאַראַן דאָ אַזעלכע אוניקאַלע באַשעפענישן, וועלכע ווערן פאַרקויפט צו מוזייען און זאָאָלאָגישע גערטנער אין לאַנד און אויסלאַנד פאַר פרעמדער וואַלוטע.

אָבער פאַר ייִדישע איבערוואַנדערערס איז די דאָזיקע באַשעפטיקונג אין גאַנצן פרעמד. די געניטע יעגערס גיבן ניט גערן איבער זייער קענטעניש צו די נײַ־געקומענע. ניט זעלטן טוען זיי אָפּ מיאוסע אַנטיסעמיטישע שפּיצ־לעך דעם אומבאַהאָלפענעם ייִד, וואָס דערוועגט זיך צו לאָזן זיך מיט זײַן לערער אין די געדיכטענישן פון אוראַלטן וואַלד.

ביז איצט האָט יעדער יעגער אַליין, וואָס ער האָט געפאַנגען אָדער געשאָסן, גערעכנט פאַר זײַן פּריוואַטן אייגנס און עס פאַרקויפט אויפן פרײַען מאַרק. אָבער פון דער מינוט, ווען מ׳האָט זיי געצוווּנגען אָפּצוגעבן זייערע טראָפייען אין דעם ספּעציעל אָרגאַניזירטן יעגער־קאָאָפּעראַטיוו, האָט דער דאָזיקער קוואַל פון הכנסה אָנגעהויבן אײַנשרומפּן. איז דען אין דער טײַגע געוואָרן ווייניקער בעלי־חיים ? דאָ שווּבלט און גריבלט, ווי ביז איצט, מיט לעבעדיקע באַשעפענישן. אָבער די יעגערס גייען אַליין זעלטענער און זעלטענער אין דער טײַגע, און די וואָס גייען יאָ, פּרווון באַהאַלטן זייערע טראָפּייען פון אַ בייז אויג...

יעדער יעגער באַקומט אַן אינדיווידועלן פּלאַן פון רויוואַרג, וואָס ער

איז מחויב צוצושטעלן דער מלוכה. די, וועלכע געהערן צו אַ לאַנדווירט־שאַפטלעכן קאָלווירט, ווערן אין די טעג, ווען זיי גייען צו יעגעריי, באַפרײַט פון אַלע איבעריקע אַרבעטן. און דאָך קומען זיי צוריק פון דער טײַגע מיט ליידיקע הענט. מאַכט מען יעדן מאָל רעוויזיעס ניט בלויז אין זייערע יעגערשע טאַשן, נאָר אויך אין זייערע וואַלד־שטיבלעך. די דאָזיקע דערנידערונג פון די שטאָלצע טײַגע־מענטשן רופט אַרויס אויפרעגונג אַפילו ביי פּאַרטיי־מיטגלידער, און ביי זיי, די יעגערס, וואַקסט די פײַנדשאַפט צו דער ייִדישער אָנפירונג פון דער געגנט און צו די פאַרחושכטע ייִדישע איבערוואַנדערערס אין דער ערשטער ריי, הגם כּמעט דער גאַנצער צווײַג ליגט אין די הענט פון ניט־ייִדן.

מײַן „האָבי"

נאָך דאָרטן, אין קיִעוו, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז גלײַך נאָך מײַן קומען אַהער, וועל איך אָנהייבן זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור־בויונג אין דער ייִדישער אויטאָ־נאָמער געגנט. מײַן באַגער איז געווען ניט קיין צופעליקער. כ'האָב געוואָלט, אַז דאָ זאָל ניט געשען דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען אין צענטער, דהײַנו: ס'האָבן זיך ניט פאַרהיט וויכטיקע מאַטעריאַלן און אויטענטישע דאָקומענטן, אויף וועלכע עס דאַרף זיך באַזירן אַן ערנסטע פאָרשונג וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג אין ראַטן־פאַרבאַנד. ס'זענען פאַרבליבן זייער ווייניק מאַטעריאַלן וועגן די חילוקי־דעותן און די פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס האָבן עקסיסטירט צווישן די, וועלכע האָבן די אַרבעט געטאָן. און אויב איר וועט נעמען אין אַכט, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַן אָנגענומענע זאַך צו פאַרטיליקן דאָקומענטן וועגן „ניט־געוווּנטשענע" דערשײַנונגען, וועט איר פאַרשטיין, פאַר וואָס מיר האָבן דע־מאָלט ניט געקענט האָבן קיין אייגן גרונטיקע פאַרשאַרבעט וועגן דער געשיכטע פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור־בויונג.

קיין ביראָבידזשאַן בין איך אָנגעקומען מיטן געפיל, אַז זי, די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט, איז מײַנע, שיער ניט מײַן אייגן פאַרמעגן. דעריבער דאַרף איך וואָס גיכער וויסן גענוי און פּינקטלעך וועגן דאָזיקן פאַרמעגן

מײַנעם: וועלכע ייִדישע קולטור־ און בילדונגס־אַנשטאַלטן האָבן מיר שוין דאָ; אַוועלכע איז די קוואַליטעט זייערע; פון וואַנען וואַקסט אַרויס דאָס, וואָס ביראָבידזשאַן פאַרמאָגט שוין הײַנט. האָב איך זיך גלײַך אָ כאַפּ געגעבן צו זאַמלען מאַטעריאַלן — זאָל ניט פאַרפאַלן ווערן קיין איין פאַקט, קיין איין פרווו, וואָס דאָ איז געמאַכט געוואָרן אויפן שטח פון ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור־בויונג. כ׳האָב זייער געוואָלט וויסן און פאַרפיקסירן פאַר די קומענדיקע דורות, ווי אַזוי האָבן צוזאַמען מיטן ערשטן ייִדישן איבערוואַנדערער דאָ אַ שפּראָץ געטאָן די ערשטע סימנים פון ייִדישער קולטור־אַרבעט. ווערט דאָס מײַן געליבטער „האָבי״.

אַרבעט איז דאָ אַ סך און מענטשן ווייניק. געווען אין ביראָבידזשאַן קולטור־טוערס אַ סך מער איבערגעלאָדענע ווי איך. אָבער אויך איך בין גוואַלדיק פאַרנומען: כ׳אַרבעט אין דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע אויף פאָרשונגען, כ׳בין לעקטאָר אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום און אָנפירערין מיטן געגנטלעכן מעטאָדיש־פּעדאַגאָגישן קאַבינעט. און דאָך כאַפּ איך זיך יעדע פרײַע מינוט צו מײַן „האָבי״.

און כאָטש גאָר גיך איז געקומען די גרויסע אַנטוישונג, וואָס האָט ממש געגרענעצט מיט יִיאוש, איז דער „האָבי״ פאַרבליבן, פאַרשאַפט פאַרגעניגן און בשעת־מעשׂה העלפט ער מיר אַפילו צו פאַרגעסן די טרויעריקע וואָר.

מײַנע חברים זענען צופרידן, וואָס איך לאָז פאַר זיך איבער אַזוי ווייניק צײַט אַרײַנצוטראַכטן זיך אין שווערן מאָראַלישן מצב, אין וועלכן מיר אַלע געפינען זיך. אין שפּאַס רופן זיי מיך „דער ערשטער היסטאָריאָגראַף פון דער ייִדישער קולטור אין דער ייִדישער געגנט״. אָבער איך ווייס, אַז צווישן זיך באַנוצן זיי, ריידנדיק וועגן מיר, אַן אַלט רוסיש ווערטל, וואָס אויף ייִדיש־לשון קלינגט עס אַן ערך אַזוי: „ניט וויכטיק מיט וואָס דאָס קינד פרייט זיך, אַבי עס וויינט ניט״.

כ׳זאַמל דאָקומענטן, קודם־כל אַזעלכע וואָס האָבן זיך צופעליק פאַרהיט אין די אַנשטאַלטן פון פאַרשיידענע ייִשובים, און איבערהויפּט בײַ פּריוואַטע פּערזאָנען. מיך אינטערעסירן די ערשטע אָנהייבן פון ייִדישיזירן די פּאָסט, דאָס געריכט, די געשעפט־פירונג אין די דאָרפראַטן, קאָלווירטן, קאָאָפּעראַטיוון, פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן א״אַנד. כ׳פאַרמאָג שוין אַ זאַמלונג לעבעדיקע דערציילונגען פון די ערשטע איבערוואַנדערערס, וואָס כ׳האָב פאַרנאָטירט אויף דער הייסער מינוט בעת מײַנע באַגעגענישן מיט זיי אין פאַרשיידענע ייִשובים, וווּהין איך כאַפּ זיך אַראָפּ בײַ יעדער געלעגנהייט. זייערע

זכרונות וועגן די ערשטע געשעענישן, וואָס זיי האָבן דאָ איבערגעלעבט, זענען צאַפּלדיק פריש און באַלערנדיק.

אין צווייטן באַנד פון מײַן בוך „אויף וועגן און אומוועגן" האָב איך שוין דערציילט, מיט וויפל שווערקייטן מײַן „האָבי" איז געווען פאַרבונדן. און נאָך האָב איך דאָרטן דערציילט: ווי אַקוראַט, ממש פּעדאַנטיש איך האָב מיט מײַנע אייגענע הענט די דאָזיקע כּמעט פאַרענדיקטע פאַרשאַרבעט געבערענט אין מײַן ביראָבידזשאַנער אייוועלע...

דאָ בלײַבט מיר נאָר צוצוגעבן, אַז דאָס פאַרבליבענע אַש, האָב איך פאַרגאָסן מיט וואַסער און מיט אַ שטעקעלע געמישט. געמישט האָב איך אַזוי לאַנג, ביז פון מײַן געליבטער אַרבעט איז געוואָרן אַ מין גרויע קאַשע.

„עפּעס אַ שגעון איז אויף איר אָנגעפאַלן?" — גיט אַ לויף אַדורך אין אײַער מוח. ניין, איר האָט אַ טעות. פאַרטיליקט מײַן אַרבעט האָב איך בײַם פּולן באַוווּסטזײַן. פאַר וואָס? כּדי די לײַט פון נ.ק.וו.ד., אויף וועלכע כ'האָב זיך געריכט יעדע נאַכט שוין אין דער צווייטער העלפט 1936, זאָלן ניט געפינען קיין סימן פון די אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן. ווײַל פאַר וועמען דען, אויב ניט פאַרן יאַפּאַנישן שונא האָט אַזאַ פאַרשוין ווי איך זיי געזאַמלט?..

שולן, קינדער־גערטנער, פּעדאַגאָגן און פאַרשעמטע ספרים

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ביראָבידזשאַן אין מײַ 1935, האָבן אין דער גאַנצער יידישער אויטאָנאָמער געגנט עקסיסטירט 90 שולן. עס רעדט זיך אַזוי — שולן. אין דער אמתן זענען דאָס געווען קליינינקע, נעבעכדיקע ביז גאָר אָרעמע שולעכלעך — רוסישע, יידישע און קאָרעישע. געלערנט האָבן זיך אין זיי 10,200 קינדער.

אין די אַלט געזעסענע יישובים מיט אַ רוסישער באַפעלקערונג האָט מען אָרגאַניזירט יידישע קלאַסן בײַ די רוסישע שולן פאַר די קינדער פון יידישע איבערוואַנדערערס. שפּעטער, ווען ס'קומען צו נאָך יידישע קינדער, עפנט מען שוין יידישע שולן. דערווײַלע איז אָבער דאָרטן ניט פויגלדיק, קודם־כּל מיט לערערס.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1937, בין איך געווען אין שולן אויף דער

פּראָווינץ, ווו ס'האָבן אַלץ נאָך געפעלט ניט בלויז לערנביכער און העפטן, נאָר אַפילו פּענעס, טינט און בלייערס.

כ'ווער דערשטוינט און דערשלאָגן, דערזעענדיק די שול־געביידעס. די מערהייט — אַלטע אָפּגעלאָזענע כאַטעס, וואָס געדענקען נאָך די אַמאָליקע טיכאָנקע. דאָס שמוץ אין די שולן, איבערהויפּט אין די קליינע ישובים, איז אַ געוויינטלעכע זאַך. די פענצטערלעך — פאַרשמירט מיט בלאָטע. אָפּגעפאַלענער טינק, אָפּגעדראַפּעטע ווענט אין די קלאַסן, אין לערער־צימער, און קיינער רעאַגירט ניט אויף אַזעלכע „קלייניקייטן". קיין קלאָזעטן זענען אין די שול־געביידעס ניטאָ. לויפן די קינדער אין דרויסן, און דער פראָסט דערגייט ביז 40 גראַד. איז די צאָל קראַנקע תלמידים אומגעהייער גרויס.

אָבער דאָ דאַרף איך ניט פאַרגעסן צוצוגעבן אַ פריידיקן פאַקט: אין דער הויפּטשטאָט, ביראָבידזשאַן, בויען זיך שוין צוויי נייע, גרויסע, רחבותדיקע געביידעס — פאַר דער רוסישער און פאַר דער יידישער מיטלשול. ס'ווערט גרינגער דאָס געמיט, ווען דו זעסט ווי די אַרבעטערס פאַרען זיך אַרום די בויונגען. עס בויט זיך דאָ אויך אַ הויז פאַר אַן אינטערנאַט אויף 80 קינדער, וועלכע האָבן פאַרענדיקט די זיבניאָריקע שול אין אַזעלכע ישובים, ווו עס זענען ניטאָ קיין פולע צעניאָריקע מיטלשולן. און נאָך איינע אַ קלענערע רוסישע שול־געביידע בויט זיך אויף דער פעריפעריע פון שטאָט — ביי דער סאָפּקע, ווו עס וווינט גרענעץ־מיליטער מיט זייערע משפחות. צום ערשטן סעפּטעמבער 1936 דאַרפן אויך פאַרטיק ווערן בנינים פאַר צוויי רוסישע שולן — איינע אין סטאַלינסק, די צווייטע אין לאָנדאָקאָ.

די געגנט פאַרמאָגט אויסגעצייכנטע פּעדאַגאָגן — עלטערע און יונגע. אַנדערע האָבן זיך קונה־שם געווען דאָרטן, אין צענטער, פון וואַנען זיי זענען אַהערגעקומען פרייוויליק. זיי זענען איבערגעגעבן דער אַרבעט מיט לייב־און־לעבן. אָבער זייער צאָל איז קליין און זיי קאָנצענטרירן זיך, מיט קליינע אויסנאַמען, אין דער הויפּטשטאָט פון דער געגנט.

דער מאַנגל אין לערערס איז אומגעהייער גרויס. האָט דער געגנטלעכער בילדונגס־אָפּטייל פונאַנדערגעשיקט צו דריי בילדונגס־קאָמיסאַריאַטן — פון ר.ס.פ.ס.ר., אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — אַ דרינגענדיקע בקשה: שיקט אונדז 233 לערערס און קולטור־טוערס. און דערווײַלע? דערווײַלע וועלן מיר דאָ אין דער געגנט צוגרייטן אַ ביסל לערערס. האָט דער ביראָבידזשאַנער פּעדטעכניקום אויף גיך אָרגאַניזירט אין 1935 און אויך אין 1936 צוגרייט־קורסן פאַר לערערס פון יידישע און רוסישע אָנהייבשולן. אָבער פאַר די

דאָזיקע קורסן פעלן קאַנדידאַטן מיט פאַרענדיקטער בילדונג. אַז מען קען ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער, און מען באַנוגנט זיך מיט מיידלעך און ייִנגלעך, וואָס האָבן פאַרענדיקט ניט מער ווי... 6 און אַפּילו 5 קלאַסן. בײַסן מיר די ליפּן פון פאַרדראָס און אומבאַהאָלפנקייט: וואָס וועלן זיי זײַן אין שטאַנד אויסצולערנען די קינדער? אונדז דראָט אַ בפירושע סכּנה, אַז דער יונגער דור פון דער ייִדישער געגנט זאָל אויסוואַקסן שוואַך־עברידיק.

דער פּעדטעכניקום האָט דאָך אַרום און אַרום ניט מער ווי 76 סטודענטן און ערשט אין 1935 האָט ער אַרויסגעלאָזט די ערשטע קלייניקע גרופּע אַביטוריענטן. דער צווייטער אַרויסלאָז איז פאַרגעקומען אין 1936. פאַרענדיקט האָבן אויך דאָס מאָל ניט מער ווי 13 סטודענטן. אַגב, זענען צווישן זיי געווען אויך 3 אויסלענדער: שמואל ווײַנער פון פּוילן, לייבע שוב פון ליטע און נאָך אַ דריטער, וועמענס פאַמיליע איך געדענק ניט. דער פעיִקער, איידעלער ווײַנער און דער שפּעטער טרויעריק באַרימטער מסור שוב זענען געבליבן אַרבעטן אין דער ייִדישער מיטלשול פון דער הויפּטשטאָט.

*

וואַלדהיים האָט געהערט צו די עלטסטע און רײַכסטע נײַ געשאַפענע ייִדישע ייִשובים. זײַן קאָלווירט אויפן נאָמען פון לאָוורענטיעוון איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אין 1930. אין אים שפּיגלען זיך די אָנפירערס פון דער געגנט. די דירות פון די קאָלווירטלערס זענען דאָ כּמעט שטאָטישע. אַהער פירט מען די חשובסטע געסט פון צענטער און פון אויסלאַנד. דאָ לעבן אויך איבערוואַנדערערס, געקומענע פון אויסלאַנד, אַנדערע — זינט 1932. האָב איך זיך קוים דערוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו זײַן דאָרטן. כ׳בין דאָך געווען אַזוי אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסעלע נחת. מײַן צײַגעניש — אַ מיט־אַרבעטער פון דער געגנטלעכער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע — גיט מיר די מעגלעכקייט צו זײַן דאָרטן אין יעדן ווינקעלע. לויף איך קודם־כּל אין דער וואַלדהיימער ייִדישער שול, און טרעף דאָרטן אַזאַ מצב — זאָל מיר דער לייענער גלייבן — כ׳טרײַב אויף קיין האָר ניט איבער: ניט דער דירעקטאָר, ניט די לערערס זענען געניג עברידיק.

אין אַ געדריקטער שטימונג אײַל איך זיך גלײַך פון שול אַרײַנצוגיין אין וואַלדהיימער אינטערנאַט פאַר תּלמידים פון די ייִשובים, וווּ עס זענען ניט בנימצא קיין העכערע שולקלאַסן. דאָ וועל איך זיכער דערזען אַ מוסטער־דיקע אָרדענונג און מענטשלעכע באַדינגונגען, וועלכע דער רײַכער וואַלד־

הימער קאָלווירט האָט געשאַפן פאַר די קינדער. ס׳קען דאָך ניט געמאָלט זײַן, אַז דאָ זאָל הערשן אַזאַ שווערע לאַגע ווי אין בירָאבּידזשאַנער שול־אינטערנאַט. איז אָבער דאָ, אַזוי ווי דאָרטן, שרעקלעך קאַלט און שמוציק. אויך דאָ, אַזוי ווי דאָרטן, גרייטן די קינדער די לעקציעס בײַ דער שײַן פון אַ פאַררייכערט נאַפטלעמפּל. דאָ, פּונקט ווי דאָרטן, איז דאָס עסן אָרעם אין קאַלאָריעס און ניט געשמאַק...

האָט אין וואַלדהיים געפּלאַצט נאָך איינער פון מײַנע לעצטע לופט־באַלאָנען.

*

ווייניק עברידיקע זענען דעמאָלט געווען ניט בלויז צווישן די וואַלד־הימער פּעדאַגאָגן. הערט, וואָס עס דערציילט די אָנפירערין פון בירָאבּי־דזשאַנער שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל, די חברטע קעלמאַן, אין איר רעדע אויפן פּלענום פון בירָאבּידזשאַנער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט: „דאָ ניט לאַנג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ דיקטאַט מיט די לערערס, און עטלעכע פון זיי האָבן געמאַכט צו 30 גרײַזן". איך פּערזענלעך האָב דעמאָלט געהאַלטן אין האַנט דיקטאַטן מיט... העכער 40 גרײַזן. אַגב, האָבן די לערערס דעמאָלט געשריבן ניט איינעם, נאָר צוויי דיקטאַטן: איינער אויף ייִדיש, דער צווייטער אויף רוסיש. דעם טעקסט פון רוסישן דיקטאַט האָט פון מאָסקווע צוגעשיקט דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג. דעם ייִדישן האָבן צונויפגעשטעלט צוויי זייער קוואַליפיצירטע פילאָלאָגן — קאָפּילעוויטש און פרוי זשעזמער — ביידע אָנגעזעענע לערערס פון בירָאבּידזשאַנער פּעדטעכניקום. דאָ דאַרף איך נאָך צוגעבן אַ קליינעם פּרט: דער רוסישער טעקסט איז געווען צוגעפּאַסט פאַרן... 5טן, מאַקסימום פאַרן 6טן קלאַס. אַגב, האָט די פאַרוואַלטעריק מיטן בירָאבּידזשאַנער שטאָטישן בילדונגס־אָפּטייל, די חברטע קעלמאַן גופא, אויך פאַרמאָגט ניט מער ווי אַ קליין ביסעלע וויסן — ממש אויפן שפּיץ מעסער. דערקעגן איז דער פאַרוואַלטער מיטן געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל, בנימין גאָלדפײַן, געווען אַן אַלזײַטיק געבילדעטער, אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג, אַ שם־דבר אין דער קיִעווער פּעדאַגאָגישער וועלט. און ניט בלויז אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער אוקראַיִנישער. די 33סטע ייִדישע מוסטערשול מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, איז געווען דער שטאָלץ פון ייִדישן ביל־דונגס־וועזן אין קיִעווער קרײַז.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס אין דער גאַנצער געגנט ווערט דאָס שוליאָר

פֿאַרענדיקט מיט אַ קאָלאָסאַלן פּראָצענט קינדער, איבערגעבליבענע אויף אַ צווייטן יאָר? נאָך גרעסער איז די צאָל שילער, וועלכע דאַרפֿן האַרבסט נאָך אַ מאָל אָפּגעבן עקזאַמענס.

דער לייענער ווייסט שוין, אַז געדיכטע אורואַלטע וועלדער (טײַגע) פֿאַר־נעמען אַ קאָלאָסאַלן שטח פֿון דער געגנט און זענען כּמעט פֿון יעדן ייִשוב מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. וועט איר זיך מן־הסתּם וווּנדערן, ווען כ׳וועל אײַך זאָגן, אַז איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות פֿאַר וואָס די קינדער בלײַבן אויף נאָך אַ יאָר אין זעלבן קלאַס איז: אין די פֿרעסט קענען די שולן ניט אַרבעטן, ווײַל... ס׳איז ניטאָ קיין באַהייצונג. אַזוי ווערט בפֿירוש געשריבן כּמעט אין אַלע באַריכטן, וועלכע יעדע שול גיט אָפּ סוף לערניאָר. לייענסטו אַזאַ באַריכט און דײַן אויפֿרעגונג האָט גאָר קיין שיעור ניט.

געבן די תּלמידים און אויך די לערערס, וועלכע האָבן דעמאָלט חדשים לאַנג ניט באַקומען זייער געהאַלט, אַ וואָרעמען פֿרישטיק, איז דאָ אַ לעבנס־פֿראַגע, באַזונדערש ווינטערצײַט. גייען אַרום די פֿאַרוואַלטערס פֿון די ביל־דונגס־אָפּטיילן שוואַרץ ווי די ערד: מ׳דאַרף דרינגענדיק אָרגאַניזירן בײַ יעדער שול אַן אייגענע פֿערמע, וואָס אַרבעטן אין איר וועלן ניט קיין זײַטיקע הענט, נאָר די תּלמידים און לערערס גופֿא. זיי וועלן פֿאַר די שולן אויסהאָ־דעווען גרינוואַרג, ווײַל אויף צענטראַליזירטער שפּײַז־צושטעלונג איז ניטאָ וואָס צו האָפֿן. איז אָבער קיין זריזה ניטאָ! און נאָך חלומען זיי: פֿאַר יעדער שול אַ קו און עטלעכע חזירים. קלאַפּן זיי אין די טירן פֿון די ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער אָן דערפֿאָלג...

אויך אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום לײַדט מען הונגער. „די שלעכטע דער־נערונג רופֿט זיך אָפּ אויף דער קוואַליטעט פֿון אונדזער לערנען" — שרײַבט אַ דרייסטער סטודענט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" דעם 18טן מײַ 1935. „די קיך האָט ניט קיין שפּײַזפּראָדוקטן, ניטאָ קיין פֿעטס, און דער פּרײַז איז הויך". אונטערשריפֿט — סטודענט טשומאַק. אַגבֿ, זייער זעלטן דערלויבט זיך די צײַטונג צו פּובליקירן אַזאַ בפֿירושע ידיעה, אַז אין דער געגנט לײַדט מען פֿון ניט־דערעסן.

*

קינדער־גערטנער האָב איך אין דער געגנט געטראָפֿן 36, כּמעט אַלע צוויי־שפּראַכיקע — רוסישע און ייִדישע גרופּעס. ס׳רובֿ געפֿינען זיי זיך אין ניט קיין צוגעפּאַסטע געבײַדעס. די דערציִערינס (מיט קליינע אויסנאַמען) —

ניט קיין קוואַליפיצירטע יונגע מיידלעך, וואָס קענען ניט אַרבעטן צוליב זייער ווייניק עבֿרידיקייט. ניטאָ קיין מעבל, קיין מכשירים, קיין שפּילצייג. די דערנערונג: „קיין טראָפּן פעטס, קיין טראָפּן מילך זעען ניט די קינדער" — קלאָגן זיך אין דער שטיל און צו מאָל אויך אויף אַ זיצונג די עלטערן און דערציִערינס.

אין דער נייפאַבריק איז די דערציִערין פון דער ייִדישער גרופּע אין קינדער־גאָרטן אַ געקומענע פון אויסלאַנד. ווייסט זי נאָך ניט, אַז פאַר זאָגן אין דער הויך דאָס, וואָס מען טראַכט, קען מען טײַער באַצאָלן. און זי רעדט בפרהסיה אַזוי: „די קעכין קאָכט פאַר זיי זופּ פון שטיקלעך פאַרפוילטע טיקווע, און אַ ביסעלע הירש שווימט אַרום אין שיסעלע. איך קען דאָס בשום אופן ניט אַראָפּשלינגען, אָבער מײַנע קינדערלעך בעטן אַ דאָבאַווקע (אַ צוגאָב־פּאָרציע). איז דאָס איר, דער „קאָנטררעוואָלוציאָנערער" אויסלענדערין נאָך ווייניק, ענדיקט זי אַזוי: „נאָך דעם דאָזיקן ,מיטאָג' זינגען זיי, אַ דאַנק דעם חבֿר סטאַלין פאַר דער גליקלעכער קינדהייט'!" — אַגבֿ, האָט זי פאַר איר דאָזיקער נאַיִווקייט שפּעטער באַצאָלט מיטן לעבן — געווען צווישן די ערשטע קרבנות.

*

און דאָך, ניט געקוקט אויף אַלע פאַרקריפּלונגען, און ווי אויף צו להכעיס די שונאים, וואַקסט דאָס שולוועזן אין דער געגנט. אָבער דאָ דאַרף איך גלײַך צוגעבן, אַז די בילדונגס־אַנשטאַלטן וואַקסן ניט אין זייער נאַציאָנאַלן איכות, נאָר בעיקר אין כמות. דאָס איז אַ וויכטיקע פּראָבלעם, וועגן וועלכער כ׳וועל דערציילן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלען. ווי אַ באַווײַז פון וווקס קענען, מיין איך, דינען געוויסע פאַקטן, אָפּגעמערקטע אין מײַנעם אַן אַרטיקל אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" דעם 6טן מײַ 1936, „צוויי יאָר ייִדישע אויטאָ־נאָמע געגנט". אין אים ווערט געזאָגט:

„...אין יאָר 1929 האָט אויף דער טעריטאָריע פון דער הײַנטיקער שטאָט ביראָבידזשאַן עקסיסטירט איין און איינציקע קליינע שול מיט 150 שילער. איצט זענען דאָ פאַראַן 2 גרויסע מיטלשולן און 3 אָנהייבשולן, אין וועלכע עס לערנען זיך $2\frac{1}{2}$ טויזנט שילער...

...צום סוף 1934 האָבן אין די שולן פון דער גאַנצער ייִדישער אויטאָ־נאָמער געגנט געלערנט 9,200 שילער. איצט, אין 1936, באַטרעפט זייער צאָל 13 טויזנט.

...אין יאַנואַר 1936 אַרבעטן אין דער געגנט 450 פּעדאַגאָגן און עס פֿאָדערן זיך נאָך 300."

צום נײַעם שוליאָר 1936—37 האָט דער פּאַרוואַלטער מיטן געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל פּובליקירט גאָר דערפֿרייענדיקע ידיעות. פֿון זיי קענט איר זיך דערוויסן, אַז בלויז מיט דרײַ חדשים שפּעטער, צום ערשטן סעפּטעמבער פֿון שוליאָר 1936—37 איז די צאָל תּלמידים אין דער געגנט אויסגעוואָקסן פֿון 13 טויזנט ביז 17 טויזנט; און אַז צום נײַעם לערניאָר זענען געקומען צו פֿאָרן 140 לערערס, וועלכע האָבן נאָר וואָס פֿאַרענדיקט סאָוועטישע הויכשולן און טעכניקומס אין מאָסקווע, אָדעס און אין אַנדערע שטעט. (זע — ב. גאָלדפֿײַן, „צום נײַעם לערניאָר", „ביראָבידזשאַנער שטערן" פֿון 1טן סעפּטעמבער 1936).

און הגם מיר איז גוט באַוווּסט, אַז אויך די קוואַליטעט פֿון די קינדער־גערטנער אין דער געגנט האָט זיך אין פֿאַרגאַנגענעם יאָר כּמעט ניט קיין רוק געטאָן פֿאָרויס, פּרייסטו זיך דאָך, ווען דו זיצסט אויף דער ערשטער געגנט־קאָנפֿערענץ פֿון די פֿאַרשול־טוערינס (יוני 1936). ס'זענען זיך צונויפֿגעקומען 80 דערציִערינס פֿון 42 קינדער־גערטנער, ווו עס לערנען זיך 1,400 קינדערלעך. דער זאַל איז יום־טובדיק באַפּוצט מיט קינדער־אַרבעטן, מיט לערן־מכשירים, מיט מעטאָדישע מאַטעריאַלן און ספּעציעלער ליטעראַטור צו הילף די דערציִערינס. די דערקלערונגען זענען געשריבן אין ייִדיש און רוסיש. דאָס זענען די עקספּאָנאַטן פֿון דער ערשטער פּעדאַגאָגישער אויס־שטעלונג, וואָס אָרגאַניזירט האָט זי דער געגנטלעכער מעטאָדישער קאַבינעט (איך בין זײַן פֿאַרוואַלטערין). אַגב, איז די דאָזיקע אויסשטעלונג און אויך דער גאַנצער פּעדאַגאָגישער קאַבינעט געוואָרן אַ שם־דבר אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט פֿון גרויסן ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט. בעת די שול־קאַניקולן פֿלעגט דער קאַנטישער בילדונגס־אָפּטייל אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע באַזוכן פֿון זײַנע לערערס אין אונדזער קאַבינעט. פֿון כאַבאַראָווסק פֿלעגן גערן אַהער־קומען אויך שול־אינספּעקטאָרן, כּדי צו לערנען פֿון אונדזער נסיון. און מײַנע מיטאַרבעטערס האָבן זיי קיין מאָל ניט אַוועקגעלאָזן מיט ליידיקע הענט — געמאַכט פֿאַר זיי קאָפּיעס פֿון אונדזערע מעטאָדישע אָנווײַזונגען, געשענקט וויזועלע מאַטעריאַלן און לערן־מכשירים, וועלכע זיי, די ביראָבידזשאַנער ענטוזיאַסטישע ייִדישע מעטאָדיסטן, פֿלעגן אַליין שאַפֿן.

*

צום ערשטן מאָל אין מײַן פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק האָב איך זיך דאָ באַגעגנט מיט אַ ספּעציפֿישער שוועריקייט, פון וועלכער ס׳האָבן געליטן אָן אויסנעם אַלע שולן אין דער געגנט. געשטאַמט האָט זי דערפֿון, וואָס כמעט אין יעדער גרופּע איבערוואָגנדערערס איז פֿאַראַן קליינוואַרג. און דערפֿאַר ווערן דאָ קינדער אָנגענומען אין שול אין לויף פון גאַנצן לערניאָר. דאָס נידעריקט אַראָפּ דעם איכות פון דער אַרבעט און פֿאַרגרעסערט נאָך מער די צאָל אָפּשטייענדיקע קינדער. אַחוץ דעם ווירקט דאָס נעגאַטיוו אויף דער פּסיכיק פון די נײַ־געקומענע תּלמידים, שאַפֿט בײַ זיי פֿאַרשיידענע קאָמ־פּלעקסן. די פּראָבלעם האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט. ווען כ׳האָב באַקומען די אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן דעם געגנטלעכן מעטאָדישן קאַבינעט און אָנפֿירן מיט אים, האָבן מיר קאָלעקטיוו מיט מײַנע מיטאַרבעטערס אָנגעהויבן זוכן מיטלען, ווי אַזוי בײַצוקומען די דאָזיקע שוועריקייט. צווישן אַנדערע מאָס־מיטלען, האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט אינדיווידועלע קאָנסולטאַציעס, אויף וועלכע ס׳איז צוזאַמען מיטן לערער געקומען אויך דער תּלמיד, וואָס האָט געהאַט מניעות אין באַהערשן דעם לערן־מאַטעריאַל. די דאָזיקע אַרבעט האָט אין אַ געוויסער מאָס געלינדערט די לאַגע, און אונדז, דעם קאָלעקטיוו פון מעטאָדישן קאַבינעט, געגעבן אַ סך באַפֿרידיקונג.

אַגב, האָט מיר דאָ אַרויסגעהאָלפֿן דער נסיון, וועלכן כ׳האָב שוין געהאַט אַ דאַנק דער פֿאַרשערישער אַרבעט וועגן אָן ענלעכער פּראָבלעם, אַדורכגע־פֿירט מיט עטלעכע יאָר פֿריִער אין דער מאָסקווער 125סטער רוסישער מיטל־שול, לויט דער פֿאַרגעבונג פון קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. (זע — ע. שנײַדערמאַן, „אַרבעט מיט אָפּשטייענדיקע שילער״. אוקראַינע־לובנאַצמינד־פֿאַרלאַג, 1934, אויסגאַבע פון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער פּראָ־לעטאַרישער קולטור פון דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע. פּעדאַגאָגישע סעקציע).

*

שוין אין קיִעוו האָב איך געוווּסט, אַז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז פֿאַראַן אַ גרויסע פֿילשפּראַכיקע ביבליאָטעק. ניט צופֿעליק האָבן מיר אַהער אָפּגעשיקט דעם ערודירטן געלערנטן ביבליאָטעקער י. עליאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער גראַנדיעזער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק אין אונדזער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. און דאָך בין איך געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון דער עשירות פון דער ביראָבידזשאַנער שטאָטישער

ביבליאָטעק. אַ שלל פון יידישער און פרעמדשפּראַכיקער ליטעראַטור — פון אַלטע אוניקומס ביז די נײַסטע אויסגאַבעס. אין לייענזאַל האָב איך גע־טראָפן אַזאַ אוצר: אַן ערך 220 סאָוועטישע און אויסלענדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס — צײַטונגען, זשורנאַלן, וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע פּעריאָדיק, קינסטלערישע זשורנאַלן פון פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די אויסלענדישע צײַטונגען און די פאַך־פּעריאָדיק שיקן אַהער פון אַלע עקן וועלט אין גאַנצן בחינם די דאָרטיקע סימפּאַטיקערס פון ביראָבידזשאַן. כ׳צווייפל, צי מיט אַזאַ קאָלאָסאַלער צאָל אויסלענדישער פּעריאָדיק האָבן זיך דעמאָלט געקענט גרייסן די וועלט־באַרימטע מאָסקווער און לענינגראַדער ביבליאָטעקן. דאָס איז דאָך געווען פאַרבונדן מיט אַרויסשיקן פון לאַנד אויסלענדישע וואַליוטע, און פועלן בײַ דער מאַכט אַזאַ הוצאה איז געווען ממש קריעת־ים־סוף. און נאָך עפּעס. ווי אַ געזעץ זיפּט די סאָוועטישע צענזור יעדעס געדרוקטע וואָרט, וואָס קומט אָן פון יענער זײַט גרענעץ. אָבער ביראָ־בידזשאַן איז אַ שטיקל צײַט (טאַקע ניט מער ווי אַ קורצע צײַט) געווען אַ גליקלעכער אויסנעם.

אין יאַנואַר 1936 ציילט שוין די ביבליאָטעק אַרום 125 טויזנט בענד. אירע באַוועגלעכע ביבליאָטעקן באַדינען די לייענערס פון 12 אונטערנעמונגען. די צאָל דערוואַקסענע לייענערס איז, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַפעלקערונג, איבעראַשנדיק גרויס. אין קינדער־אָפּטייל איז שטענדיק געפּאַקט. אַלע תּלמידים פון שטאָט, פון די קלייניקע ביז די וואָס ענדיקן די שול, זענען דאָ אַבאָנענטן. גיסטו אַ טראַכט: ס׳איז אמת, מיר זענען אַן „עם־הספר״.

אָבער ווען דו דערזעסט דאָס אַלטע, קליינע שטיבעלע, אין וועלכן די ביבליאָטעק געפינט זיך, ווערט דײַן פרייד פאַרוואַנדלט אין צער. און די ענגשאַפט ווערט וואָס אַ מאָל גרעסער, ווײַל קאָסטנס ביכער הערן ניט אויף אָנצוקומען פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אינלענדישע און אויסלענדישע. שטייען זיי ניט קיין אויסגעפּאַקטע אין דרויסן, זומער און ווינטער, און ס׳ווערט פון זיי אַ תּל.

אין דער מוראדיקער ענגשאַפט איז אוממעגלעך אײַנצופירן די מיני־מאַלסטע אָרדענונג. די איבערגעגעבענע ביבליאָטעקערס פאַלן ממש פון די פיס. די נײַע געבײַדע בויט זיך מיט קריכערישע טעמפּן. קענען זיי דאָס ניט צוזען און שטעלן אונטער די אייגענע פּלייצעס. און דאָך זענען די רעזולטאַטן נישטיקע.

יעדן מאָל, ווען איך קום אַהער אַרײַן, באַהערשט מיך אַ געפיל פון שולד

לגבי די לייענערס, וועלכע שטייען און וואַרטן אַזוי לאַנג און אַזוי געדולדיק אין דער ריי נאָך אַ ביכל, און כ׳קען זיך ניט באַפרײַען פון דער בושה לגבי די פאַרשעמטע בערגלעך ספרים, וואָס וואַלגערן זיך אין אַלע ווינקלען פון די צימערלעך...

מ׳האָט אונדז פײַנט

דאָ, אין דער הויפטשטאָט, ווער איך ממש דערשטיקט. אָטעם איך פרײַער אָפּ, ווען כ׳רײַס זיך אַרויס פון דער קליינשטעטלדיקער אָנגעגליטער און פײַנדלעכער אַטמאָספער, וואָס דער געגנטלעכער פאַרטיי־קאָמיטעט שאַפט אַרום אַזעלכע, „ניט־געוווּנטשענע שאָוויניסטישע פרעמדע עלעמענטן״, ווי איך און מײַנס גלײַכן. איז מיר גוט צו פאָרן איבער דער געגנט מיט פאַרטראָגן און אויף סעמינאַרן פאַר לערערס. דאָ וואַרט מען אויף דײַן הילף, דאָ פיל איך זיך ווי אַ נייטיקער מענטש, דאָ הערט מען זיך צו צו דײַן וואָרט. אָבער אָפט מאָל איז מיר שווער צו קוקן אין די אויגן פון די אָרטיקע רוסן, דער עיקר אין בײַאָמורער פּאַס, וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ מיט מאַנדזשוריע. איך פאַרשטיי זייער שינאה צו מיר. כ׳ווייס, אַז אין די הײַזער פון די אַרויס־געשיקטע קולאַקעס אין אַלט אײַנגעזעסענעם קאָזאַקישן דאָרף דיעזשניאָוואָ האָט מען אַרײַנגעזעצט ייִדישע איבערוואַנדערערס. איז דאָס נאָך ווייניק, צווינגט מען זיי, די רוסן, (אַזוי ווי אין צענטער פון לאַנד), צו צעברעכן זייער אייגענע ווירטשאַפט און צוזאַמען מיט עפּעס ייִדעלעך, וואָס קענען קיין רידל אין האַנט ניט האַלטן, אַרײַנטרעטן אין קאָלכאָזן.

מילא, וואָלטן זיי, די קאָזאַקן, שוין שלום געמאַכט מיטן ביסל אומבאַ־האָלפענע ייִדישע מיטגלידער פון קאָלכאָז. איז אָבער די צרה, וואָס יעדן מאָל זעצט מען אַהער אַרײַן פרישע גרופּעס נײַ־געקומענע ייִדן. זענען זיי, די דיעזשניאָווער רוסן, ניט אין שטאַנד צו באַהאַלטן פון מיר זייער ביטול און שינאה צו די ייִדישע „אַרײַנדרינגלערס״ און צו דער ייִדישער מאַכט אין דער הויפטשטאָט ביראָבידזשאַן, פון וואַנען איך קום. און איך בין דאָך פאַר זיי איינע פון דער דאָזיקער פאַרהאַסטער מאַכט. אַזוי זעט עס אויס אויך אין פּוזינאָ און אין קוואַשינאָ.

אַ טייל אַרײַנגעזעצטע ייִדן פילט זיך דאָ תּקיפֿער ווי דאָרטן, אין צענטער פֿון לאַנד — די מאַכט איז דאָך דאָ פּאָרט אַ ייִדישע. ברעכן אויס געשלעגן, מען שרײַבט „זשאַלאָבעס" אין געגנט־אויספּירקאָם, מען קלאָגט אָן אין געריכט.

דער רוב ייִדישע איבערוואַנדערערס איז דאָ דערשלאָגן. קלאָגט מען זיך פֿאַר מיר: „די זעלבע מעשׂה וואָס דאָרטן, אין דער אַלטער היים... זיי טוען אונדז אָן גרויסע צרות, האָבן אונדז פֿײַנט. ביסט ניט זיכער מיטן לעבן. היט מען זיך אויס אין די אָוונטן אַרויסצוגיין פֿון שטוב"...

די קליגערע רוסן האַנדלען אַנדערש: זיי האָבן מורא פֿאַר די נײַע ייִדישע בעלי־בתּים פֿון דער געגנט, באַהאַלטן זיי די פֿײַנדשאַפֿט און חנפֿענען זיך צו די געקומענע פּאַרשטייערס: „שיקט אונדז ייִדישע איבערוואַנדערערס, מיר'ן זיי העלפֿן זיך פֿאַרוואַנדלען אין גוטע קאָלווירטלערס". אָבער זייערע סימפּאַטיעס צו די נײַ־געקומענע ייִדן זענען געגייט מיט ווײַסע פֿעדעם. כ'פֿאַרשטיי זיי: די ייִדן וועלן פֿאַר זיי זײַן אַ שטיקל שוץ קעגן נײַע רע־פּרעסיעס...

ס'האָבן אונדז פֿײַנט ניט בלויז די אַלט־אײַנגעזעסענע קריסטן, נאָר אויך די נײַע ניט־ייִדישע איבערוואַנדערערס, איבערהויפּט — אוקראַיִנער. פֿון צײַט צו צײַט רײַסט זיך עפּעס וואָס אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט: „געקומען זענען די פּויקעס פֿון אוקראַיִנע, האָבן זיי זיך אָנגעשיכּורט, אַרײַנגעריסן אין צוזאַמענוווינונג פֿון די אַרבעטערס און מיט געשרייען, ,שלאָגט די זשידעס' זיך געוואָרפֿן אויף די דערשראָקענע מענטשן" („בוראָבידזשאַנער שטערן").

באַזונדערש טיילן זיך אויס די קריסטן אין די באַראַקעס פֿון דער געגנט־לעבער בויקאָנטאַר „בוראָבידזשאַן־בוי". דאָ דערגייט צו אָפֿענער פּאָגראָם־אַגיטאַציע. זיי טענהן: „איר זענט ניט פֿעיִק צו קיין שום בויאַרבעט און נעמט צו אונדזער פּרנסה". סיגנאַליזירט מען צו דער אָנפֿירונג, אָבער גאַטשאַלסטווע איז גאָר פֿאַרנומען מיט וויכטיקערע ענינים און מערסטנס רעאַגירט זי אין גאַנצן ניט. דאָס גייט צו מוט די אַנטיסעמיטן איבערצוחזרן זייערע מעשׂים־טובים. קלאָגט זיך דער אַרבעטער ל. זוראָווסקי דעם 2טן יוני 1937 אין „בוראָבידזשאַנער שטערן": „ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען ייִדישע אײַנז־באַנערס, האָבן זיי זיך אָנגעטראָפֿן אויף אַנטיסעמיטישע שיקאַנעס, אַפֿילו מצד דער אָרטיקער אָנפֿירונג. די איבערוואַנדערערס קענען דאָך ניט די אַרבעט, דאַרף מען זיי לערנען. און דאָס ווילן ניט די דערפֿאַרענערע פֿון די ניט־ייִדישע קאָלעגן".

„אין אײַזנבאַן־דעפּאָ פון סטאַנציע אין האָט אַ געוועזענער קאָלטשאַ־קאָוועץ אין פאַרלויף פון אַ היפּשן פעריאָד פאַרפאָלגט דעם אַרבעטער ציבענקאָ נאָר דערפאַר, וואָס יענער איז אַ ייִד. דער אַנטיסעמיט און קלאַסן־שונא האָט ביז דער לעצטער צײַט געאַרבעט אומבאַשטראָפט אין די וואַרשטאַטן" (פון אַרטיקל „העכער די וואַכזאַמקייט" פון ס. קרעמער אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" פון 28סטן פעברואַר 1935).

ס'איז שוין דאָס יאָר 1937, די ייִדישע געגנט איז אַ געשעענער פאַקט, און דאָך בונטעווען זיי זיך נאָך אַלץ און קענען ניט משלים זײַן, אַז האָנט בײַ האָנט מיט זיי אַרבעטן ייִדישע אײַזנבאַנערס.

אין דעפּאָ פון דער זעלבער סטאַנציע אין איז אָנגעקומען אַ היפּשע גרופּע ייִדן צו אַרבעטן בײַ דער אײַזנבאַן. און דאָרטן קומט פאָר אָט וואָס: „מען פירט ניט קיין קאַמף קעגן די פאַרשיידענע אַנטיסעמיטיש־כוליגאַנישע אַרויסטרעטונגען פון באַזונדערע טוערס, וואָס פּרוּוון אָפט אַפילו זיך איזדיע־קעווען איבער די איבערוואַנדערערס. אַזאַ קרבן איז דער איבערוואַנדערער קאַבאַטיאַנסקי. אַנטיסעמיטישע גרויזאַמקייטן קעגן אים ווײַזן אַרויס די רוסן לעוויצקי און דער נאַטשאַלניק פון דעפּאָ, דער פּאַרטייער שירמאַנאָוו, ווי אויך די אַנדערע רוסן פון דעפּאָ. שירמאַנאָוו איזדיעקעוועט זיך איבערן קאַטשעגאַר אַבראַמאָוויטש... ברוטאַלע, אוממענטשלעכע באַציִונג צו די צוויי ייִדישע איבערוואַנדערערס ווערט פאַרשמירט" — קלאָגט זיך דער ייִדישער קאָרעס־פּאָנדענט דעם 28סטן אַפּריל 1937. „באַזונדערש לאָזט זיך פילן דער אַנטי־סעמיטיזם בײַ די רוסישע אָנפירערס, וועמען די איבערוואַנדערישע קאָלווירטן זענען אונטערגעוואָרפן. אַנשטאָט רויִק צו לערנען די איבערוואַנדערערס די טעכניק פון ערדאַרבעט, וועלכע זיי קענען ניט, פירט מען קעגן זיי אַ שאָווי־ניסטישע אַגיטאַציע: ,ייִדן זענען פויל — ווילן ניט אַרבעטן'" („ביראָבי־דזשאַנער שטערן", 11טער מערץ 1937).

פון צײַט צו צײַט קומען פאָר מישפּטים איבער די העצערס, אָבער דאָס איז אַ טראָפּן אין ים.

*

פאַראַן שולן אין בײַאַמורער פּאָס (אין בליוכעראָווער ראַיאָן, אין באַב־סטאָוואָ און אַנדערע ערטער), ווו די קינדער האָבן זיך אײַנגעטיילט אין צוויי מחנות — רוסן און ייִדן און ממיתן סיסטעמאַטיש איינע די אַנדערע.

אַפילו אונטער אונדזער אייגענער נאָז — אין דער רוסישער שול פון דער

הויפּטשטאָט ביראָבּידזשאַן — גייט אָן אַ לאַנגע צײַט אַ שטילער קאַמף מצד אַ טייל רוסישע קינדער קעגן זייערע ייִדישע מיטשילערס.

אַ מאָל אין אַ יובֿל קען טרעפֿן, אַז אַ פֿאַרזאַמלונג ווערט געפֿירט אין ייִדיש. פּראָטעסטירן די רוסישע אַרבעטערס: „פֿאַר וואָס פֿירט איר די פֿאַר־זאַמלונג ניט אין רוסיש? איר זעט דען ניט? דאָ זיצן צוויי רוסן, זיי פֿאַר־שטייען ניט אײַער לשון!" אייניקע מאַכן דאָס קאָרעקט, אַנדערע באַגלייטן זייער אַרויסטרעטונג מיט אַנטי־ייִדישע שטעכווערטלעך. אמת, עס טרעפֿט אויך, אַז אַ רוסישער פּאַרטיי־מיטגליד טאַדלט אַ חוצפּהדיקן אַנטיסעמיט, פֿאָדערט מ'זאָל מאַכן אָן אָפֿענעם מישפּט איבער אים. אָבער דאָס געשעט זייער, זייער זעלטן.

„אויף אַ פֿאַרזאַמלונג, ווו עס זענען פֿאַרגעקומען די וואַלן צום שטאָטראַט אין די מעכאַנישע וואַרשטאַטן אין דער שטאָט ביראָבּידזשאַן (די פֿאַרזאַמלונג איז געפֿירט געוואָרן אין ייִדיש, אָבער תּיכּף זענען די ייִדישע אַרויסטרעטונגען איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש), טרעט אַרויס איוואַנאָוו מיט אַ שוואַרצ־מאהדיקער קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע און פּרוווט די פֿאַרזאַמלונג אַרונטעררײַסן. אָבער אויך דער פֿאַקט גייט אַדורך פֿאַר איוואַנאָוון אומבאַשטראָפֿט" („ביראָבּידזשאַנער שטערן", 14טער מערץ 1935).

אַגבֿ, אָפֿט זענען אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט שיכּרות, מיט מאָראַלישער צעלייגונג, מיט פּראָגולן, זנות און אַנדערע חטאים.

כ'געדענק נאָך הײַנט דאָס ביטערע געפֿיל — ס'ערשטע מאָל ווען כ'האָב זיך דאָ באַגעגנט אויג אויף אויג מיט ייִדן־שׂינאה, בין איך עפּעס ווי צעטומלט געוואָרן: אויך דאָ?! בײַ אונדז אין דער היים? דאָ, ווו מיר שטעלן מיט זיך פֿאָר די הערשנדיקע נאַציע? אויך דאָ, ווו מיר לייגן אַרײַן אונדזער בלוט און שוויס, כּדי די טײַגע צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ בליִענדיקער געגנט, בילט מען קעגן אונדז? אויך דאָ האַלט מען אונדז פֿאַר איבעריקע?

דאָ איז יעדער אַנטיסעמיטישער פֿאַל געווען מער אַנזעעוודיק ווי דאָרטן, אין צענטער פֿון לאַנד. דאָ פֿאַרשאַפֿט ער מער פֿאַרדראָס ווי דאָרטן, און דער ווייטיק איז נאָך גרעסער ווי דאָרטן.

אָבער ניט פֿאַר אַלע. בדרך־כּלל מאַכן זיך די אָנפֿירערס ניט זען און ניט הערן, און אויב זיי „דערזעען" שוין יאָ, מאַכט מען עס צו קליינגעלט, אין בעסטן פֿאַל טראַקטירט מען עס ווי „כוליגאַניזם, וואָס שטאַמט פֿון פֿאָליטישער עם־הארצות". בלויז בלינדע האָבן ניט געזען דעם ביטערן אמת: די פּאַרטיי־

אָנפֿירונג פֿון דער געגנט פֿאַרמאָגט ניט קיין נאַציאָנאַלן מוט צו געבן אַן אָפּשטויס די אַנטי־ייִדישע העצעס, וועלכע זענען פֿאַקטיש געווענדט קעגן זיי גופֿא. אויבנאויפֿיק האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי שעמען זיך צו קעמפֿן קעגן אַנטיסעמיטיזם. אָבער אין אָט דער צוריקגעהאַלטנקייט איז געלעגן דאָס דערנידערנדיקע געפֿיל פֿון מורא, מ׳זאָל זיי ניט חושד זײַן אין „גרויס־מלוכישן ייִדישן שאָוויניזם״. מיר זענען דאָך דאָ ניט קיין מינדערהייט, נאָר די הערשנדיקע נאַציע!... האָט דאָס טיף באַליידיקט די ייִדישע באַפּעלקערונג און די אַנטיסעמיטן צוגעגעבן מוט.

דאָ דאַרף איך דעם לייענער דערמאָנען, אַז די באָלשעוויסטישע לערע פֿאָדערט: אין זעלבן זאַץ, ווו דו רעדסט קעגן אַנטיסעמיטיזם, מוזסטו תּיכּף ריידן וועגן ייִדישן שאָוויניזם. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט מען דעם דאָזיקן פּרינציפּ אָפּגעהיט שטאַרקער ווי אומעטום. און אין די אַרטיקלען, וועלכע באַווײַזן זיך אַ מאָל אין אַ יובֿל אין דער פּרעסע וועגן הימלשרײַענדיקע פֿאַקטן פֿון אַנטיסעמיטיזם, האָט שטענדיק איבערגעוויגן די וואָרענונג: „פֿאַרגעסט ניט קודם־כּל צו קעמפֿן קעגן ייִדישן שאָוויניזם״.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אַז נאָך אַזאַ אַרטיקל פֿלעגט מען רופֿן אַ ספּעציעלע אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון פֿאַבריק, פֿון אַנשטאַלט. אָבער מ׳רעדט צו די אָפֿענע ייִדן־העצערס מילד, ווייך, מ׳נעמט צו הילף אַ מער באַוווסטזיניקן רוסישן מענטש, ער זאָל ריידן וועגן דער העסלעכקייט פֿון ברודערהאַס. אָבער זעלטן ווען מען דערגרייכט מיט גוטן די גייטיקע רעזולטאַטן, און דער אַנטיסעמיט טוט זיך ווײַטער זײַנס. ס׳פֿלעגט אויך טרעפֿן, אמת, גאָר זעלטן, אַז מען האָט אַזעלכן אָנגעקלאָגט אין געריכט און פֿאַרמישפּט פֿאַר כוליגאַניזם. איינער אַזאַ מישפּט, וואָס איז פֿאָרגעקומען גלײַך נאָך מײַן אָנקומען אין געגנט, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם סײַ אויף דער ייִדישער און סײַ אויף דער ניט־ייִדישער באַפּעלקערונג. דער מישפּט איז געווען אין קימקאַנער אײַזנבאַן־קלוב קעגן איינעם קיסלידסקי. ער האָט געהאַלטן רעדעס קעגן ייִדן, געדראָט צו הרגענען דעם ייִדישן אַרבעטער לאָשאַקאָוו. מ׳האָט דעם שולדיקן פֿאַרמישפּט צו צוויי יאָר אָפּנעמען די פֿרײַהייט. דער נומער פֿון „ביראָבידזשאַנער שטערן״ פֿון 6טן יוני 1935, וואָס האָט געשריבן וועגן דעם מישפּט, איז אין יענעם טאָג אויסגעפֿאַרקויפֿט געוואָרן ביז איינעם.

כ׳געדענק גוט, מיט וויפֿל סאַטיספֿאַקציע ביראָבידזשאַנער פּשוטע ייִדישע פֿרויען האָבן מיר דערציילט וועגן דער אַרויספֿאָר־סעסיע פֿון ביראָבידזשאַנער

שטאָטישן געריכט אין דאָרף קאַזאַנקע, ווו די אײַנוווינערס שמען מיט זייערע אַנטי־ייִדישע עקסצעסן. דער אָפענער מישפּט איז געווען קעגן איינעם מאַנינקאָוו, וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן אויף אָנדערטהאַלבן יאָר תּפיסה. דער דאָזיקער מישפּט איז פאָרגעקומען האַרט פאַר מײַן אָנקום אין דער געגנט. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך געפונען דעם אַרטיקל פון געגנט־פּראָקוראָר אַלעקסאַנדראָווסקי וועגן דעם זעלבן מישפּט, און כ׳האָב זיך מיט אים דערפרייט ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. שרײַבט מען דאָרטן:

„דעם 25–28 דעצעמבער 1934 האָט די אַרויספאָר־סעסיע פון בירא־בידזשאַנער שטאָטגעריכט באַהאַנדלט אַלס אַ מוסטער־ענין אין דאָרף קאַזאַנקע דעם ענין וועגן אַנטיסעמיט מאַנינקאָוו. אויפן אָוונט לכּבוד דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע דעם 7טן נאָיאַבער 1934 האָט ער געמאָלדן: ,איך פאַרהאַס די זשידעס און זייערע זשידאָווסקע לידער׳. בײַוועזנד זענען געווען 3 ייִדן. ער האָט איבערגעקערט אַ שיסל מיט עסן אויפן קאָפּ פון ד׳ער ייִדישער פרוי האָפמאַן.”

אָבער מאַנינקאָוו איז אין קאַזאַנקע ניט איינער. לייענען מיר: „אין דער זעלבער קאַזאַנקע אויפן בוי־באַצירק נומ׳ 1 האָט די פּראָקוראַטור אויפגעדעקט דרײַ ענלעכע פאַלן. דער פאַרטיי־מיטגליד טאַטשענקאָ פאַרטיידיקט מאַניקאָוון, לאַכט אָפּ פון ייִדן, דערציילט אַנטיסעמיטישע אַנעקדאָטן, פאַרשטייט ניט, פאַר וואָס עס טויג ניט דאָס וואָרט ,זשיד׳” („בּיראָבידזשאַנער שטערן”, 25סטער יאַנואַר 1935).

אמת זייער און זייער זעלטן, אָבער דאָך טרעפן זיך אויך עקלדיקע אַרויסטרעטונגען פון ייִדן קעגן קריסטן: „דער ייִדישער בעל־הגוף פלאָטקין האָט אין איבערוואַנדערישן קאָלווירט, בעת דער פײַערונג פון איינעם אַ יום־טוב, בײַם אַרײַנקומען פונעם פאָרזיצער פון ייִשוב־ראַט שעלקאָווניקאָוו, אַ געשריי געטאָן: ,אָט איז געקומען פאָנקע־קוואַס, אונדזער מאַכט!׳. און ער האָט גלײַך אַ כאַפּ געטאָן שעלקאָווניקאָוון און אים אָנגעהויבן שטופּן אין מויל אַרײַן פאַרשיידענעם עסנוואַרג” (פון א.ג. אַלעקסאַנדראָווסקיס אַרטיקל: „אין קאַמף קעגן גרויסהערשערישן שאָוויניזם און אָרטיקן נאַציאָנאַליזם” אין „בּיראָבידזשאַנער שטערן”, 25סטער יאַנואַר 1934). אין זעלבן אַרטיקל דערציילט דער מחבר וועגן אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף ייִדן. אַלעקסאַנדראָווסקי איז געווען דער געגנטלעכער פּראָקוראָר, אַן אַסימילירטער ייִד אין די פריִע מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיינער ייִדישער באָרד.

*

שוין דאָ, מיין איך, איז נייטיק צו זאָגן, אַז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט עקסיסטירט ניט בלויז איינער, נייערט צוויי שטראָמען אַנטי־סעמיטיזם. דער ערשטער, וועגן וועלכן כ׳האָב נאָר וואָס דערציילט — דער אַלטער, גוט באַקאַנטער ייִדנהאָס מצד אַ גרויסן טייל ניט־ייִדישע איינוווינערס — איז אין ביראָבידזשאַן געווען אַ סטיכישער, פֿון קיינעם ניט אָרגאַניזירט, צו מאָל אַ ספּאָנטאַנער און אומבאַהאָלפֿענער, דערצו נאָך, אַזוי ווי אין גאַנצן לאַנד, אַן אָפֿיציעל פֿאַרבאָטענער דורך דער מלוכה.

להיפּוך צום ערשטן, איז דער צווייטער שטראָם אַנטיסעמיטיזם, דווקא אַ לעגאַלער, אַ גוט אָרגאַניזירטער, געווען אַ ספּעציפֿיש ביראָבידזשאַנער דערשיינונג און מיט אים האָט אָנגעפֿירט ניט עמעצער קיין אַנדערער, נאָר... דער ייִדישער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָמיטעט, דאָס הייסט, די העכסטע אינסטאַנץ.

זאָל דער לייענער ניט מיינען, אַז די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע טעטיקייט איז געווען אַ צופֿעליקע, עפּעס אַן אומפֿאַרשטייעניש אָדער בלויז דער בייזער ווילן פֿון די ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אָנפֿירערס. ניין, חלילה! דאָס איז געווען אַ דירעקטע און קלאָרע אויפֿגאַבע, וואָס זיי האָבן באַקומען אין מאָסקווע, אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בעת זייער נאָמינאַציע. און זיי, קומענדיק קיין ביראָבידזשאַן, האָבן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, די דאָזיקע באַשטעלונג מיט גרויס התמדה אויסגעפֿירט.

אַז איר וועט מיך פֿרעגן: וועלכער שטראָם פֿון אַנטיסעמיטיזם איז פֿאַר דער ייִדישער געגנט געווען שעדלעכער, געפֿערלעכער, וועל איך ענטפֿערן אָן יעדער וואַקלונג: מצד דער ניט־ייִדישער באַפֿעלקערונג איז די ייִדן־שינאה געווען אַ „נאָרמאַלע" דערשיינונג פֿון קלענערער וויכטיקייט און גע־בראַכט האָט זי ווייניקער שאָדן דער געגנט און דעם סאָוועטישן ייִדנטום, ווי דער צווייטער — דער אָפֿיציעלער מלוכה־אַנטיסעמיטיזם.

אונטער וועלכע „רעוואָלוציאָנערע" לאָזונגען איז די דאָזיקע אַנטיסע־מיטישע טעטיקייט געפֿירט געוואָרן? וועלכע מיטלען האָט די פּאַרטיי־אָנפֿי־רונג באַנוצט ביים אַדורכפֿירן די דאָזיקע אַרבעט אין פּראַקטישן, טאָג־טעגלעכן לעבן? און עיקר־שבעיקר: וואָס איז זי, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אויסן געווען מיט איר סיסטעמאַטישער אַנטיסעמיטישער טעטיקייט גראָד דאָ, אין דער „נאַציאָנאַלער ייִדישער געגנט"? לאָמיר זיין פּינקטלעכער: וועלכן

ענדציל האָט די אַל.ק.פּ.(ב) געשטעלט? און צום סוף: צי האָט זי, די פּאַרטיי, דעם דאָזיקן ציל דערגרייכט?

וועגן דעם שטרעב איך, שטיצנדיק זיך ניט בלויז אויף מײַן זכּרון, נײַערט אויך אויף קאָנקרעטע געשעענישן, פֿאַקטן און דאָקומענטן, צו דער־ציילן אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך.

פונעם לעבן אין ביראָבידזשאַן

דער ערשטער אויפנעם

מײַ 1935. איך בין שוין אין ביראָבידזשאַן עטלעכע טעג, און כאַווקין, דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, רופט מיך אַלץ ניט אַרויס אויף אַן אוידיענץ. איך דריי זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס און דענערוויר זיך שטאַרק. סוף־כּל־סוף גיט מען מיר צו וויסן: „דאַרפסט זיך יאַווען צו כאַווקינען". ליבערבערג און ברוך ווילן מיך צוגרייטן: „ווער ניט נתפּעל..."

דער עיקר פון כאַווקינס רייד צו מיר (דער געשפּרעך פירט זיך אין אַ צעקאַליעטשעטן רוסיש) איז: „דאַרפסט וויסן, אַז צו אונדז קומט מען צו פאָרן מיט אַ פּאַרטיי־בילעט, און פאָרן פאָרט מען אַוועק מיט אַ באַנבילעט..." נאָך יעדן אַזאַ זאַג קומט זײַן הילכיקער געלעכטער. ער רעדט צו מיר אויף „דו". איך זיץ און שווײַג.

דער סוף פון אויפנעם: אַ קלונג אין טישגלעקל, ס'קומט אַרײַן די סעקרעטאַרין. כאַווקין באַפעלט: „שרײַב איר אויס אַן אַרײַנגאַנג־קאַרטע אין דער סטאָלאָווקע פון פּאַרטיי־אַקטיוו".

כ'גיי אַרויס ווי אַ באַשפּיגענע.

אויפן געגנטלעכן לערער־צוזאַמענפאָר

כ'האַלט אַ מעטאָדישן פאַרטראַג אויף אַ גרויסן געגנטלעכן לערער־צוזאַמענפאָר. שוין ביים ענדיקן יאַוועט זיך מאַטוויי פּאַוולאָוויטש כאַווקין מיט זײַן סוויטע. די פּאַרזאַמלטע פּאַטשן מיר בראַוואָ. נעמט כאַווקין אַ וואָרט און זאָגט אַזוי: „הערט זיך ניט צו וואָס זי דרשנט, זאָל זי אײַך ניט דרייען

קיין קאָפּ... פרעגט זי בעסער: פאַר וואָס איז ביי אונדז אין די שולן אַזאַ נידעריקער ניוואָ?"

דער עולם זיצט און שווײַגט. אַלע בליקן זענען געווענדט אויף מיר... כ'גיי אַהיים מיט אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק.

כ'ווער געשיקט אין שליחות

ערשטע העלפט 1936. כ'דערזע אים פון דער ווײַטן גיין מיר אַנטקעגן. מיט דראָבנע טריטעלעך גייט מיט אים דיקשטיין, מיט דרך־ארץ אָפּגערוקט אויף אַ פערטל שפּאַן. כ'באַווײַז ניט אַריבערגיין אויפן צווייטן טראָטואַר. ער דערזעט מיך: „אָ, פּראָפּעסאַרשאַ!" — מאַכט כאַווקין אויף רוסיש, און פאַרשטייט זיך — מיט אַ שוידערלעכן אַקצענט. — „וואָס דרייסטו זיך עפּעס אַרום אין די גאַסן?"

כ'האָב שוין געהאַט אָפּגעלייענט מײַנע צוויי שעה אין פּעדטעכניקום, געהאַט אַ באַראַטונג מיט ביינפעסטן אין דער וויסנשאַפט־קאָמיסיע, און איצט לויף איך אין מעטאָדישן קאַבינעט, ווו עס וואַרטן אויף מיר עטלעכע לערערס צו באַקומען מײַנע אַ קאָנסולטאַציע.

„וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק?"

איך שווײַג, ס'איז תּמיד בעסער צו שווײַגן אין זײַן בײַזײַן, ווײַל וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן, מאַכט ער פון דיר בלאָטע. ער מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס און גיט אַ לאַנגווײַליקן גענעץ. נאָר אָט האָט ער שוין, טאָקע דאָ אויפן אָרט עפּעס צוגעטראַכט:

„ביסט שוין אַ מאָל געפלויגן אויף אַן עראָפּלאַן?"

„ניין, ניט געפלויגן" — ענטפער איך.

„נו, וועסטו זיך אַ ביסל צעשטרייען. וועסט פליען קיין סטאַלינסק, זיך באַקענען מיטן לאַנדווירטשאַפטלעכן גענגנטלעכן טעכניקום.

ער שווײַגט אַ ווײַלע, קאַלופּעט אין אַ צאָן. ווי ער ווערט פאַרטיק מיט דעם, זאָגט ער: „עפּעס מאַכן זיי דאָרטן פּוילע ציוניסטישע שטיק! קוק זיך גוט צו צו זיי. וועסט קומען צוריק, וועסטו מיר אָפּגעבן אַ באַריכט. פון דאָרטן וועסטו זיך אַראָפּכאַפּן (ס'איז — פאַלג מיך אַ גאַנג!) קיין ניקאָלאַיעוווסק אויפן אַמור. דאָרטן וועסטו באַזוכן דעם רוסישן לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכ־

ניקום. זע, וואָס קען מען ביַי זיי לערנען פאַר אונדזער אַמורזעטער טעכניקום. און דער עיקר — באַקען זיך דאָרטן מיט זייער לערן־פּראָגראַם פאַר אַלע קורסן. פאַרגליַיך אים מיטן פּראָגראַם פון אונדזערן און מאַך די געהעריקע אויספירן. וועסט זיי ברענגען פאַר מיר אין אַ שריפטלעכער פאָרעם".

„גוט" — זאָג איך אַ דערשטוינטע — „אָבער וואָס פאַרשטיי איך אין לאַנדווירטשאַפט? מיר איז שווער אונטערצושיידן ווייץ פון קאָרן..." — פאַרענדיק איך שוין אין גאַנצן אַ פאַרלאָרענע.

דאָ דערהער איך אַ שטראָם באַליידיקנדיקע ווערטער (שוין צום וויפלטן מאָל!):

„כ'זאָג דאָך, אַז ליבערבערג האָט מיר אַראָפּגעבראַכט אַ כאָפּטע דאַר־מאָיעדן, וויסנשאַפטלער, פּראָפעסאָרן... מיט פּאַרטיי־בילעטן אין טאַש! דאָ דאַרף מען אַרבעטן, בויען און ניט מעסטן די גאַסן און לייענען ראָמאַנען! פאַרשטייסט ניט וואָס ווייץ איז און וואָס קאָרן? יעדער פאַראָבעק ווייסט דאָס גוט!" — און וויַיטער — „איך טענה דאָך טאַקע: אויף וואָס די פּאַרטיי פּטרט געלט! שוין איין מאָל אייגענע פּאַרטיי־קאַדרען! אַ פּראָפעסאָרשע און קען ניט אונטערשיידן צווישן אַ חזיר און אַ ביק! פּראָפעסאָרשע! וויפל טויזנטער האָט דער מלוכה אָפּגעקאָסט דיַין לערנען?"

ער רעדט הויך, שריַיט. איך שטיי ווי אַ באַגאָסענע מיט אַן עמער שמוץ.

„דעם באַריכט זאָלסטו אָפּגעבן מיר פּערזענלעך אין האַנט אַריַין!"

אַרום שטייט שוין אַן עולם. ווער נעענטער, ווער וויַיטער. „כאַוקין!" — שעפּטשעט מען צווישן זיך. „ער לערנט מיט איר בלק! אַ סצענע נאָר צו פאָטאָגראַפירן... ס'וועט שוין זיַין מאַטעריאַל וועגן וואָס צו פעליאָטקעווען".

דיקשטיין, דער סעקרעטאַר פון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט (ער איז זיַין געטריַיסטער משרת און לעבט אין כאַוקינס חסד), שטייט די גאַנצע ציַיט אַ שוויַיגנדיקער, אָן יעדן אויסדרוק אויף זיַין פּנים, די הענט — „פּאָ שוואָם". כאָטש אַ פּיצעלע די הייך, איז ער אָבער אַן אויסגעשולטער זעלנער, אַ קאַ־וואַלעריסט. דאָס קענט איר זען פון זיַינע ספּעציפיש אויסגעקרימטע פיס. ניט אומזיסט רופט מען אים צווישן זיך „כאַוקינס דענשטשיק".

פּלוצעם ווערט כאַוקינען מיאוס די גאַנצע מעשה. ער דרייט זיך אויס און גייט אַוועק. נאָך אים לויפט נאָך דיקשטיין. איך בליַיב אויפן טראָטואַר אַ מבולבעלע מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און פאַרביסענע ליפּן. זאָלן נאָר מענטשן ניט זען דעם אויסדרוק פון מיַינע אויגן!

צו ליבערבערגן האָט כאַוקין דעם זעלבן טאָג אַ זאָג געטאָן: „כ'שיק

אַוועק דײַן פּראָפּעסאָרשע אָל זי עפּעס אָנהייבן טאָן! ניט מעסטן די ביראָ־בידזשאַנער גאַסן!" אַגב, האָט מען אין געגנט־אויספּירקאָם וועגן מײַן קאָמאַנדירונג, וואָס דאַרף קומען דירעקט פון זיי, און ניט פון דער פּאַרטיי, גאָרניט געוווּסט.

נאָך יעדערער אַזאַ לעקציע פלעגן ליבערבערג און ברוך מיט אַלע כּוחות אין מיר אַרײַנריידן: „נעם זיך ניט צום האַרצן! נעם דאָס לײַכטער, צו דער בויונג פון דער געגנט האָט דאָס ניט! מוזסט לײַדן, ווי מיר אַלע".

האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשׂה: דער סעקרעטאַריאַט פון אויספּירקאָם דאַרף זיך דערוויסן בײַ כאַווקינען, וואָס ווינטשט זיך דער הערשער? ביז ענדלעך האָט זיך אַלץ אויסגעקלאָרט און איך בין סוף־כּל־סוף, מיט שאָדן פאַר אַלע דרײַ אַנשטאַלטן ווו כ'האָב געאַרבעט, אָפּגעפלויגן צום אַמור. די נסיעה איז פאַר מיר געווען אַן אינטערעסאַנטע. כ'האָב אַ סך געלערנט וועגן דער געגנט, וועגן דעם מעכטיקן טײַך אַמור, וועגן די אַלטע רוסישע ווײַט־מיזרחדיקע שטעט, וועגן לעבן אין סאָוועטישן ייִדישן ראַטווירט. אָבער צי די פּראָגראַמען פון ניקאָלאַיעווער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול טויגן פאַר אונדזער שול, האָב איך, ניט קוקנדיק אויף אַלע מײַנע באַמיִונגען, ניט באַנומען.

דעם גאַנצן וועג האָב איך נאָך אַלץ געהערט כאַווקינס סקאַנדאַל אין גאַס „פּראָפּעסאָרשאַ! אוטשאָנאַיאַ! מיר קענען אײַך!" און דאָס האָט מיר געשטערט צו געניסן פון די אײַנדרוקן, בײַ נאַכט ניט געלאָזט שלאָפן... דער געדאַנק, אַז אָט קום איך צוריק קיין ביראָבידזשאַן און דאַרף זיך ווידער אויג אויף אויג באַגעגענען מיט כאַווקינען, האָט ניט געלאָזט צו רו. ס'איז מיר פאַרגעשטאַנען צו שרײַבן אַ באַריכט פון מײַן רײַזע און פון מײַנע „אויפטוען". מיט אַ שווער האַרץ האָב איך זיך צוריקגעקערט.

כ'האָב לאַנג געשוויצט איבערן שריפטלעכן באַריכט וועגן זאַכן, וועגן וועלכע כ'האָב געהאַט ביז גאָר שוואַכע ידיעות. סוף־כּל־סוף בין איך געגאַנגען בעטן אַן אוידיענץ צום קאָפּ פון דער געגנט, צו כאַווקינען. עטלעכע מאָל בין איך מיטן באַריכט געקומען אין זײַן אויפנעם־צימער. די סעקרעטאַרין איז יעדן מאָל אַרײַנגעגאַנגען צו כאַווקינען און אַרויסגעקומען מיט צענומענע הענט: „כ'האָב ניט געקענט צו אים צוגיין, ער האָט מיך אַרויסגעשיקט: ,שפּעטער, שפּעטער'..." אַזוי איז פאַרבײַ אַ היפּשע צאָל טעג, און דערווײַלע לײַדט די אַרבעט אין מײַנע דרײַ אַנשטאַלטן — צו די לעקציעס ניט געקומען, די וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע־זיצונגען פאַרלאָזן, דער מעטאָדישער קאַבינעט

געווען אָן אויפזיכט. ווי אַנדערש, אַז די חברטע שנײַדערמאַן האָט דאָך אַ באַפעל: אָפּגעבן פערזענלעך אין האַנט אַרײַן איר באַריכט דעם חבר כאַווקין!

געגאַנגען מיטן באַריכט בין איך אַזוי עטלעכע וואָכן, ביז... איין מאָל קומט אַרויס פון כאַווקינס קאַבינעט זײַן סעקרעטאַרין: „ער האָט זיך קוים דערמאָנט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, האָט ער געזאָגט מיט פאַרדראָס: „פאַר וואָס קומט זי אַהער מיטן באַריכט צו מיר? אַזש צום ערשטן סעקרעטאַר פון דער געגנט? זאָגט איר, זי זאָל דעם באַריכט אַרײַנטראָגן לויטן געהעריקן אַדרעס. צי דען פאַרשטייט זי ניט, וועמען זי דאַרף אים אָפּגעבן?"

בלײַב איך ווידער שטיין אַ באַשפּיגעלטע. כ׳גיי אַוועק און טראָג אָפּ דעם באַריכט אין געגנט־אויספּירקאָם, אַהין ווו מען דאַרף. פרי׳ער האָב איך דאָס ניט געטאָרט טאָן, כ׳האָב דאָך געהאַט כאַווקינס בפירושן באַפעל. און אויף לאַנגע, לאַנגע טעג און נעכט איז פאַרבליבן אַ ביטער געפיל פון באַליי־דיקונג און פון שטערן מיר אין דער אַרבעט בכיוון. אָבער אַרומטראָגן זיך מיט דער ביטערניש איז קיין צײַט ניט געווען, ווײַל ס׳איז אַוועק גאָר אַ קורץ שטיקל צײַט, און די ביטערניש איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן פון אַ נײַעם פּאַטש אין פּנים. און אַזוי האָט מען געלעבט, געפירט וויכטיקע אַרבעט צווישן איין מאָראַלישן קלאַפּ און דעם צווייטן.

אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי האָט מען מיך גלײַך נאָך דעם, ווי ס׳איז פון מאָסקווע אָנגעקומען די ידיעה וועגן ליבערבערגס אַרעסט. אָבער באַלד איז אָנגעקומען צו מיר אַ טעלעגראַם פון ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט־קאָמיטעט פון דער אַלקפּ(ב): „קומט תיכּף צו פאָרן". דאָרטן האָט מען מיר צוריקגעגעבן דעם פּאַרטיי־בילעט מיט די ווערטער: „מיר וועלן ניט דערלאָזן צעטרענצלען די נאַציאָנאַלע קאַדרען!" נאָר אַזוי ווי מען האָט אין כאַבאַראָווסק אַרעסטירט הובערמאַנען, האָט מען מיך אין ביראָבידזשאַן ווידער אַ מאָל אויסגעשלאָסן פון פּאַרטיי און אויפן V פּלענום פון געגנטלעכן אַלקפּ(ב) ליבערבערגן און מיך אַרויסגעפירט פון באַשטאַנד פון געגנטקאָם. פאָרגעקומען איז דער פּלענום דעם 4טן אָקטאָבער 1936. ווען און ווי אַזוי איז אין דער ביראָבידזשאַנער פּרעסע געווען באַשריבן וועגן מײַן אויסשליסן פון פּאַרטיי, געדענק איך ניט פּינקטלעך. נאָך דעם האָט מען מיך בהדרגה אַראָפּגענומען פון אַלע פּאָסטנס, און כ׳האָב ניט געוווסט — ווּהין טוט מען אַהין די פּוסטע טעג און שלאָפלאָזע נעכט.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ סעריע יסורים און פּײַן. און אויף יעדן אויפדער־

נאַכט פאַרן גיין שלאָפן לייג איך נאָך אַקוראַטנער אָוועק אין גרויס אָרדענונג די אויסגעטועטע מלבושים: זאָלן די לײַט פון נ.ק.וו.ד.״ אויף וועלכע איך וואַרט יעדע נאַכט, מיר ניט זען אַן אויסגעטאָנענע. אַגב, איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוווינהייט ביז הײַנט צו טאָג.

מאַטוויי פאַוולאָוויטש כאַווקין און אַהרן וואַלאָברינסקי

נאָך איידער די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן, זענען אין דער ייִדישער סביבה אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זוכט שוין אַ לאַנגע צײַט אַ פּאַסיקן הויפּט־בעל־הבית פאַר דער דאָזיקער געגנט.

דער הויפּט־בעל־הבית פון יעדער געגנט איז דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דער, וועמען דער צ.ק. באַשטימט אויף דעם דאָזיקן הויכן פּאָסטן, איז דער אומבאַגרענעצטער אַליין־הערשער, וועמען אַלע איבעריקע גרויסע און קליינע אָנפירערס מוזן זיך געהאָרכיק אונטערוואַרפן אין יעדן סימן פון אַן אייגענער מיינונג און ווידערשטאַנד, וואָרעם זייער פּערזענלעכער גורל, פּונקט אַזוי ווי דער גורל פון יעדן בירגער באַזונדער, ליגט אין זײַנע הענט.

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט איז קיין אויסנעם ניט געווען און ניט געקענט זײַן. אַדרבה, דאָ האָט די איינפּערזאָניקע דיקטאַטור געמוזט אָננעמען העסלעכערע פאָרמען ווי אַנדערש וווּ. דערצו האָבן גורם געווען אַ ריי ספּעציפישע סיבות.

אויך מיר, אין קיִעוו, האָבן מיט גרויס אומרו געפּרוּווט טרעפן, אויף וועמען וועט פאַלן סטאַלינס אויסקלײַב? מיר האָבן דאָך גוט געוווּסט, אַז הגם דער צוקונפטיקער דיקטאַטאָר פון דער ייִדישער געגנט, פּונקט אַזוי ווי פון יעדער אַנדערער געגנט, קען און טאָר אַליין אויך ניט זײַן מער ווי אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פון מאָסקווער הויפּט־הערשער, איז דאָך פאַרן סאָוועטישן ייִדנטום איצט די פּראָבלעם פון פּערזאָן זייער וויכטיק. אַפילו אַ סך וויכטיקער ווי בעת דער גאַנצער ביז איצטיקער ייִדישער אַרבעט אין צענטער פון לאַנד.

פּעיִקע און דערפאַרענע, מער ווייניק געבילדעטע ייִדישע פּאַרטיי־טוערס האָבן דעמאָלט ניט געפעלט. סײַ אוקראַיִנע, סײַ ווײַסרוסלאַנד און אויך מאָסקווע האָבן פאַרמאָגט פּערזענלעכקייטן, וואָס וואָלטן געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַרן דאָזיקן העכסטן ייִדישן פּאָסטן, און זיי וואָלטן געוויס כאָטש מיט אַ קאַפּעלע ייִדישער ווערדע געקענט רעפּרעזענטירן סײַ פאַר די סאָוועטישע ייִדן, סײַ פאַרן אויסלענדישן ייִדנטום די ערשטע אין דער וועלט ייִדישע סאָציאַליסטישע אויטאָנאָמע געגנט.

אָבער קיין איינער פון זיי האָט ניט געקענט קומען אין באַטראַכט צוליב זייער פּסולן פּאָליטישן עבר: כּמעט אַלע, אויסער שמעון דימאַנשטיין און נאָך געציילטע, האָבן זיי אַ מאָל געהערט צו ייִדישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. און דער צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אַ גוטן זכּרון און ער טרויט זיי פּשוט ניט. האָט מען דאָרטן אויבן לאַנג געזוכט און געקליבן.

סוף־כּל־סוף האָט די פּאַרטיי אויסגעפונען דעם מענטש, וואָס קיין שום נאַציאָנאַליסטישער פּגם האָט אים קיין מאָל ניט באַפלעקט: אויפן העכסטן ייִדישן פּאָסטן איז באַשטימט געוואָרן מאַטוויי פּאַוולאָוויטש כאַווקין. ס׳איז אַ שאַנד צו דערציילן, נאָר אַזוי איז דאָס געווען. ניט אויף קיין אַנדערן, נאָר דווקא אויף אים — דעם ציניש, דעגענערירטן סאַמאָדור, דעם עם־הארץ סײַ אין רוסיש, סײַ אין ייִדיש, איז געפאַלן דער אויסקלײַב. בלויז אים האָט די פּאַרטיי געטרויט.

*

„דאַרפסט גוט געדענקען — דאָרטן, וווּהין מיר שיקן דיך פאַרן הויפּט־בעל־הבית, זענען אָנגעפאַרן און הערן ניט אויף אָנצוקומען ייִדישע שאָווי־ניסטן. זיי דאַרף מען אויפמערקזאַם קוקן אויף די פינגער, ווײַל זיי האָפן, אַז ס׳וועט זיי דאָרטן, ווײַט פון צענטער, געלינגען דאָס, וואָס ס׳האָט זיי זיך ניט אײַנגעגעבן ניט אין אוקראַיִנע און ניט אין ווײַסרוסלאַנד. איצט ווילן זיי פאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ נעסט פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם...״

איך געדענק ניט אַזאַ זיצונג, אַזאַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג צי אַ מאַסן־מיטינג, ווו כאַווקין זאָל ניט דערציילן מיט עקלדיקער גאווה ווען און ווו ער האָט דעם דאָזיקן אָנזאָג באַקומען. אמת, יעדן מאָל פּוצט ער צו דעם אָנזאָג מיט אַנדערע פּרטים און פּליטערלעך, אָבער דער תּוך פון דעם באַפעל בלײַבט שטענדיק איין און דער זעלביקער.

ווו האָט כאַווקין דעם דאָזיקן אָנזאָג באַקומען? — אין מאָסקווע, אין הויז

פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, גענויער — אין קאַבינעט פון סעקרעטאַריאַט.

ווען האָט ער דעם אָנזאָג באַקומען? בעת דעם שמועס, וועלכן דער סעקרעטאַר פון אָרגאָפּטייל האָט מיט אים, כאַווקינען, געפירט פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין בירָאָבידזשאַן, ווו ער וועט אין גיכן „אײנשטימיק אויסגעווײלט ווערן" פאַרן ערשטן סעקרעטאַר פון דער ייִדישער געגנטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

אָט די דאָזיקע צוויי — „ווען" און „ווו" — האָט שטענדיק כאַווקין אָנגערופן גענוי. קיין מאָל זיי ניט פאַרפּלאָנטערט.

עס זענען שוין פאַרבײַ מער ווי פיר צענדליק יאָר, און דאָך קען איך זיך נאָך אַלץ ניט באַפרײַען פון דעם ביטערן געפיל, וואָס האָט דעמאָלט געפּרעסט דאָס האַרץ און געפּײַניקט אונדז — די קורצזעיִקע, וואָס האָבן אין גאַנצן מיט אַ שטיקל צײַט צוריק, ניט קוקנדיק אויף די אומאויפהערלעכע ספקות, וואָס האָבן שוין לאַנגע יאָרן געטאַטשעט דעם מוח און געוויסן, געגלייבט אין דעם גוטן ווילן פון דער פּאַרטיי און ערנסט אויפגענומען איר צביעותדיקן פּאָלי־טישן ספּעקטאַקל אונטערן נאָמען „ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט".

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אין כאַווקינען ניט אָפּגענאַרט. נאָך הײַנט פלאַמט מיר דאָס פּנים פאַר בושה און עקל, ווען אויפן אייבערפלאַך פון זכרון שווימט אַרויס דאָס געשטאַלט פון אָט דעם פאַרשוין, וואָס האָט „רעפּרעזענטירט" די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. אָט דער אומוויסנדיקער גראָבער יונג מיט זײַן ביטול, מיט זײַן בלינדן אומצוטרוי און האָס צו אַלעמען און צו אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכות צום ייִדישן פאָלק, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אַדורכצופירן דעם באַפעל, וועלכן די פּאַרטיי האָט אים געגעבן.

כאַווקין ווייסט גוט, אַז כּדי בעסער צו באַקעמפן דעם שונא, דאַרף מען וויסן מיט וואָס ער, דער שונא, אָטעמט. דעריבער מוז ער, דער הויפּט־בעל־הבית קודם־כּל גענוי וויסן: וואָס טוט זיך דאָרטן אינעווייניק אין דער סאָווע־טיש־ייִדישער קולטורוועלט? אָבער זי איז דאָך פאַר אים אַ ווילד פרעמדע. אַגב, ניט ווייניקער פרעמד, ווי די רוסישע און ווי יעדע אַנדערע קולטור־וועלט. איז ער אומרויִק: ווער ווייסט זי, דאָס ביסל ייִדיש ריידנדיקע אינטע־ליגענץ מיט פּאַרטיי־בילעטן און אָן פּאַרטיי־בילעטן? וואָס פאַרען זיי זיך אַזוי און שמײַען אַרום די בירָאָבידזשאַנער קולטור־אַנשטאַלטן? פאַראַן צווישן זיי אַפילו אַזעלכע אומפאַרשעמטע, וועלכע האַלטן אין איין טענהן, אַז מ'דאַרף ייִדישיזירן די געגנט, און אַז מ'דאַרף גאָר באַקעמפן די טענדענץ צו רוסיפי־

צירן די געגנט... אַפילו צו אים גופא, צו מאַטוויי פּאַוולאָוויטשן,ריידן זיי ניט רוסיש, נאָר יידיש, כאָטש ער פאַרזיכערט מיט גאווה: „איך קען ניט קיין יידיש". און ער ענטפערט זיי שטענדיק אויף זיין צעבראָכענעם קליינשטעטל־דיקן רוסיש מיט דעם טעמפּן יידישן „ריש", וואָס קלינגט אין זיין מויל ווי אַ חית...

זיין פּאַרטייישע וואַכעוודיקייט זאָגט אים אונטער — ניט צופעליק האָט מען דאָך דאָרטן, אויבן, אין מאָסקווע, געוואָרנט: ס'קען דאָך ניט זיין, אַז זיי אַלע האָבן פּלוצעם, אָן אַ פאַרבאַהאַלטענעם מיין אַוועקגעוואָרפן אין צענטער פון לאַנד זייערע וואַרעמע פּאָסטנס און זיך אַ לאָז אַראָפּ געגעבן אַהער אין דער פאַרוואָרפענער ווילדער טייגע אַריין...

כאַוזקין געטרויט אונדז ניט און ער האָט אונדז פיינט, איבערהויפּט די מיט געלערנטע טיטלען און די „געוועזענע", וועלכע האָבן אַ מאָל געהערט צו „קאָנטררעוואָלוציאָנערע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען". זיין שינאה צו אונדז איז ער ניט בכוח צו באַהאַלטן. ווי און ווען עס לאָזט זיך, מאַכט ער אונדז צו שפּאָט און צו שאַנד. אָבער דאָס איז ניט גענוג. ער פלעגט ליב האָבן פון צייט צו צייט, כלומרשט אין שפּאַס, אַ זאָג טאָן — און פאַרשטייט זיך אין רוסיש — „מען דאַרף דיך גוט צעקייען!" אונטער דעם אומפאַרשעמטן שמייכל זיינעם האָט יעדערער פון אונדז באַשיימפּערלעך געזען — ער, כאַוזקין, דער הער־שער, פּרוּווט פאַרהוילן דאָס מינדערוועָרטיקייט־געפיל און מאָראַלישע אומ־באַהאָלפנקייט לגבי אונדז — זיינע קרבנות, וועלכע זענען פאַר אים אַ מין רעטעניש.

כּדי אונדז „גוט צו צעקייען" מוז ער האָבן דעם פּאַסיקן פּערסאָנאַל, וואָס זאָל אים העלפן אין דעם. אמת, ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ געטרייע סוויטע, וואָס טוט דאָס, אָבער ניט שטענדיק קען זי דאָס, מחמת זי איז פּשוט עם־הארציש. און אַפילו די אינטעליגענטערע זענען ניט באַהאַוונט אין די ענינים פון „נאַציאָנאַליסטישן שונא". צום בעסטן וואָלט דעריבער געווען צו געפינען „זייערן" אַ מענטש פון אינעווייניק, אַזאַ וואָס איז אויסגעוואַקסן אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער קולטור־סביבה און איז נאָך איצט דאָרטן טעטיק. האָט ער אָנגעהויבן זוכן. און זיין אָפּקלייב איז געפאַלן אויף אַהרן וואָלאָברינסקי.

ווער איז ער, דער דעאָזיקער אַהרן וואָלאָברינסקי?

אין זיינע אַנקעטעס פלעגט ער שרייבן, אַז ער איז אַ זון פון אַן אַרבעטער, אַ געבוירענער אין מינסק, אין יאָר 1900. די מינסקער איבערוואַנדערערס

האָבן געוווּסט, אַז ער האָט געלערנט אין חדר און אין אַ ישיבה, געשמט ווי אַן עילוי און אַז אַ צײַט לאַנג האָט ער זיך מפרנס געווען פון העברעיִשע פּריוואַטע לעקציעס.

ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער געהערט צו דער „לינקער פּועלי־ציון" און פּובליקירט אַרטיקלען אין זייערע פּאַרטייִשע אויסגאַבעס.

זינט 1922 שרײַבט ער אַנטירעליגיעזע פּאַמפלעטן, באָלשעוויסטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שפּראַך און ליטעראַטור אין די סאָוועטיש־ייִדישע ליטעראַריש־קריטישע, לינגוויסטישע צײַטשריפטן, אין זאַמלביכער און אויך אין דער קאָמוניסטישער און קאָמיוגישער טאָגפּרעסע („דער עמעס", „יונג־וואַלד" א"אַנד).

וואָלאָבּרינסקין רעכנט מען פאַר אַ גוטן און באַגלייבטן איבערזעצער. שוין אין 1924 געטרויט מען אים איבערצוזעצן פון רוסיש אויף ייִדיש גריגאָרי זינאָוויעווס „די געשיכטע פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי". דאָס איז דעמאָלט געווען שיִער ניט דאָס וויכטיקסטע האַנטבוך בײַם דער־לערנען די געשיכטע פון באָלשעוויזם.

אין צוויי יאָר אַרום דערשײַנט שוין וואָלאָבּרינסקיס איבערזעצונג פון אַ בוך וועגן דער ראָלע פון דער זובאַטאָוושטשינע און פון דער גאַפּאָנאָוו־שטשינע אין דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג.

ער איז אַ מומחה אין פּראָבלעמען פון סטאַטיסטיק, דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיע. אונטער וואָלאָבּרינסקיס (צוזאַמען מיט הילל אַלעקסאַנדראָוו) רעדאַקציע ווערן אין יאָר 1929 אין מינסק פאַרעפנטלעכט וויכטיקע סטאַ־טיסטישע און דעמאָגראַפישע מאַטעריאַלן וועגן ייִדישע שטעטלעך און ייִדישע קאָלווירטן אין ווײַסרוסלאַנד. אונטערביידנס רעדאַקציע דערשײַנט אין 1932 דער באַוווּסטער „סאָציאַל־עקאָנאָמישער זאַמלבוך". אַ צײַט איז וואָלאָ־ברינסקי אויך רעדאַקציע־מיטגליד פון מינסקער סאָוועטיש־ייִדישן ליטע־ראַרישן זשורנאַל „דער שטערן". ער איז דער אויטאָר פון בוך „די היסטאָ־רישע לערע פון קאַרל מאַרקס", וואָס אַרויסגעגעבן האָט עס דער מינסקער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בײַ דער ווײַסרוסלענדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דאָרטן האָט ער געאַרבעט ווי אַ וויסנשאַפטלער און טאַקע פון דאָרטן איז ער אַראָפּגעקומען אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַהער האָט מען אים געשיקט אויף אַרבעט אין דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע, וועלכע דאַרף בהדרגה אויסוואַקסן צו אַן אַלזײַטיקן וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן ייִדישן אינסטיטוט. (אויך איך אַרבעט דאָ ווי אַ וויסנשאַפטלער).

די ייִדישע געגנט נייטיקט זיך אין אַזעלכע ערודירטע וויסנשאַפטלערס ווי וואָלאָברינסקי. זייער גיך ווערט ער דאָ איינער פון די אַקטיוויסטע קולטור־טוערס, טרעט אַרויס מיט פאָרטראָגן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, וועגן ייִדישער טערמינאָלאָגיע און אַלגעמיינע שפּראַך־פּראָבלעמען, וועגן מאַרקסיסטיש־לענגיסטישע וויסנשאַפטן און „קאָנטררעוואָלוציאָנערן ציוניזם”. יעדע אַרויסטרעטונג קען דינען ווי אַ מוסטער פון באָלשעוויסטישער קאָמפּראָמיסלאָזיקייט און רופט צו וואַכעוודיקייט לגבי די שונאים פון דער רעוואָלוציע...

אַהרן וואָלאָברינסקי איז אַ פעיִקער מענטש מיט אַ סך וויסן און מיט אַ זעלטענעם זכּרון, אָבער מיט אַ שוואַכן ווילן און ביז גאָר אַ שלאַבערדיקן רוקנביין. זײַן גאַנצע אויפפירונג זאָגט עדות, אַז ער איז שטאַרק להוט צו מאַכן אַ געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעכע קאַריערע. גאָר גיך ווערט ער בײַ אונדז אין בירָאָבידזשאַן דער מוסטער פון פאַרטייִשער וואַכעוודיקייט, תּמיד גרייט אײַך צו פאַקן בײַ אַן אידעאָלאָגישן און, קודם־כּל, בײַ אַ נאַציאָנאַליסטישן פעלער. ציטערט דער עולם פאַר זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן. ווי ווײַט עס לאָזט זיך, מײַדן מיר אים אויס. מיר וויסן — ער טראָגט כאַווקינען צו יעדעס וואָרט און לייגט נאָך צו אַ קנייטל.

פאַר וואָס האָט כאַווקין אויסגעקליבן גראָד אים, וואָלאָברינסקין. ווײַל ער איז באמת געווען אַ גוט אָריענטירטער, באַהאַוונטער אין אַלע סאָוועטיש־ייִדישע פּראָבלעמען. און בלויז אַזאַ, וועלכער ווייסט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, ליטעראַטור, קונסט, בלויז אַזאַ איז מסוגל אים צו העלפן דערפאָלגרײַך קעמפן קעגן די ניט־געוווּנטשענע „נאַציאָנאַליסטישע” עלעמענטן, מיט וועלכע די געגנט איז איבערפולט... בדרך־כּלל זענען דאָס חסידים פון יוסף ליבערבערגן, דעם פאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספירקאָם. ער האָט דאָך זיי מיטגעבראַכט, אַנדערע אויסגעשריבן און אויסגעסטאַרעט זיך, מ'זאָל זיי אַהערשיקן.

די ערשטע מעלה, וואָס פאָדערט זיך פון אַ באַהעלפער פון מושל, איז צו קענען קעמפן קעגן די דאָזיקע עלעמענטן. אָבער ניט די איינציקע מעלה. דער דאָזיקער קאַנדידאַט מוז פאַרמאָגן נאָך עפּעס זייער וויכטיקס: לויט זײַנע כאַראַקטער־שטריכן דאַרף ער זײַן פעיִק צו טאָן די דאָזיקע „אַרבעט”...

וואָלאָברינסקי האָט פאַרמאָגט די דאָזיקע אומבאַדינגט נייטיקע כאַראַקטער־שטריכן. דהײַנו, לויט דער נאַטור איז ער קודם־כּל אַ פּחדן, שטאַרק אָנגעשראָקן פון כאַווקינס דיקטאַטאָרישער מאַכט, פון זײַן ברוטאַלער האַנדלונג לגבי דער ייִדישער אינטעליגענץ. ער האָט מורא צו פאַרלירן זײַנע וויסנ־

שאָפּטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס און איז גייציק צו מאַכן אַ גרויסע קאַריערע. ער האָפט, אַז ניט ביינפּעסט, דער איצטיקער אָנפירער מיט דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע, נאָר ער, וואָלאָברינסקי, וועט פאַר זיין געהאָרכיק דינען כאַווקינען ווערן דער אָנפירער פון מאָרגנדיקן אינסטיטוט פאַר ייִדי־שער קולטור. ביינפּעסט — אַ מיט וויניק בילדונג, אָבער מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן נסיון, איז אַן אָרנטלעכער מענטש, באַציט זיך מיט כּבֿוד צו מענטשן מיט וויסן. ער איז פאַרליבט אין דער געגנט, און זיין גאַנצע ענערגיע גיט ער ערלעך איר אָפּ. הגם ער ווייסט גוט, אַז וואָלאָברינסקי טוט אַלץ צו פאַרמינערן זיין ווערט אין כאַווקינס אויגן, איז ניט ער וויל און ניט ער איז פעיִק אים צו ענטפּערן מיט דער זעלבער שווינעריי.

וואָלאָברינסקי איז אַ גוטער מבֿין אויף כאַווקינס עם־הארצות, אָבער ער ווייסט, אַז נאָר אַ דאַנק אָט דער עם־הארצות פון זיין בעל־הבית איז ער דערהויבן געוואָרן און קאָן נאָך מער דערהויבן ווערן. ווערט ער טאַקע דער הויפּטקוואַל, פאַקטיש — דער איינציקער קוואַל, ביי וועמען ער, דער פירער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, שעפּט ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אינעווייניק, אין די חדרי־חדרים פון דער ייִדישער קולטור־סבֿיבֿה.

די פונקציעס פון דער אייגענער גרופּע „געלערנטע" מיטהעלפערס, וועלכע כאַווקין האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, זענען שטרענג פאַרטיילט. אין מאָטוויי פּאַוולאָוויטשעס ביכל, דאָס הייסט, אין דער דורך אים אונטערגע־חתמעטער בראָשור וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און אין „זיינע" אַרטיקלען און פאַרטראַגן, וועלכע זיי שרייבן פאַר אים, דאַרף ער, אַהרן וואָלאָברינסקי, קודם־כּל אַריינשרייבן די ערטער וועגן פאַרשימלטער ייִדיש־קייט, וועגן „בונד", וועגן ציוניזם און אַנדערע נאַציאָנאַליסטיש־קאָנטררע־וואָלוציאָנערע אָנשיקענישן... אין די דאָזיקע ערטער דאַרף ער דערווייזן, אַז זיי זענען עס די הויפּט־סכּנה פאַר דער עקסיסטענץ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, און דערפאַר מוז יעדער סאָוועטישער בירגער קוקן מיט זיבן פאַר אויגן אויף די ביראָבידזשאַנער טוערס, וועלכע האָבן אַ מאָל געהערט צו די דאָזיקע פאַרטייען און שונאים...

כאַווקין לאָזט אים ניט אָפּ פון זיך. ער באַפעלט אים שעהען לאַנג צו זיצן אין זיין אויפנעם־צימער. וואָלאָברינסקי ווייסט — ער דאַרף זיין גרייט יעדע מינוט אָפּצוגעבן אַ רעלאַציע דעם בעל־הבית: וואָס שרייבט מען אין די ייִדישע גאַזעטן וועגן ביראָבידזשאַן? וואָס טוט זיך אין די ייִדישע קולטור־אַנשטאַלטן פון דער געגנט? דערציילן אַ פּיקאַנטן עפּיזאָד וועגן די אינער־

לעכע חילוקי־דעות, וואָס הערשן אין דער סאָוועטישער ייִדאַרבעט. ס'טרעפט אויך, אמת, זעלטענער, אַז כאַוווקין וויל פון אים הערן אַ מעשׂה פון די אַמאָליקע קאַמפן אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן ביז דער רעוואָלוציע. לויט די דאָזיקע פּיקאַנטע עפּיזאָדן „לערנט" כאַוווקין אין אַ קרומען שפּיגל די געשיכטע פון רוסישן ייִדנטום.

אָבער דער הויכגעשעצטער תּלמיד איז קאַפּריז און אומגעדולדיק. רײַסט ער אָפט איבער די צו פיל קאָמפּליצירטע פאַר אים און צו לאַנגע שילדערונגען פון זײַן געלערנטן שקלאַף און פאָדערט נערוועז, באַפעלעריש: „רייד ניט צו מיר מיט קיין פּליטערלעך! זאָג פּינקטלעך און קלאָר — ווו ווײַזן זיי דאָ אַרויס זייער ציוניזם און ווו זייער פּשוטן ייִדישן שאָוויניזם?!"

לייענער, דו שמייכלסט? מיר אָבער ווערט נאָך הײַנט אַזוי ביטער, ווען עס שווימט אַרויף אין זכּרון דער וויטיק און די חרפּה, מיט וועלכע כ'פּלעג אויפנעמען אָט די און ענלעכע אַנעקדאָטישע פאַקטן פון יענער גרויליקער ווירקלעכקייט...

צײַט האָט ער, דער הויפּט־בעל־הבית פון דער געגנט, אַ סך. אײַ, אין פאָדערצימער וואַרטן מענטשן מיט וויכטיקע פּראָבלעמען, ער זאָל זיי אויפנעמען? ס'ברענט ניט! זאָלן זיי וואַרטן! און ווען ער נעמט שוין אויף עמעצן פון זיי, ווייסט וואָלאָברינסקי, אַז איצט דאַרף ער דיסקרעט אַרויסגיין פון כאַוווקינס קאַבינעט און וואַרטן אין פאָדער־צימער ביז מאַטווי פּאַוולאָוויטש וועט בלײַבן אַליין און אים ווידער אַרײַנרופן.

ווען כאַוווקין איז גוט געשטימט, האָט ער ליב זיך צו באַרימען: „מיך וועסטו ניט אָפּנאַרן, כ'האָב אַן אייגענעם פּראָפעסאָר פאַר ייִדישע ענינים!"

מיר באַווײַזן זיך ניט אַרומצוקוקן, און אָט איז וואָלאָברינסקי שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין הויפקלאָון. זײַן בעל־הבית איז אַ טיפּישער נעוואָראָסטעניקער און פאַלט אָפט אַרײַן אין אַ געדריקטער שטימונג. דאַרף מען אים פריילעך מאַכן. וואָלאָברינסקי ווייסט: זײַן האַר האָט ליב ייִדישע אַנעקדאָטן. ליגט אין קלאָונס בוזעם־קעשענע דאָס נאָטיצביכעלע מיט די אַקוראַט פאַרשריבענע וויצן און אַנעקדאָטן — אויף יעדן פאַל... און כאַוווקין באַמיט זיך זיי צו פאַרגעדענקען אויף אויסנווייניק.

„אָט הײַנט טאַקע האָב איך געהערט פון מײַן פּראָפעסאָר אַזאַ אַנעקדאָטל"... — אַזוי פלעגט כאַוווקין פאַרווײַלן די פאַרטיי־טוערס, וועלכע ער האָט באַוויליקט אויפצונעמען וועגן עפּעס אַ דרינגענדיקן עניין. און דער טוער פון דער ייִדישער געגנט, וואָס הערט אים, דאַרף צוזאַמען מיטן בעל־הבית

קײַכן פֿון געלעכטער. און שטענדיק זענען דאָס אַנטיסעמיטישע וויצן, וועלכע באַווײַזן נעגאַטיווע שטריכן פֿון ייִדן.

ס׳פֿלעגט טרעפֿן, אין מיטן דער נאַכט באַפֿעלט כאַווקין: „אויפֿוועקן וואָלאָברינסקין! זאָל ער קומען צו מיר אין שלאָפֿצימער!‟ מאַטווי פּאַוולאָ־וויטשן שלאָפֿט זיך עפּעס ניט. „לייען מיר נאָך אַ מאָל איבער דאָס, וואָס איז שוין פֿאַרטיק צו מײַן מאָרגעדיקער אַרויסטרעטונג!‟ לייענט ער געהאָרכיק נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, זאָגט בײַ זאָך. „מאַטוויי פּאַוולאָוויטש, אַלץ איז אין אָרדענונג‟. אָבער דער בעל־הבית איז אויפֿגערעגט: „אידיאָט! ס׳איז ניט ריכטיק פֿאָרמולירט!‟ פּרוּווט וואָלאָברינסקי, דער פֿאַקטישער אויטאָר פֿון פֿאַרשריבענעם, אומדרייסט נאָך אַ מאָל דערווידערן: „אָבער, מאַטווי פּאַוו־לאָוויטש, אַזוי איז געזאָגט געוואָרן בײַם חבר סטאַלין‟. דער בעל־הבית זידלט זיך. בלײַבט דער משרת זיצן אַן אײַנגעשרומפּענער, און מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער פֿאַרריכט די „פֿעלערן‟ און כאַווקין איז זיכער: זײַן מאָרגעדיקע אַרויס־טרעטונג איז איצט אויסגעבעסערט, פֿאָליטיש פֿאַרשאַרפֿט...

ווערט דער האַר רויִקער און — זעט! — ער ווערט גאָר אַנדרימלט. אַ דערפֿרייטער שטעלט זיך דער משרת אויף פֿון בענקל און שאַ־שטיל, אויף די ציפּקעלעך שלײַכט ער אַרויס אין גאַס. אין דרויסן העלט שוין דער פֿרי־מאָרגן. ער דערשלעפּט זיך קוים אהיים, וואַלגערט זיך אַרײַן אין אײַזערנעם בעטל און שלאָפֿט אָפּ ביז אין שפּעטן טאָג אַרײַן.

נאָך אַזעלכע נעכט יאָוועט זיך וואָלאָברינסקי צו דער אַרבעט אין דער ווויסנשאַפֿטלעכער קאָמיסיע דעמאָלט, ווען מיר אַלע קלײַבן זיך שוין אַהיים־צוגיין. אָנשטאָט אַ באַגריסונג דערהערן מיר זײַן: „אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט מיט מאַטוויי פּאַוולאָוויטשן‟. ווי אַ פֿאַרשיכורטער גיט ער זיך שווער אַ זעץ אַוועק בײַ זײַן טישל און הייבט אָן רײַבן די שלייפֿן, ער רײַבט זיי אָן אויפֿהער, מיט ביידע הענט...

וואָלאָברינסקי איז, מן־הסתּם זיכער, אַז זײַן אויפֿפֿירונג ווײַזט אונדז: „זעט, מיט וואָס פֿאַר אַ בכּבֿודיקער פּאָליטישער אַרבעט איך בין פֿאַרנומען!‟ און — „ווער פֿון אײַך קען זיך גלײַכן מיט מיר?‟ אָבער בלויז אַ טויבער און אַ בלינדער קען ניט זען און ניט הערן, אַז פֿון זײַן מהות שפּאַרט אַרויס דווקא דאָס פֿאַרקערטע, דאָס וואָס ער וויל פֿון אונדז פֿאַרהוילן: „אַך, ווי שווער און ביטער איז מײַן שקלאַפֿיש לעבן!‟

און בלויז צוויי מאָל האָט מיט וואָלאָברינסקין געטראָפֿן אַ מאָדנע זאַך. בלויז צוויי מאָל האָבן מיר זאָלבע פֿערט, פֿאַרשטומטע זיך צוגעהערט, ווי

ער מאָלט אויס דאָס בילד פון דער הײַנטיקער וואַכנאַכט זײַנער — געגוי, מיט אַלע פּיטשעווקעס. שפּעטער, ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער מסתּמא באַדויערט זײַן „נאַרישע" אויפריכטיקייט. און אפשר האָט ער גאָר פאַרגעסן זײַן אומפאַרזיכטיקייט? ביידע בילדער האָט ער דאָך פאַר אונדז געמאָלן בעת ער האָט זיך געפונען אין אַ משונהדיקן מצב — ווי אונטער אַ שווערן היפּנאָז.

אָבער מיר — ביינפעסט, גאָלדפײַן, מאַרקוס און איך — האָבן די צוויי בילדלעך שוין קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן. בײַ פאַרשיידענע געלעגנהײַטן האָבן מיר, אַ מאָל איינער, אַ מאָל אַ צווייטער מיט רחמנות און עקל זיי דערמאָנט, אַ מאָל מיט איין איינציק וואָרט, עפּטער מיט אַ קורצן זאַץ: „געדענקסט זײַנע צוויי נעכט?" ביינפעסט און גאָלדפײַן זענען שוין אויף דער וועלט ניטאָ. אויב מאַרקוס, דער סעקרעטאַר פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע, איז ניצול געוואָרן און לעבט נאָך ערגעץ, בין איך זיכער, אַז אויך ער געדענקט זיי. און איך? איך זע נאָך הײַנט דאָס געבראָכענע געשטאַלט וואָלאָברינסקיס און הער נאָך הײַנט זײַנע אָפּגעהאַקטע, אָבער בולטע ווערטער און די שטים זײַנע — אַזאַ געפאַלענע, אַזאַ נעבעכדיקע... און טאַקע דערפאַר האָב איך איצט געקענט פאַרן לייענער דערציילן וועגן וואָלאָברינסקיס וואַכנעכט מער ווייניק אַזוי, ווי ער אַליין האָט זיי געמאָלט פאַר אונדז.

אויף פחד האַלט זיך דער ריזיקער ראַטן־פאַרבאַנד. כ'האָב ניט געקענט קיין איין סאָוועטישן בירגער, וואָס זאָל ניט זײַן באַהערשט פון שרעק און פחד. כ'האָב דאָרטן געלעבט גאַנצע 32 יאָר און, פאַרשטייט זיך, אַז אויך איך בין ניט געווען קיין אויסנעם. אָבער אַלץ האָט אַ גרענעץ, אַלץ האָט אַ מאָס — פאַראַן פאַרשיידענע גראַדאַציעס פון שרעק און פחד מיט וועלכע דער Homo sovieticus איז באַהערשט. ס'דאַרף ערשט קומען דער גרויסער פּסיכאָלאָג, וואָס וועט זײַן מסוגל דעם דאָזיקן גרונטשטריך פון סאָוועטישן מענטש אויסצופאָרשן.

אַהרן וואָלאָברינסקי געהערט צו די גאָר־גאָר גרויסע פחדנים, און דערפאַר איז ער אַזוי נידעריק געפאַלן. כ'האָב אים פײַנט געהאַט און דאָך איז מיר אַ רחמנות געווען צוצוזען, ווי ער ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער אויס מענטש און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַבסאָלוטן גײַסטיקן שקלאַף בײַ דעם דעגענערירטן דעספּאָט.

אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס וואָלאָברינסקי האָט געהאַט הינטער זײַנע פּלייצעס ניט אַבי וועמען, נײַערט דעם „ערשטן מענטש" פון דער געגנט,

שפּאַרט אַרויס פון יעדער באַוועגונג זײַנער עפּעס אַ פּאַרטײַעטער אומרו. מיר איז פריקרע געווען צוצוזען, ווי גראָד דעמאָלט, בעת ער רעדט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי מיט אַזאַ גרויסן אַפּלאָמב, בייגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ. און איך זע באַשײַמפּערלעך — פון הינטער די דיקע שוואַרץ־געראַמטע ברילן־גלעזער וואַרפט ער שווערע זײַטיקע בליקן, וועלכע פּאָרשן: „וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכן אויף זיי מײַנע תּקיפֿע רייד?״ איך בין זיכער — ער ווייסט, אַז מיר אַלע באַמערקן זײַן טיפֿע פאַרלוירנקייט... איז ווי אַזוי קען איך זײַן גלײַכגילטיק צו די לײַדן פון אַזאַ אומגליקלעכן נפש?

ער איז טונקל האָריק און גאָלט זיך זעלטן. דאָס מאַכט נאָך פינצטערער דעם גאַנצן אָנבליק זײַנעם. ער איז גאָרניט קיין נידעריקער און נאָך געננוג יונג, אָבער זינט ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקעוודיק הויקערן, זעט ער אויס קלענער און עלטער, ווי ער איז אין דער אמתן. און ווען בײַ אונדז אין ביראָ־בידזשאַן האָט זיך שוין אין דער צווייטער העלפט פון 1936 צעפלאַקערט די גרויסע פּאָליטישע מהומה, האָט ער אָנגעהויבן וואָס אַ מאָל טיפער אַרײַנציִען דעם קאָפּ אין די אַקסלען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך שרעקן: אָט וועט מיר עמעצער פון הינטן דערלאַנגען קלעפּ!

אָבער מער פון אַלץ שאָקירט מיך, און מסתּמא ניט בלויז מיך, וואָלאָ־ברינסקיס כּלומרשטער שמייכל. פון זײַנע פײַכטע דיקלעכע ליפּן קוקט דעמאָלט אַרויס אַזאַ נעבעכדיקע פאַרלוירנקייט, אַז ניט ווילנדיק ווערט מײַן האַרץ פאַרקלעמט פון רחמנות אויף דעם, צו וועמען איך האָב קיין טראָפּן אַכטונג ניט. און אַלץ פּראָטעסטירט אין מיר אויך דאָס מאָל: גוואַלד, וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דעם דאָזיקן פעיִקן מענטש?! אין נאָרמאַלע באַדינ־גונגען וואָלט ער דאָך געקענט זײַן אַן ערלעכער שעפערישער און גליקלעכער מענטש!

און וואָס מער איך ווער זעעוודיק, אַלץ עפּטער ווער איך באַהערשט פון דעם פּראָטעסט קעגן „מײַן פּאַרטיי״, וואָס אויף איר פאָן איז אָנגעשריבן — „פרײַהייט!״. אָבער דער לייענער וואָלט געמאַכט אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז איך האָב ערגעץ ווו עפנטלעך אַרויסגעטראָטן וועגן דעם. צו דעם האָב איך קיין מוט ניט געהאַט. כ׳האָב זיך פּראָסט און פּשוט געשראָקן פאַר די פאָלגן, צו וועלכע יעדעס וואָרט פון ווידערשטאַנד וועט ברענגען. אין דעם זינען בין איך ניט אָפּגעשטאַנען פון דער גאַנצער אָנגעשראָקענער סאָוועטישער באַפעלקערונג. ס׳האָט מיר אַפילו ניט געסטײַעט קיין מוט אויף אַזאַ „העל־דישקייט״: ס׳איז מיר דערווידער, ווען וואָלאָברינסקי ציט אויס צו מיר אויף

אַ גוטמאָרגן זײַן קאַלט פאַרשוויצטע האַנט, און דאָך נעם איך זי אָן.

און זעט נאָר, וואָס פאַר אַ מישמאַש ס׳קען פאַרקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די אַרויסטרעטונגען און אין די רעזאָלוציעס פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט מען מיך, אסתּר שנײַדערמאַן, אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, פאַראורטיילנדיק מיך כּמעט שטענדיק בײַנאַנד מיטן קאָנטררעוואָלוציאָנערן שאָוויניסט יוסף ליבערבערג, וועלכן איך, זײַן לאַנגיאָריקע מיטאַרבעטערין, האָב ניט „אַנטפּלעקט”. צו אונדז איז געווען צוגעטשעפּעט אַהרן וואָלאָברינסקיס נאָמען... אַלע דרײַ זענען מיר, הייסט עס, אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין זעלבן מיסטקאַסטן.

אוי וויי, ווי דאָס האָט מיך דעמאָלט פאַרדראָסן! און ווי דערנידעריקט האָט מיך דער דאָזיקער שותּף מײַנער! ניט געקוקט אויף דעם וואָס נאָך יעדן אַזאַ מינדלעכע און שריפטלעכע דערקלערונג, זענען אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן די שאַנסן אַרעסטירט צו ווערן, האָט דאָך אין מײַן נאַרישן מוח זיך געפונען אַ שטיקל אָרט פאַר אַ ביטערער איראָניע: „זע נאָר, מיט וועמען דו ליגסט אין איין גרוב!”.

יידישע קולטור־טרעגערס און יידישע שולן

כּ׳פיל, אַז לשם קלאָרקייט מוז איך אין סאַמע אָנהייב אונטערשטרײַכן, אַז דאָ וועל איך דערציילן ניט וועגן די פּאַקטישע פּאָליטישע בעלי־בתּים פון דער געגנט, אין דער שפּיץ מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט כאַוטקין, וועלכע זענען אַהערגעשיקט געוואָרן מיט אַ קלאָרער פּרינציפּיעלער אײַנשטעלונג — ניט צו דערלאָזן די געגנט זאָל זײַן אַ נאַציאָנאַל יידישע, אַפילו לויט דער קאָמוניסטישער פאָרמל.

פּונקט פאַרקערט, דאָ וועט גיין אַ רייד וועגן זייער אַנטיפּאָד, ס׳הייסט, וועגן די נאַציאָנאַל געשטימטע טוערס, וועלכע זענען אַהער געקומען נאָר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געגלייבט, אַז דאָ, אין דער יידישער געגנט, וועלן געשאַפן ווערן אַלע באַדינגונגען ניט צו פאַרלירן, נאָר אַדרבה, אײַנצוהאַלטן אַלע פּאָזיציעס, וועלכע ס׳האָט שוין געהאַט דערגרייכט די סאָוועטיש־יידישע קולטור־בויונג אין אייראָפּעיִשן טייל פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, און ווי דער לייענער ווייסט שוין, געפינען זיי זיך איצט דאָרטן אין אַ טעמפּן ווינקל.

זיי האָבן געגלייבט, אַז דאָ וועט די פּאַרטיי באמת אויפבויען אַ סאָוועטיש־ייִדישע נאַציאָנאַלע געגנט, ווו עס וועט זיך, נאָך מער ווי אין צענטער, צעבליִען די סאָוועטיש־ייִדישע קולטור, און ווו ייִדיש וועט, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, זײַן די מלוכה־שפּראַך.

אין פלוג קען דאָס פאַר אײַך קלינגען אומגלייבלעך, אָבער אַזאַ איז געווען דיווירקלעכקייט. זיי, די ענטוזיאַסטישע פירערס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור, האָבן אויך דאָ אין דער ייִדישער געגנט, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן דאָס פריִער געטאָן אין צענטער פון לאַנד, געשיקט זייערע קינדער לערנען ניט אין די ייִדישע, נאָר אין די רוסישע שולן. קיין אויסנעם איז ניט געווען אַפילו יוסף ליבערבערג, דער וועלכער איז פּאַקטיש געשטאַנען אין דער שפּיץ פון קאַמף קעגן דער צוואַנג־רוסיפיקאַציע פון דער געגנט. און אויך די ענטוזיאַסטישע אינטעליגענץ, וועלכע שטרעבט צו בויען אַ ייִדישן בירא־בידזשאַן, איז ניט געווען קיין אויסנעם. און אַפילו ניט די פרײַ־וויליק אַהערגעקומענע ייִדישע קולטור־בויערס, וועלכע זענען אין די אויגן פון דער פּאַרטיי־אַנפירונג געווען דער סימבאָל פון ייִדישן „קאָנטררעוואָ־לוציאָנערן שאָוויניזם". זייערע אַלעמענס קינדער האָבן געלערנט אין רוסישע שולן. אין דער ייִדישער געגנט האָט דאָס, נאָך מער ווי דאָרטן, אין צענטער, געהאַט אַ ביטערן בײַטעם און אַרויסגערופן בײַ אַ טייל באַפעלקערונג אומ־צוטרוי צו די ייִדישע שולן: אויב נאַטשאַלסטווע שיקט ניט אַהין אירע קינדער, זענען זיי זיכער ערגער ווי די רוסישע. דער דאָזיקער פּאָליטישער לאַפּסוס האָט געבראַכט שאָדן ניט בלויז דעם ייִדישן שולוועזן, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס צו נישט געמאַכט דעם אַנזען און ווערט פון די איבעריקע צווײַגן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור־בויונג אין דער געגנט. אַגב, האָבן אין די ייִדישע שולן, איבערהויפּט פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן, אַלע יאָרן געאַרבעט רעלאַטיוו מער קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן, ווי אין די רוסישע. דאָס זענען געווען אַביטוריענטן פון די ייִדישע פּעדטעכניקומס, פון די ייִדישע אָפּטיילן בײַ די לערער־אינסטיטוטן אין אוקראַיִנע און אין ווײַסרוסלאַנד, ווי אויך לערערס, געקומענע פון אויסלאַנד, שוין אָפּגערעדט וועגן דעם, אַז די ייִדישע מיטלשול פון דער שטאָט בירא־בידזשאַן האָט פאַרמאָגט אַ גרופּע הויך ערודירטע פּעדאַגאָגן, מחברים פון אינטערעסאַנטע אַרבעטן. אָבער דאָס האָט קיין שום השפעה ניט געהאַט אויף די האַנדלונגען פון די ענטוזיאַסטישע ייִדטוערס.

און בײַ די אַזוי גערופענע נייטראַלע צו דער שפּראַך־פּראָבלעם, וואָס

זענען קומענדיק אַהער אין דער פּאַטענץ גרייט געווען אָנצוהייבן זיך אויס־לעבן אין דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, ביי זיי איז דער אינטערעס צום קולטיווירן די ייִדישע קולטור און שפּראַך בהדרגה פאַרשוווּנדן.

און דאָך האָבן זיך ניט געהערט קיין אָפענע פּראָוווּרפן קעגן דער דאָזיקער געפערלעכער פּרינציפּלאָזיקייט: די קעמפערס קעגן דער רוסיפיקאַציע פון דער ייִדישער געגנט האָבן געשוויגן און, אויך איך בתוכם, האָב קיין מאָל וועגן דעם אָפן אין ערגעץ ניט אַרויסגעטראָטן. ווען צווישן זיך, אויג אויף אויג, פלעגט שטילערהייט קומען צו רייד וועגן דער דאָזיקער אַנאָמאַליע, פלעגן זיי, פאַרשעמטע, זיך פאַרטיידיקן: די קינדער אונדזערע האָבן אויך דאָרטן, אין צענטער פון לאַנד, פון וואַנען זיי זענען אָנגעקומען, געלערנט אין דער רוסישער שול און קענען ניט קיין ייִדיש. און דאָס איז, אַגב, געווען אמת...

אויב איר וועט מאַכן דעם אויספיר, אַז זיי, די ביראָבידזשאַנער ענטוזיאַסטן פון דער ייִדישער קולטור, זענען געווען צביעותדיק, ווייל אין דער אמתן האָבן זיי געהאַלטן אַז מאַמע־לשון איז אַן ענין בלויז פאַר עמך און ניט „פאַר מיינע קינדער", וועט איר האָבן אַ טעות. כ׳ווייס ניט ווי ביי אַנדערע, נאָר ביי מיינע חברים איז דאָס מערסטנסטיילס געווען אַ רעזולטאַט פון גיין אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד ביי זיך אין דער משפּחה. ביי אייניקע האָט אויסגעפּעלט מוט צו גיין קעגן ווילן פון ווייב, וואָס איז ווייט פון זיינע אידעען — ניט געוואָלט צעשטערן דעם שלום־בית. דער רוב האָט, מחמת גרויס פאַרנומענקייט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון דערציִען די אייגענע קינדער און עס איבערגעגעבן דער פרוי, וועלכע איז געווען אַסימילירט אָדער האָט געשטרעבט צו אַסימיליזאַציע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן גיך דערשפּירט דעם פאַטאַלן טעות, וואָס זיי זענען באַגאַנגען, אָבער ס׳איז שוין געווען שפּעט אים צו פאַרריכטן.

*

דאָ, מיין איך, איז כּדאַי צו פאַרשרייבן, אַז להיפוך צו ביראָבידזשאַן, פלעגן זיך אין אוקראַיִנע אַזעלכע אָפענע פּראָטעסטן יאָ הערן, איבערהויפּט אויף פאַרזאַמלונגען פון ייִדישע אַרבעטערס און קוסטאַרן. עטלעכע אַזעלכע פאַקטן זענען פאַרבליבן אין מיין זכּרון. איינער אַזאַ: אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער קיִעווער נייפאַבריק אויפן נאָמען פון לאַסטאָטשקין־סמירנאָוו, איז אַרויס־געטראָטן דער ליבלינג פון די דאָרטיקע אַרבעטערס — פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון וויסנשאַפטלעך־פאַרשערישן

אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור. ווי שטענדיק, האָט ער אויך דאָס מאָל אַגיטירט פֿאַר דעם ווײַטערדיקן וווקס פֿון דער ייִדישער קולטור־בויונג. זענען אויפֿגעשטאַנען עטלעכע מענטשן און אים דערלאַנגט קאַלטס און וואַרעמס: „נו, און אײַער טאָכטער? פֿאַר וואָס שיקט איר זי אין דער רוסישער שול?" דער עולם האָט די טענה אונטערגעהאַלטן מיט אַ וואַרעמען בראַוואָ. און ליבערבערגס רעאַקציע: „חברים! איר זענט כּשר גערעכט!" האָט ווידער אַרויסגערופֿן הייסע אַפּלאָדיסמענטן. אָבער דאָס מאָל זענען זיי געווענדט קעגן אים, ליבערבערגן גופֿא.

אַז כ׳האָב שוין דערמאָנט קיִעוו, בעט זיך דאָ צו זאָגן נאָך עפּעס. אַגבֿ, כ׳ווייס, אַז דאָ איז אַ ביסל צו שפּעט צו דערציילן וועגן דעם טרויעריק באַלערנדיקן פֿאַקט (געדאַרפֿט עס טאָן אין מײַן דריטן באַנד), שרײַב איך אים פֿאָרט דאָ אַרײַן, ווײַל כ׳האָב מורא, ער זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן. דהײַנו: אין אַזאַ ייִדישן כּרך ווי קיִעוו, האָבן ניט מער ווי געציילטע אָנפֿירערס מיט דער ייִדשער וויסנשאַפֿט געשיקט זייערע קינדער אין די ייִדישע שולן. צווישן זיי זענען געווען דער באַוווסטער ייִדישער פֿילאָלאָג נחום שטיף. זײַנע צוויי מיידעלעך האָבן זיך געלערנט אין דער ייִדישער מיטלשול נומ׳ 60. יונה כינטשין, דער היסטאָריקער, האָט זײַן מיידעלע אסתּרקע און ייִנגל שלומקע דערצויגן אין דער ייִדישער שול נומ׳ 34. חיימקע, דער בן־יחיד פֿון גרשון גאָראָכאָוו (דירעקטאָר פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור) איז געווען אַ תּלמיד פֿון אַ ייִדישער מיטלשול. דער ייִדישער פֿילאָלאָג חיים לויצקער האָט זײַן טעכטערל מירעלע דערצויגן אין דער ייִדישער שול. אויב כ׳האָב עמעצן פֿאַרגעסן, בעט איך בײַ אים מחילה.

און צום סוף בעט זיך דאָ אומצוקערן זיך קיין ביראָבידזשאַן, כּדי צו מאַכן אַ וויכטיקע באַמערקונג: זאָל דער לייענער ניט זײַן נאַיִוו און מיינען, אַז ווען די הייסע טרעגערס פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור וואָלטן זייערע קינדער יאָ געשיקט אין דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער שול, וואָלטן זיי דערמיט פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון רוסיפֿיצירן די ייִדישע געגנט. פֿאַקטיש האָט זייער פּרינציפּלאָזיקייט קיין ממשותדיקע ווירקונג ניט געהאַט און ניט געקענט האָבן. דעם פּסק־דין וועגן אַנטינאַציאָנאַלן מהות פֿון דער געגנט האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי שוין געהאַט אַרויסגעטראָגן גלײַך בײַ דעם געבורט אירן.

טראָפּעלעך פרייד

זעלטן, אָבער דאָך פלעגן טרעפן גוטע מינוטן, ווען כ׳בין מיטגעריסן געוואָרן אַ מאָל מיט אַ קליינעם פאַקט, אַ מאָל מיט אַ וויכטיקער געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער געגנט. עטלעכע האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון. און אַ מאָדנע זאַך, נאָך הײַנט, הגם איך בין שוין אַזוי ווײַט פון דעם אַלעם, ווי דער הימל איז ווײַט פון דער ערד, טוט מיר נאָך אַלץ הנאה, בעת איך דערמאָן זיך וועגן זיי. מן־הסתם דערפאַר האָט מיך אַ צי געטאָן צו דערציילן וועגן עטלעכע טראָפּעלעך פרייד. כ׳וויס, דאָס וועלן זײַן כאַאָטיש אָנגעוואָרפענע בילדלעך, אפשר גאָר פון אַ קנאַפּן היסטאָרישן ווערט, אָבער כ׳קען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם ביסל פאַרגעניגן און פאַרשרײַב זיי.

*

אין 1935 לייגט מען דעם פונדאַמענט פון דער נײַער נייפאַבריק. מען איז צוגעטראָטן בויען נײַע קאָרפּוסן, ווו מ׳האָט שפּעטער מאָנטירט מאָדערנע אויסשטאַטונג. מיט דער דאָזיקער בויונג פירן אָן גרויסע ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך ביז זייער אָנקום אין דער ייִדישער געגנט שוין אויפגעבויט וויכטיקע אינדוסטריעלע אָביעקטן אין פאַרשיידענע עקן פון לאַנד. כ׳האָב זיך מיט די מענטשן באַקענט, באַוווּנדערט זייער איבערגעגעבנקייט. זיי פלעגן מיר דערציילן, ווי פאַרברעכעריש מ׳האָט ביז איצט געפירט די דאָזיקע בויונג און ווי אַזוי זיי, די נײַע אָנפירערס, פאַרריכטן דאָס שלעכטס. יעדעס מאָל, ווען כ׳גיי דאָ פאַרבײַ, בלײַב איך שטיין ווי פאַר עפּעס אייגנס און האָב הנאה — די אַרבעט רוקט זיך פאָרויס, און דו פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע אַלע פאַסקודסטוועס, מיט וועלכע עס איז אָנגעזעטיקט די ביראָבידזשאַנערווירקלעכקייט. אַ געפיל פון דאַנקשאַפט צו די דאָזיקע אומפּאַרטייִשע ענטוזיאַסטן פילט אָן דײַן האַרץ.

*

כאָטש דאָס איז פאָרגעקומען אָנהייב 1936, זע איך נאָך הײַנט די קאָנצענטרירטע פּנימלעך פון די ביראָבידזשאַנער תּלמידים פון דער ייִדישער מיטלשול. צענויפגעקוועטשטע זיצן זיי אין דער ענגשאַפט פון דער קינדערביבליאָטעק אויפן אָוונט, געווידמעט לייב קוויטקאָ. און נאָך הײַנט פיל איך די סאַטיספאַקציע, וואָס מיר האָט דעמאָלט פאַרשאַפט זייער פרייד און זייער

אינטערעס פאַר דער שאַפונג פון דעם טאַלאַנטירטן ייִדישן קינדער־פּאָעט. און נאָך הײַנט געדענק איך, ווי כ'האָב דעמאָלט נאַיִוו געפּרוּווט זיך אַליין אײַנרײדן: נישקשה, כאָטש די פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער ייִדישער געגנט וויל דאָס ניט, וואַקסט דאָ פאַרט אַ נײַער דור, אַ דערצויגענער אויף דער ייִדישער קולטור.

✶

ס'פריײט מיך, וואָס ניט געקוקט אויף דער מאָראַליש צעלייגטער אַט־מאָספער, וועלכע ווערט דאָ פון טאָג צו טאָג געדיכטער, גיט זיך די אַרבעט אין 1936 פאָרט אַ רוק פאָרויס. און כאָטש די קוואַליטעט פון דער בויונג טויג אויף כפרות, ווערן די גאַסן פון דער הויפּשטאָט גרעסער און שענער. אויפן אָרט פון אַלטן באַראַק מיט דער ייִדישער און רוסישער אויפשריפט „סטאַנציע ביראָבידזשאַן" שטייט שוין דער נײַ אויסגעבויטער וואָקזאַל. ער איז שיין און רחבותדיק. מיר איז ליב אַפילו אויף אַ קורצער ווײַלע אַ בליק אַרײַנצוטאָן אינעווייניק. (וועגן דעם, מיט וועמענס שווייס און בלוט מ'האָט אים געבויט, וועט גיין אַ רייד אַ ביסל שפּעטער). דער פּלאַץ אַרום אים וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט מוראדיקע זומפּן, וועלכע פלעגן גאַנצע נײַן חדשים אין יאָר ניט אויסטריקענען, איז שוין איצט אַספאַלטירט. ער גלאַנצט נאָך מיט פרישקייט. אַפילו לאַזאַר מאָיסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש, דער סאַמע חשובסטער פּאָליטישער גאַסט, וואָס האָט באַזוכט די ייִדישע געגנט, האָט דעם וואָקזאַל ווייניק וואָס פאַרצוואָרפן.

✶

איר טראַכט מן־הסתם — אַ קלייניקייט, אָבער דעמאָלט איז דאָס געווען אַ דערגרייכונג: ענדלעך קורסירט שוין אַן אמת גרויסשטאָטישער אויטאָבוס צווישן דער שטאָט און דער סאָפּקע, וועלכע איז ביז איצט געווען אָפּגעריסן פון צענטער.

✶

גאַנצע טשאַטעס ייִדישע בחורים און מיידלעך מיט ביכער אונטערן אָרעם פאַרפולן די קאַזאַקעוויטש־גאַס, וואָס מיר רופן זי די „בילדונג־גאַס". זייער געשמאַקער ייִדיש אין פאַרשיידענע דיאַלעקטן קלינגט פאַר מיר היימיש און פריילעך. דאָ געפינען זיך דער פּעדאַגאָגישער און דער מעדיצינישער

טעכניקום און עס בויט זיך נאָך איינער — דער באַרג־מעטאַלורגישער. מיר איז גוט אויפן האַרצן, בעת איך באַגעגן זיך מיט זײַן דירעקטאָר, דעם שטענדיק פאַרהאַוועטן, פאַרליבטן אין זײַן אַרבעט, משה לעוויטאַן (דער ברודער פון מיכל לעוויטאַן).

*

כאָטש די שמאָלינקע טראָטואַרן כמעט אין אַלע גאַסן זענען נאָך אַלץ הילצערנע און גליטשיקע פון בלאָטע און זיי וויגן זיך נאָך אַלץ אונטער דײַנע פיס, הייבט מען שוין סוף־כּל־סוף אָן אַספּאַלטירן די אָקטיאַבער־גאַס, טאַקע דאָ, ווו עס שטייט דער סלופּ מיטן ראַדיאָ־הויכריידער, בײַ וועלכן עס זאַמלען זיך ביראָבידזשאַנער תּושבים, וואָס גאַרן צו וויסן, וואָס הערט זיך אין לאַנד און וואָס הערט זיך אין דער גאָרער וועלט. מען קלײַבט זיך דאָ, ווײַל די מערהייט הײַזער, אַפילו אין שטאָט, זענען נאָך ניט ראַדיאָפיצירט.

און ווי קען איך זיך ניט פרייען, ווען כ׳זע מיט די אייגענע אויגן, אַז אויפן פּלאַץ, ווו צוריק מיט איין איינציק יאָר האָבן נאָך געהערשט די טיפע טײַגע און די זומפּן, פאַרענדיקט מען שוין עטלעכע קאָרפּוסן פון אַ נײַעם אַרבעטער־יישוב לעבן דעם צוקונפטיקן מיליטערישן וועגענער־זאַוואָד ?

און אָט זעען זיך שוין די רושטאָוואַניעס פון דער אייגענער עלעקטרישער סטאַנציע, וואָס וועט געבן עלעקטריע ניט בלויז פאַרן זאַוואָד, נאָר אויך פאַר זײַנע מענטשן און „וואָלאָדימיר איליטשס לעמפּעלעך" וועלן מאַכן אַ סוף צו די נאַפטקאַנעצלעך אין די פינצטערע דירות פון די ביראָבידזשאַנער תּושבים.

און ווי קען איך זײַן גלײַכגילטיק, ווען כ׳זע, אַז אָט־אָט עפנט זיך אויף דער פאָסטישעוו־גאַס דער נײַער ביכער־מאַגאַזין ? דער אַלטער געפינט זיך דאָך ביז איצט אין קליינעם שטיבעלע, וואָס איז פאַרבליבן פון דער אַמאָליקער פאַרשלאָפענער טיכאָנקע, און כּדי צוצוקומען צו אים, מוזסטו נאָך הײַנט מאַכן עטלעכע דרייסטע אַקראָבאַטישע באַוועגונגען !

*

כמעט נאָך יעדער באַגעגעניש מיט נײַע אײַנוואַנדערערס ווערט שווערער מײַן געמיט. זעלטן ווען דו טרעפסט אָן אויף אַ משפּחה, וואָס באַדויערט ניט איר קומען אַהער. אָבער צום גליק האָט יעדער כּלל זײַנע אויסנאַמען. עס טרעפט, אַז אַ באַגעגעניש מיט עמך קען אויך אַ מאָל דערפרייען דײַן האַרץ. כ׳געדענק — גאַנץ צופעליק טרעף איך אַ גרופּע אַלטע ביראָבידזשאַנער

תּושבים. זיי אַלע שטאַמען פון ייִדיש־אוקראַיִנישן שטעטל מאַלין, וווּ כ׳פלעג אַ מאָל קומען פון קיִעוו אין שליחות. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַנדערע פון זיי געדענקען מיך נאָך פון דאָרטן. זיי דערפרייען זיך מיט מיר, ווי מיט אַן אַלטער באַקאַנטער. און איך דערזע — פאַראַן פּשוטע ייִדן, שטאַרק צוגעבונדענע צו ביראָבידזשאַן. ניט געקוקט אויף די אומגעהײַערע שוועריקייטן, אויף וועלכע זיי טרעפן זיך אָן אויף שריט און טריט, פּאַלט זיי אַפילו ניט איין צו פאַרלאָזן זייער נײַע ייִדישע היים. זייער רויִקער אָפּטימיזם איז אָנשטעקנדיק, און איך גיי אַוועק פון זיי אַן אויפגעהײַטערטע. ס׳ווערט אַ ביסל לײַכטער אויפן אָנגעוויטיקטן האַרץ.

שפּעטער וועל איך גענויער דערציילן וועגן די דאָזיקע פּשוטע האָרעפּאַשניקעס. דערווײַלע וועל איך ציטירן דאָס, וואָס עס האָט וועגן זיי בשעתּו געשריבן דער „ביראָבידזשאַנער שטערן״: „43 מאַלינער בענקל־מאַכערס זענען אין 1930 אַריבערגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן און האָבן אויסגעבויט אַ בענקל־אַרטעל, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען „דמיטראָוו״. 14 פון די בענקל־מאַכערס האָבן זיך ניט אײַנגעהאַלטן — אַוועקגעפאָרן. 17 זענען פאַרבליבן אין דער געגנט אויף פאַרשיידענע אַרבעטן און 12 זענען פאַרבליבן בײַ דער פאַבריק. צווישן זיי — מאַלינסקי, פּאַטרעשעווסקי, פּיקמאַן, זוויעני־גאָראָדסקי, פּאַניעוויטש, קאַץ — דער געוועזענער מאַלינער שמיד, איצט דער דירעקטאָר א״אַנד.״

געוועזן, פאַרשטייט זיך, נאָך פרייִדיקע פּאַסירונגען אָן אַ פאַרגלייך וויכטיקערע ווי די קלייניקייטן, וועלכע כ׳האָב דאָ כאַאָטיש אָנגעוואָרפן. כ׳וועל וועגן זיי בהדרגה דערציילן. אָבער זיי אַלע זענען געווען ווי אַ טראָפּן האָניק אין אַן איבערגעפולטער פאַס מיט סם.

דער נײַער וואָקזאַל

כ׳בין ערשט צוויי וואָכן אָן אײַנוווינערין פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. כ׳וויס שוין ניט ווייניק, וואָס דאָ קומט פאָר, און כ׳האָב שוין דאָ ניט איין ביטערע פּיל אַראָפּגעשלונגען.

דאָס ערשטע מאָל געפין איך זיך אויף אַ ביראָבידזשאַנער ראַיאָנער

פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. זי קומט פאָר אין די לעצטע טעג פון מײַ 1935. דאָ וועלן מיר אויסוויילן דעלעגאַטן צו דער ערשטער געגנטלעכער קאָנפערענץ פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט די, וואָס פירן אָן מיט דער געגנט. מײַן קרײַז באַקאַנטע פּאַרטייערס איז נאָך גאַנץ קליין און כ׳וויס נאָך ווייניק „ווער איז ווער״.

די פאַרזאַמלונג פירט מען אין רוסיש. „פאַר וואָס ניט אין יידיש ?״ — שטעל איך אָן אַ פאָר אויגן אויף ברוך הובערמאַנען, וואָס זיצט לעבן מיר. ער שווײַגט. מיך שאָקירט דער צעקאַליעטשעטער רוסיש, אין וועלכן דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטישן און ראַיאָנעם פּאַרטקאָם, דער ח׳ דיקשטיין, גיט אָפּ דעם באַריכט. „יידיש קען ער נאָך ווייניקער״ — גיט מיר שטיל אַ זאָג ברוך. דיקשטיין איז אַזאַ קליינינקער, אַזאַ געבעכדיקער, און זײַן באַריכט איז אַזוי פלאַך, אַזוי פרימיטיוו...

בלויז עטלעכע מענטשן טרעטן אַרויס אין יידיש — „זיי קענען ניט קיין רוסיש״ — דערקלערט מיר מײַן פרײַנד און דערגיט: „געקומענע פון אויסלאַנד...״

אויף דער בינע באַווײַזט זיך אַ חבר אין אַ לאַנגן מיליטערישן שינעל, ניט קיין הויכער, אָבער אַ שלאַנקער, אין די מיטעלע יאָרן. אַ שאָטען מיט אַן אויסגעאיידלט יידיש פּנים. דער עולם ווערט אָנגעשפּיצט. „אָ וואָרט האָט דער חבר גוסין״ — איז מודיע דער פאָרזיצער.

און אָט צעקלינגט זיך אין דעם אײַנגעשטילטן זאַל גוסינס פּאַטעטישער ראַפּאָרט : „כ׳האָב דעם גרויסן כּבוד אײַך צו מעלדן, אַז גראָד הײַנט, 7 אַ זייגער אין דער פרי, זענען מיר צוגעטראָטן אויפצושטעלן פאַר אונדזער הויפּטשטאָט אַ נײַעם וואָקזאַל. מיר בויען אים לויט די פּראָיעקטן פון די בעסטע ווײַט־מיזרחדיקע אַרכיטעקטן. די, וואָס בויען אים, דעם מאָדערנסטן וואָקזאַל, האָבן מיך באַפולמעכטיקט אײַך פײַערלעך צוצוזאָגן, אַז זיי וועלן אים פאַרטיק מאַכן צום 7טן נאָוועמבער, און צום 18טן יובילײַ פון דער זיגרײַכער אָקטאָבער־רעוואָלוציע וועט פאָרקומען די פײַערלעכע עפענונג פון נײַעם ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל !״

„אָט דאָס איז אַ פרייד !״ — דערהערן זיך שטימען פון זאַל. אויך איך בין אַנטציקט פון דער וויכטיקער נײַס, וואָרעם דאָס וואָס מען רופט הײַנט „ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל״, איז דאָך ניט מער ווי אַן אַלט הילצערן געבײַדעלע, אַן ענגס און אַ שמוציקס, אָן שום באַקוועמלעכקייטן. בײַ נאַכט פאַרשליסט מען עס הערמעטיש, און די, וואָס וואַרטן אויף אַ צוג, טרײַבט מען

גאָר אַרויס אין גאַס. און אין שטאָט איז ניטאָ ווו איבערצונעכטיקן, ווײַל קיין האָטעל פֿאַר די, וואָס קומען אַהער אין פֿאַרשיידענע שליחותן, איז אין ביראָ־בידזשאַן נאָך ניטאָ. אין דעם הונגעריקן בופֿעטל פֿון וואָקזאַל איז אַפֿילו ניטאָ קיין טעלערל, שוין אָפּגערעדט וועגן גאָפּל־מעסער.

און זע, גאָר אין גיכן וועלן מיר פֿון אים, דעם בידנעם פּאַרזעענישל, פּטור ווערן און אויף זײַן אָרט וועט אויסוואַקסן אַ מאָדערנער וואָקזאַל, אַ ייִדישער וואָקזאַל, אַן אויסגעבויטער מיט אונדזערע אייגענע ייִדישע הענט! האָב איך שטאַרק הנאה דערפֿון און באַשענק מיט אַ הויכן בראַוואָ דעם חבר גוסין.

ברוך הובערמאַן אַפּלאָדירט נאָך שטאַרקער און שרײַט דעמאָנסטראַטיוו „בראַוואָ!". כ׳זע באַשײַמפּערלעך, ער טוט דאָס אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן, אַלע זאָלן דאָס זען און הערן. ער דערזעט מיך און דערפֿילט מײַן אויפֿריכטיקע פֿרייד, גיט ער מיך אַ שטויס מיטן עלנבויגן און רוימט מיר אײַן אין אויער: „טיפּש! דער חבר גוסין איז דער נאַטשאַלניק פֿון „באַמלאַג".* דעם ייִדישן וואָקזאַל בויען שקלאַפֿן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן. און „זאָל לעבן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַליזם!.." די לעצטע פֿראַזע, זאָגט ער שוין העכער.

אַזוי ניכטערט מיך אויס דער קיִעווער פֿרײַנד מײַנער, דער אַמאָליקער מיטגליד פֿון פּועלי־ציון, וועלכער האָט אַזוי פֿיל יאָרן אַגיטירט און אַקטיוו געאַרבעט לטובֿת דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, געקומען אַהער פֿרײַוויליק און דאָ איז ער ווי אַ דאָרן אין אויג פֿון דער פּאַרטיי־אָנפֿירונג, און ער ווייסט גוט, אַז דאָ פֿאָלגט מען אויפֿמערקזאַם נאָך יעדע באַוועגונג זײַנע און ס׳וועט אַלץ געטאָן, כּדי פּטור צו ווערן פֿון אים.

אַ וואַכנאַכט אין ביראָבידזשאַן

דאָ קאָכט און זידט נאָך אַלץ אַרום סטאַלינס רעדע, כאָטש געהאַלטן האָט ער זי מיט אַ לאַנגער צײַט צוריק — דעם 4טן מײַ 1935, אין קרעמל, אויפֿן

* „באַמלאַג" (פֿאַרקירצט) — אַ לאַגער פֿאַר פֿאַרשיקטע, וואָס שפּרייט זיך אויס פֿון דער ריזיקער אָזערע בײַקאַל ביזן מעכטיקן טײַך אַמור. אַן אָפּטיילונג פֿון „באַמלאַג" געפֿינט זיך אויפֿן שטח פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַרויסלאָז פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. דער נאָמען פון דער דאָזיקער רעדע איז „קאַדרען לייזן אַלץ״, און געזאָגט אין איר האָט ער אָט וואָס: „דער לאָזונג ,קאַדרען לייזן אַלץ׳ פאָדערט, אַז אונדזערע אָנפירערס זאָלן אַרויסווייַזן די זאָרגעוודיקסטע באַציִונג צו אונדזערע טוערס, צו ,קליינע׳ און ,גרויסע׳, אין וועלכע געביטן זיי זאָלן ניט אַרבעטן. זיי זאָלן זיי כאָוועו, זאָרגעוודיק העלפן, ווען זיי נייטיקן זיך אין הילף, זאָלן זיי סטימולירן, ווען זיי באַווייַזן די ערשטע דערפאָלגן, זיי אַרויסרוקן פאָרויס און אַזוי ווייטער״.

האָט זיך דאָ אַרום דעם דאָזיקן „עפּאָכע־מאַכנדיקן לאָזונג״ אָנגעהויבן אַ שדים־טאַנץ. נאָר לאָמיר וועגן דעם לאָזן ריידן דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן״ פון 9טן מייַ 1935, וועט דאָס זייַן אויטענטישער:

„די צייַטונג ,טאַס׳* מיט דער רעדע פון חבר סטאַלין איז אָנגעקומען אין ביראָבידזשאַן דעם 8טן מייַ אין אָוונט, גראָד דעמאָלט, ווען אין שטאָט זענען פאָרגעקומען אין די אונטערנעמונגען געשלאָסענע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען.״

און איצט הערט וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן: „דערזעענדיק די רעדע אין דער קאָנטישער צייַטונג, האָט חבר אַנשין (דער צווייטער סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פאַרטיי־קאָמיטעט) איבערגעריסן די זיצונג און געמאָלדן מיט טרערן אין די אויגן (יאָ, מיט טרערן אין די אויגן! — א.ר.־ש.): ,חברים, אַ נייַע זון האָט זיך צעשייַנט! סטאַלין האָט גערעדט! אָט איז זי, די געניאַלע רעדע!׳ און שוין דאָ אויפן אָרט האָט מען אָנגעהויבן די זיצונג אויף ס׳נייַ — מיט אַ נייַעם טאָג־סדר: ,חבר סטאַלינס רעדע׳.״

איר קוועטשט מיט די פּלייצעס: וואָס איז פאַראַן אין סטאַלינס ווערטער אָריגינעלס? טיפזיניקס? געניאַלס? אַזוינס, וואָס אַ דאַנק זיי האָט זיך אַזש „אַ נייַע זון צעשייַנט״ אין די הימלען פון דער מענטשהייט?

אויב איר וווּנדערט זיך, איז דאָס אַ סימן, אַז איר האָט סטאַלינס רעדעס בכלל ניט געלייענט. טאָ זייַט זיך מטריח און לייענט דורך כאָטש עטלעכע פון זיי, וועט איר זיך אויפהערן וווּנדערן און זיך איבערצייַגן, אַז אַזאַ טיפ־זיניקן אנהאַלט פאַרמאָגן אַלע זייַנע אַרויסטרעטונגען, אין וועלכע דאָס פּיל־מיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק איז מחויב געווען צו זען אַ נייַע גאולה פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער וועלט...

* „טאַס״ — דאָס זענען ראשי־תיבות פון דער רוסישער צייַטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״ (שטיל־אָקעאַנישער שטערן), דער אָפיציעלער אָרגאַן פון ווייַט־מיזרח־דיקן פאַרטיי־קאָמיטעט, וואָס דערשייַנט אין כאַבאַראָווסק.

נאָר לאָמיר צוריקגיין צו יענער נאַכט און הערן, וואָס דער „ביראָבי־דזשאַנער שטערן" דערציילט ווײַטער וועגן אָט דער רעדע.

„קיינער פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג האָט אַפילו ניט געטראַכט צו פאַרלאָזן די געבײַדע פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט"... אין מיטן דער נאַכט צעשיקן זיי שליחים אין אַלע עקן פון דער שטאָק פינצטערער הויפּטשטאָט: וועקט אויף מענטשן פון שלאָף! זאָלן זיי שרײַען, די רגע זיך יאָווען! מבולבלע און צעשראָקענע טרעטן די ביראָבידזשאַנער אַקטיוויסטן אַריבער די שוועל פון דעם צוזאַמענקום. און ערשט דעמאָלט, ווען זיי באַנעמען, אַז עס דראָט זיי ניט קיין געפאַר, אָטעמען זיי פרײַער אָפּ.

י. ביינפעסט, איינער פון די ערשטע ענטוזיאַסטישע איבערוואַנדערערס, האָט, זעט אויס, אַ באַדערפעניש מיר, דער גרינער, פון צײַט צו צײַט, אַ מאָל אַפילו גלאַט אַזוי, אָן יעדער פאַרבינדונג מיט דעם וואָס ס'קומט פאָר אין אָט דער מינוט, צו דערציילן פאַרשיידענע מעשׂיות וועגן דעם שטייגערישן און פּאָליטישן לעבן אין דער געגנט, בעת איך בין נאָך דאָ ניט געווען. ביינ־פעסט איז מײַן אָפיציעלער בעל־הבית — ער איז דער פאַרוואַלטער פון דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער קאָמיסיע בײַם געגנטלעכן אויספירקאָם, און איך בין דאָ באַשעפטיקט בײַ פאָרשערישער אַרבעט. דערציילט ער מיר דאָס, וואָס אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז ניט געווען געשריבן: „גאַנץ ביראָבידזשאַן איז אין יענער נאַכט געווען וואַך אין גרויסער טרעוואָגע, איבערהויפּט די משפחות פון די אַרויסגערופענע, ווי אויך זייערע שכנים און קרובים"...

ס'איז שוין דורך אַזאַ לאַנגע צײַט, נאָר ביינפעסט מאָלט פאָר מיר אויס דאָס בילדל פון יענער בליץ שנעלער פּאָליטישער אַקציע אַרום דעם חבר סטאַלינס „עפּאָכע־מאַכנדיקער" רעדע אין דער נאַכט פון 8טן אויפן 9טן מײַ 1935, אַזוי בולט, אַז איך דערזע אויך זיך דאָרטן אויבן, אין זאַל צווישן די וואָס מ'האָט נאָר וואָס אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף. ער שילדערט עס דווקא זייער שטיל, אָן יעדן סימן פון אַ שמייכל אויף זײַן פולבלעך פּנים, אָבער איר דאַרפט בלויז ניט מער, ווי אויף איין רגע, אַ בליק טאָן אין זײַנע אויגן און איר ווערט איבערראַשט פון דעם שלעכט באַהאַלטענעם חוזק אין זיי.

אויך הערשל בריל האָט ליב מיך צו „פאַרווײַלן" מיט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון ביראָבידזשאַנער נעכטן. אויך ער דערציילט וועגן יענער "פּאַטריאָטישער" בײַנאַכטיקער אַקציע, וועלכע די פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער יידישער געגנט האָט אַזוי געלונגען און בליץ שנעל דורכגעפירט... און טאָן טוט ער עס

אויף זײַן אייגנאַרטיקן שקאָצישן אופֿן: ער שיט בשעת מעשׂה, און דווקא הויך אויפֿן קול, מיט אַפּיקורסישע ווערטלעך און וויצן.

„אַמשעונסטן" — זאָגט ער מיר — „איז געווען צו כאַפּן אַ קוק אויף די דאָזיקע חברים, וועלכע האָבן פֿאַרדאַגהטע ניט געוווּסט: ,ווּ באַהאַלט מען דאָס פּעקעלע, וואָס מײַן ווײַב האָט מיר אין דער גיך אַרײַנגעשטופּט אויף יעדן פֿאַל׳..."

און דאָ ווערט שוין דאָס געפֿיל וואָס שטופּט מיך צום לאַכן, פֿאַרשוווּנדן און איך פֿיל: אָט ברעך איך אויס אין אַ געוויין.

ער דערציילט עס שוין אין זײַן כאַבאַראָווסקער דירה און ניט אין ביראָ־בידזשאַן, פֿון וואַנען כאַווקין האָט אים נאָך גרויסע פּאָליטישע סקאַנדאַלן פֿאַרטריבן פֿאַר זײַן „גרויס מויל" (וועגן דעם וועל איך דערציילן אַן אַנדערש מאָל), און לאַווורענטיעוו, דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון ווײַט־מיזרחדיקן קאַנטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָט אים צוגעכאַפּט ווי אַ יקר־המציאות, פּונקט אַזוי, ווי ער נעמט אויף מיט אָפֿענע אָרעמס אַלע פֿאַרטריבענע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ער האָט אים, הערשל ברילן, אָנגעטרויט אַ וויכטיקן ווירטשאַפֿטלעכן פּאָסטן אין כאַבאַראָווסק.

איצט שיט הערשל מיט טרעפֿלעכע אַנטיסאָוועטישע ווערטלעך טאַקע ווײַט פֿון ביראָבידזשאַן, און עס הערן זײַנע רייד בלויז זײַן רוסישע פֿרוי וואַליאַ און די סיאַמער קאַץ זייערע, וואָס ביידע פֿאַרשטייען ניט קיין וואָרט ייִדיש. און דאָך קוק איך זיך אַרום: „ווענט האָבן אויערן אומעטום". אָבער בשעת־מעשׂה הער איך ניט אויף מיט אָפּשיי צו באַוווּנדערן זײַן אָפֿנהאַרציקייט און דרייסטקייט. וואָרעם, הגם איך בין שוין אין גאַנצן אַן אויסגעניכטערטע פֿון יעדער אילוזיע, בין איך דאָך אויף אַזוינס ניט פֿעיִק. כ׳בין ניט מסוגל זיך צו דערהייבן אויף אַזאַ מאָראַלישער הייך ווי הערשל בריל. פֿון אילוזיעס האָב איך זיך טאַקע שוין באַפֿרייט, אָבער פֿון שרעק ניט.

אין יענער „יומטובדיקער" ביראָבידזשאַנער וואַכנאַכט פֿון 8טן אויפֿן 9טן מײַ 1935, וועגן וועלכער איך דערצייל דאָ, בין איך געזעסן אין אינטער־נאַציאָנאַלן עקספּרעסצוג, וואָס האָט מיך געפֿירט פֿון מאָסקווע קיין ביראָ־בידזשאַן, כּדי דאָ מיט פֿאַרקאָשערטע אַרבל העלפֿן אויפֿבויען די ערשטע אין דער וועלט ייִדישע סאָציאַליסטישע געגנט, אין וועלכער אַ סך אַזעלכע ווי איך האָב געזען די לעצטע האָפֿענונג פֿאַרן ווײַטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום פֿון די סאָוועטישע ייִדן. ווי אַלע מײַנע חברים, האָב איך זיך געאײַלט אַהער, ווײַל דאָ וועלן מיר קאָמפּענסירן דאָס, וואָס ס׳גייט לאיבוד אין צענטער פֿון

לאַנד. דאָ, אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט וועלן מיר צוריק אויפשטעלן דאָס, וואָס די פּאַרטיי פּאַרטיליקט דאָרטן אַזוי דורכגעטראַכט, אַזוי סיסטע־מאַטיש, טראָט נאָך טראָט. דאָ קען ניט געשען דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר דאָרטן, ווײַל דאָ פֿאַלן אַזוי גליקלעך צונויף די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון די סאָוועטישע ייִדן מיט די לעבנס־אינטערעסן פֿון דער סאָוועטישער מלוכה — צו באַזעצן די פּוסטע ווײַט־מיזרחדיקע שטחים, פֿאַרוואַנדלען זיי אין בליִענדיקע אַגראַר־אינדוסטריעלע סאָוועטישע יישובֿים. דעריבער וועלן מיר דאָ, אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, געניסן פֿון דער פֿולער אונטערשטיצונג מצד דער סאָוועטישער און פּאַרטייִשער מאַכט.

אַגבֿ, איז די דאָזיקע בײַנאַכטיקע אַקציע געווען בלויז אַן אָנהייב פֿון דער גראַנדיעזער אַרבעט, וואָס האָט געדויערט אַלע יאָרן ביז סטאַלינס פּטירה. שוין איבער מאָרגן, דעם 10טן מײַ, ווערן בטל אַלע פֿון פֿריִער פּלאַנירטע געזעלשאַפֿטלעכע ענינים. אַנשטאָט זיי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן איבער דער גאַנצער ייִדישער געגנט, אין יעדן ווינקעלע אירן, אַן אויסערגעוויינטלע־כער איינהייטלעכער פּאַרטייטאָג אויף דורכצושטודירן מיט דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, אײַנגעשלאָסן די תּלמידים פֿון די עלטערע שולקלאַסן, יעדעס וואָרט פֿון דעם פֿירערס „געניאַלער“ רעדע. און יעדן יאָר ווערט דער דאָזיקער ספּעקטאַקל איבערגעחזרט.

אָך, ווי אומדערטרעגלעך דאָס אַלץ איז געווען אין די באַדינגונגען, ווען די גאַנצע פּאַרטיי־מאַשין פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז געווען אײַנגעשטעלט אויף צו דערשטיקן ניט בלויז דעם ווילן, נאָר אויך יעדן זעלבשטענדיקן געדאַנק פֿון איטלעכן בירגער — פֿון קליין ביז גרויס.

„דער שונא בײַ די טויערן“

אין די בירעבידזשאַנער סאָפּקעס שווּבלט און גריבלט מיט אַרמייטײַלן. די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט געפֿינט זיך דאָך אויף דער סאַמע גרענעץ פֿון מאַנדזשוריע. מאַנדזשוריע איז פֿון קדמונים אַן אַבן־נגף אויפֿן ווײַטן מיזרח. אין משך פֿון איין האַלבן יאָרהונדערט איז די טעריטאָריע אַן אויפֿהער איבער־געגאַנגען אין רשות פֿון איין שכנותדיקער מדינה צו דער צווייטער. ביז 1896 האָט זי געהערט צו כינע. אין 1896 ווערט זיך אָקופּירט דורך דעם צאַרישן

רוסלאַנד. אָבער שוין אין 9 יאָר אַרום, אין 1905, נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, איז רוסלאַנד געצווונגען מסכּים צו זײַן, אַז מאַנדזשוריע זאָל אײַנגעטיילט ווערן אין צוויי השפּעה־ספערעס — אַ רוסישער און אַ יאַפּאַנישער. אָבער אין קנאַפּע 25 יאָר אַרום (אין 1931) געפינט זיך שוין גאַנץ מאַנדזשוריע אונטער דער פעסטער הערשאַפט בלויז פון יאַפּאַן און ווערט אַ פּלאַצדאַרם פאַר פאַרשיידענע קאָנפליקטן און מיליטערישע אָנפאַלן פון איין שכנותדיקער מלוכה אויף דער אַנדערער. ערשט אין 1945 ווערט די מאַנדזשורישע טעריטאָריע צוריק אַ באַשטאַנדטייל פון כינע. די ערשטראַנגיקע אָנפירערס מיט דער יידישער אַרבעט שטרײַכן כּסדר אונטער, אַז די געגנט איז אַ מיליטערישער פאָרפּאָסט:

„מען וועט דאַרפן איבערצײַגן באַזונדערש די יונגע יידישע אַרבעטערס און אַרבעטערינס אין דער וויכטיקייט פון בויען די יידישע געגנט... און וואָס שנעלער... ווײַל מען דאַרף שטאַרקן אונדזער שוץ־פעיקייט קעגן דעם יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם" — קומט דער קלאָרער ענטפער, וואָס די פּאַרטיי איז אויסן מיטן שאַפן די יידישע אויטאָנאָמע געגנט דווקא דאָ, אויפן ראַנד פון מאַנדזשוריע. דאָס זאָגט שמעון דימאַנשטיין, דער פּאַרזיצער פונעם צענטראַלראַט פון „געזערד", אויף דעם 4טן פּלענום פון צענטראַלראַט פון „געזערד", מאָסקווע, פעברואַר 1936 („דער עמעס", 11טער פעברואַר 1936).

בערך אין אַ יאָר אַרום, דעם 7טן מײַ 1937, שטרײַכט דימאַנשטיין ווידער אַ מאָל קלאָר און דייטלעך אונטער דעם דאָזיקן הויפּטציל, וואָס די ראַטנמאַכט שטעלט בײַם אויפבויען די יידישע אויטאָנאָמע געגנט:

„די פראַגע וועגן 100—150 טויזנט יידן אויף דער טעריטאָריע פון דער געגנט איז אַ לעבנס־פראַגע. דאָס פאָדערן די אינטערעסן פון דער סאָוועטישער מלוכה צו באַהערשן דעם ווײַט־מיזרחדיקן שטח און פאַרשטאַרקן זײַן שוץ־פעיקייט"... און שפּעטער גיט ער צו: „דאָס אַנטשפּרעכט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן אין ראַטן־פאַרבאַנד" („דרײַ יאָר יידישע אויטאָנאָמע געגנט", ש. דימאַנשטיין, „ביראָבידזשאַנער שטערן", 7טער מײַ 1937).

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט איז טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרק באַוואָפנטער באַזע פון סאָוועטישן גרענעץ־מיליטער און פון דער גרענעץ־נ.ק.וו.ד. און דאָס האָט געלייגט זײַן חותם אויפן גאַנצן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן, אַדמיניסטראַטיוון און אויךווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער געגנט. גענויער וועגן דעם — אַ ביסל ווײַטער.

ביראָבידזשאַנער גרענעץ־אָטריאַד

שוין אין 1932 װערט אָרגאַניזירט דער ספּעציעלער „ביראָבידזשאַנער גרענעץ־אָטריאַד" װי אַ באַשטאַנדטײל פון דער גאַנצער װײַט־מיזרחדיקער גרענעצװאַך און ס'װערט אָפיציעל געמאָלדן, אַז דער דאָזיקער אָטריאַד איז אָרגאַניזירט געװאָרן מחמת דעם, װאָס די ייִדישע אױטאָנאָמע געגנט ליגט אױפן סאָמע ראַנד, האַרט בײַ דער געפערלעכסטער גרענעץ פון אונדזער הימלאַנד, און אַז זײַן הױפּטציל איז צו באַשיצן די געגנט פון „סאָמע פרעכן און אַגרעסיװן יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם, װעמענס פּראָװאָקאַציעס און אָנפאַלן װערן װאָס אַ טאָג אַלץ חוצפּהדיקער און אומפאַרשעמטער".

אַגב איז דער דאָזיקער „ביראָבידזשאַנער אָטריאַד" פאַררעכנט צו די בעסטע. ער האָט געגומען דאָס צװײטע אָרט צװישן דער רויטפאַניקער גרענעצװאַך אױפן װײַטן מיזרח בשעת דעם אינספּעקטאָרישן דורכקוק, האַרבסט 1934.

און ס'איז גאָר קײן װוּנדער ניט: דער אָטריאַד איז קאָמפּלעטירט אױס־שליסלעך מיט דער פּאָליטיש־באַגלײבטער יוגנט, דהײנו — קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן און 60 פּראָצענט פון זײ זענען אינדוסטריעלע אַרבעטערס. (לויט י.ד. באַרטשאַנינאָװס אַרטיקל לכּבוד דעם 15טן יובילײ פון דער „װײַט־מיזרחדיקער גרענעצװאַך", אָפּגעדרוקט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן", דעם 15טן פעברואַר 1936, י.ד. באַרטשאַנינאָװ איז דער שעף פון „ביראָבידזשאַנער אָטריאַד". דער פּאָליטישער קאָמיסאַר איז דאָ א.פּ. ראַטאָװ).

װען די באַרימטע „װײַט־מיזרחדיקע גרענעצװאַך" װערט אַלט 15 יאָר (אָנהײב 1936), באַגריסן זי די העכסטע אָנפירערס פון דער רויטער אַרמײ — גאַמאַרניק און יאַגאָדאַ (בײדע ייִדן, בײדע רעפּרעסירט און דערשאָסן). און דאָ קענט איר געפינען זײערע העכסטע לױבגעזאַנגען פאַר דעם ביראָ־בידזשאַנער גרענעץ־אָטריאַד, װאָס איז אַלט קוים פיר יאָר.

אויך די אָנפירערס מיט דער ייִדישער געגנט — כאַװוּקין און ליבערבערג — פּובליקירן דעם זעלבן טאָג זײער באַגריסונג צו דעם „ביראָבידזשאַנער גרענעץ־אָטריאַד" און דאַנקען אים פאַרן באַשיצן די ייִדישע געגנט פון דעם אַגרעסיװן שכן. אין דעם אָטריאַד זענען אָפטע געסט די ביראָבידזשאַנער ייִדישע שרײַבערס — בוזי אָליעװסקי, הערשל דאָבין, עמנואל קאַזאַקעװיטש, יחיאל פאַליקמאַן און אַנדערע. נאָך יעדן באַזוך באַװײַזן זיך אין די ביראָ־בידזשאַנער טאָגצײַטונגען און אין דעם געגנטלעכן ייִדישן ליטעראַרישן זשור־

נאָל „פּאַרפּאָסט" זייערע באַגײַסטערטע לידער, פּאַרצייכענונגען און דערציי־לונגען. די דאָזיקע שאַפונגען, פול מיט ליבע און פּאַרערונג צו די באַשיצערס פון דער ייִדישער געגנט, ווערן איבערגעזעצט אויף רוסיש און פאַרעפנטלעכט אין דער ווײַט־מיזרחדיקער טאָגצײַטונג „טיכאָאָקעאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ" און אין דאָרטיקע רוסישע ליטעראַרישע צײַטשריפטן. ווי אַ כּלל ווערן זיי אויך איבערגעדרוקט אין די וואָנטצײַטונגען, וואָס דערשײַנען אין די אונטער־נעמונגען און אין די קאָלווירטן פון דער געגנט.

אין 1935 פּאַרמאָגט די ייִדישע געגנט אויך איר אייגענע ציווילע אַוויאַציע און זי איז די סאַמע בעסטע אויפן ווײַטן מיזרח. עטלעכע מאָל ווערט זי פּרעמירט פאַר „מוסטערהאַפטער אַרבעט". אמת, די פּילאָטן זענען רוסישע, אָבער אין גיכן וועלן אַהער געשיקט ווערן ייִדישע פּלי‌ערס. דאָס זאָגט מען אונדז צו אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען.

אינצידענטן בײַ דער גרענעץ

אין דער פּרעסע ווערן וואָס אַ מאָל אָפטער און אָפטער פאַרעפנטלעכט ידיעות וועגן כאַפּן יאַפּאַנישע אַרײַנדרינגלערס אויף דער מיזרח־גרענעץ און אויף די סאָוועטישע וואַסערן. עס ווערן באַשריבן גענויע פּרטים וועגן קאַמף מיט די יאַפּאַנישע דיווערסאַנטן אויף דער טעריטאָריע פון אונדזער ייִדישער געגנט.

„דעם 8טן סעפּטעמבער 10 אָוונט איז אונדזער גרענעץ־אָטריאַד אויפן ברעג פון אוסורי, דרײַ קילאָמעטער פון דאָרף וויערכניע מיכאַילאָווסקאָיע, באַשאָסן געוואָרן מיט זיבן ביקסנשאָסן פון מאַנדזשורער ייִשוב יונפאַדון. די קוילן זענען דורכגעפלויגן איבער די קעפּ פונעם אָטריאַד" („ביראָבידזשאַ־נער שטערן", 20סטער סעפּטעמבער 1936).

און ווײַטערדיקע ידיעות:

„דעם 11טן אָקטאָבער 1936 איז אַ באַוואָפנטער אָטריאַד פון יאַפּאַנער (35 מענטשן) אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ אויף 3½ קילאָמעטער אין אונדזער טעריטאָריע בײַ דער סאָוועטיש־מאַנדזשורישער גרענעץ... אינטענסיוו באַ־שאָסן אונדזערע אָטריאַדן... די שיסערײַ האָט געדויערט אַ האַלבע שעה... מיט כּוח צוריקגעשטופּט דעם שונא אויף דער מאַנדזשורישער טעריטאָריע..."

„דעם זעלבן טאָג זענען פאָרגעקומען אָנפאַלן פון שׂונא אויף אַנדערע גרענעץ־אָפּשניטן.״

דעם 24סטן נאָוועמבער 1936 — ערב דעם 8טן אַלרוסלענדישן אויסער־אָרדנטלעכן ראַטן־צוזאַמענפאָר, ווו מ'האָט באַדאַרפט הערן ריידן וועגן דעם פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע ניט קיין אַנדערן, ווי דעם פירער פון די פעלקער — יוסף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלינען אַליין, האָט זיך אין דער פּרעסע פון גאַנצן ריזיקן לאַנד באַוויזן די אַלאַרמירנדיקע נײַעס:

„אַ יאַפּאַניש־מאַנדזשורישער אָטריאַד איז אַריבער אונדזער גרענעץ. נאָך אַ שלאַכט אויף דער טעריטאָריע פון פּססר זענען געוועזן בײַ זיי טויטע״...

עס זענען אַריבער בלויז דרײַ טעג און שוין, דעם 27סטן נאָוועמבער 1936 צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן לאַנד די אַלאַרמירנדיקע ידיעה:

„אין רעזולטאַט פון געצווונגענע צוזאַמענשטויסן זענען פאַראַן פאַר־וווּנדיקטע סאָוועטישע מיליטער־לײַט...״

ניט ווײַט פון די גרענעצפּונקטן הערט זיך טאָקע פון צײַט צו צײַט אַ שיסערײַ, און גלייך טראָגט די סאָוועטישע מאַכט אַרײַן אַ פּראָטעסט אין דער יאַפּאַנישער געזאַנדשאַפט. אין דער זעלבער שעה טוט דאָס זעלבע די יאַפּאַ־נישע מאַכט — זי פּראָטעסטירט קעגן אָנפאַל פון סאָוועטישן גרענעץ־מיליטער, וואָס האָט באַשאָסן איר מאַנדזשורישן גרענעצפּונקט...

גיי ווייס, וועמען צו גלייבן.

הגם אַלע ווייסן, אַז אין די באַשרײַבונגען פון בײַדע צדדים זענען פאַראַן אַ סך גוזמות און פעלשונגען, מאַכט דאָס אָבער ניט לײַכטער דאָס שווערע געמיט בײַ דער באַפעלקערונג פון דער געגנט.

און אויב איר וועט נעמען אין אַכט, אַז די דאַטעס ווען דאָס קומט פאָר פאַלן צונויף מיט די אימהדיקע ידיעות וועגן דעם, אַז ליבערבערג, דער בעל־הבית פון אונדזער אויספּירקאָם, איז אין מאָסקווע פאַרשוווּנדן, וועט איר פאַרשטיין ווי מיר, „די קיִעווער״, האָבן געציטערט און זיך געצאַפּלט.

שפּיאָנאַזש־היסטעריע

בײַם באַשרײַבן די גרענעץ־אינצידענטן און אין די אַרויסטרעטונגען שטרײַכט מען אַלץ מער און מער אונטער אַז: „מיר דאַרפן זוכן דעם שׂונא

ניט בלויז אויף יענער זײַט גרענעץ, נאָר אויך אין דער געגנט גופא, צווישן אירע אײַנוווינערס". דעם רעקאָרד דערגרייכט דער אָפּיציאָז פון דער אַלפּאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי „פּראַוודאַ" מיט איר לייטאַרטיקל א"נ „דער אויסלענדישער שפּיאָנאַזש אויפן סאָוועטישן ווײַטן מיזרח". שוין דעם זעלבן טאָג ווען ער איז דערשינען, ווערט ער אײן מאָל און נאָך אַ מאָל און אַ דריטן מאָל פון „אַלף" ביז „תּו" איבערגעגעבן דורך די ראַדיאָ־הילכערס אין די גאַסן פון דער גאַנצער יידישער געגנט. און אין אַלע ווינקעלעך פון דער געגנט, אַפילו אין די סאַמע פּאַרוואָרפנסטע, ווערט תּיכּף איבערגע־ריסן די אַרבעט און אין גרויס טרעוואָגע יאָגט מען צונויף די גאַנצע באַפעל־קערונג אויף אַ ספּעציעלן מיטינג. אין טויטער שטילקייט לייענט מען דאָ פאַר די דערשראָקענע מענטשן דעם דאָזיקן גאַנצן מאמר. אָט איז אין קורצן זײַן אינהאַלט:

„בירגער, פלאַפּלט ניט!

יאַפּאַן גרייט זיך צו אַ פּעריפּערישער מלחמה אויף אונדזער טעריטאָריע. צוליב דעם זאַמלט זי מאַטעריאַלן וועגן אונדזער שטיל־אָקעאַנישן פלאָט, וועגן אונדזער ווײַט־מיזרחדיקער אַרמיי, וועגן פאַרקערוועגן, וועגן אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען — איבערהויפּט וועגן די, וואָס האָבן אַ שוץ־באַטײַט..."

און הערט ווײַטער:

„צווישן זייערע מענטשן האָבן זיי ניט נאָר אַזעלכע, וואָס זיי פּראַוון אַריבער צו אונדז דורך מאַנדזשוריע, נאָר אויך צווישן אונדזער אייגענער ווײַט־מיזרחדיקער באַפעלקערונג, צווישן אַנגעשטעלטע, קאָמיוגיסטן און פּאַרטייערס זענען פאַראַן אַזעלכע. זיי שעדיקן שטילערהייט, גיבן איבער ידיעות. היט זיך, בירגער! קוקט נאָך! זײַט וואַכזאַם! טראָגט צו אין נ.ק.וו.ד. אויף יעדערן, וואָס רופט בײַ אײַך אַרויס חשד, וואָס פרעגט זיך אויס בײַ אײַך וועגן אײַער אַרבעט, וועגן אײַער אַנשטאַלט! געדענקט — דער שונא מאַסקירט זיך! היט אײַער פּאַספּאַרט, היט אײַער מיטגלידביכל פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין! היט ווי אַן אויג אין קאָפּ אײַער קאָמיוגישן און פּאַרטייִשן בילעט!"

דער גאַנצער טרעוואָגע־אַרטיקל ווערט, פאַרשטייט זיך, תּיכּף איבערגע־דרוקט אונטער אַ גרויסן קאָפּ אויף די ערשטע זײַטן אין „ביראָבידזשאַנער שטערן", דעם 27סטן אַפּריל 1937.

די אַטמאָספער ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אָנגעגליט. די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַרומגעכאַפּט פון אַ פּאַניק. יעדערער שרעקט זיך: נאָר ניט

אַרײַנפאַלן אין דער קאַטעגאָריע — „אַ יאַפּאַנישער שפּיאָן"! שפּיאָנאַזש איז דאָס שווערסטע פאַרברעכן און דראָט מיט טויטשטראָף.

אָבער פיר קאַטעגאָריעס אײַנוווינערס פון דער געגנט האָבן קאָנקרעטע סיבות צו לעבן אין שרעקלעכן פחד. קודם־כּל מיר, וועלכע האָבן געאַרבעט מיטן פּראָפעסאָר יוסף ליבערבערג ביז זײַן קומען קיין ביראָבידזשאַן. אונדזער לעבן איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ גיהנום, וואָרעם ער — דער ערשטער פאַרזיצער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, איז שוין זינט סוף 1936 אַרעסטירט און צעשאָסן ניט בלויז ווײַל ער איז געווען אַ „ייִדישער שאָוויניסט און טראָצקיסט", נײַערט אויך „אַ יאַפּאַנישער שפּיאָן"...

די צווייטע קאַטעגאָריע אײַנוווינערס פון דער געגנט וואָס וואַרטן, אַז אַ ליאַדע נאַכט וועט מען זיי אַרעסטירן ווי יאַפּאַנישע שפּיאָנען, זענען אַלע אַ מאָל פאַרמישטע אָדער בלויז פאַרדעכטיקטע אין טראָצקיזם.

די דריטע קאַטעגאָריע — אַלע די וואָס האָבן אַ מאָל געהערט צו אַ ייִדישער פאַרטיי.

און אחרון אַחרון חביב — די אַלע ענטוזיאַסטן, וועלכע זענען געקומען בויען די ייִדישע געגנט אַזש פון יענער זײַט גרענעץ — פון קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד. די אויסלענדער שטייען בײַ מיר צופעליק אין דער לעצטער קאַטעגאָריע ניט ווײַל זיי האָבן ווייניקער שאַנסן צוגענומען צו ווערן איידער די, וואָס געפינען זיך אין די ערשטע דרײַ. פאַרקערט, ווי דער לייענער וועט ווײַטער זען, זענען זיי מערסטנס די ערשטע קרבנות פון דעם רויטן טעראָר אין יענע טעג.

אונדזער פחד איז געווען באַרעכטיקט. שפּיאָנאַזש לטובת יאַפּאַן פיגורירט טאַקע ווי דער וויכטיקסטער פונקט אין אַלע באַשולדיקונג־אַקטן פון מײַנע אומגעבראַכטע ביראָבידזשאַנער חברים. און להיפוך צו זיי, האָבן די אַרעס־טירטע ייִדישע טוערס אין צענטער פון לאַנד צו אַט דעם פונקט ניט זוכה געווען, און אַזוי אַרום געהאַט מער שאַנסן ניט צו באַקומען קיין טויטשטראָף, בלײַבן לעבן און האָפן, אַז זיי וועלן אַ מאָל פון לאַגער באַפרײַט ווערן.

און מיר דאַכט זיך, אַז איך טרײַב ניט איבער, ווען כ'קום צום אויספיר: ביראָבידזשאַן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַסטקע פון פיזישן אומקום פאַר די אַהערגעקומענע ייִדן, בעיקר פאַר די פרײַוויליקע ענטוזיאַסטן אירע.

טאָרבעלעך

לאָמיר אויף אַ רגע זיך נאָך אַ מאָל דערמאָנען דעם תוך פון לייטאַרטיקל אינעם אָפּיציאָז פון דער פּאַרטיי „פּראַווּדאַ”:

„בירגער פון ווײַטן־מיזרח! געדענק, דער שונא לויערט אויף דײַנע פּערזענלעכע דאָקומענטן! היט דײַן פּאַספּאָרט! היט דײַן מיטגלידביכל פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין! היט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, דײַן קאָמיוגישן און פּאַרטיי־בילעט! געדענק: מיט דײַן דאָקומענט קען זיך דער שונא אַרײַנקריגן אין אונדזערן אַנשטאַלט, ער קען אַרײַנקריכן אין יעדער ווינקעלע פון אונדזער לעבן!”

דער דאָזיקער אַלאַרעם־רוף האָט געטראָפן אין סאַמע האַרץ פון יעדן איינציקן בירָאָבידזשאַנער אײַנוווינער, ווײַל ניטאָ בײַ אונדז אַזאַ מענטש, וואָס זאָל ניט האָבן עפּעס אַ דאָקומענט — אַ ספּראַווקע, אַ באַשטעטיקונג, אַ מיטגליד־ביכעלע... איז דאָס אָפּהיטן, אַז דער דאָזיקער „אוצר” זאָל ניט אַרײַנפאַלן אין די הענט פון שונא, געוואָרן בײַ דער אויף טויט דערשראָקענער באַפעלקערונג ממש אַ פּראַגע פון לעבן און טויט. ווו געפינט מען אַ זיכער באַהעלטעניש פאַר דײַנע פּאַפּירלעך? זענען מענטשן געפאַלן אויף פּאַרשיידענע המצאות. אַגב, אויף אַזעלכע, וואָס אונדזערע באָבעס און עלטער־באָבעס פלעגן זיך אַ מאָל באַנוצן. צום בײַשפּיל — אײַנגענייט זיי אין די אונטערוועש. אָבער אַחוץ אַנדערע חסרונות, האָט דאָס געדראָט מיט אַ גרויסער סכּנה — מחמת דעם ביז גאָר שלעכטן פּאַפּיר האָט דעם אוצר געדראָט צעריבן צו ווערן. אָבער איינע אַ המצאה, דווקא אויך ניט קיין נײַע, האָט דעם גרעסטן דערפאָלג — יונג און אַלט, פרויען און מענער טוען אָן אויפן הויזן האַלדז אַ פּראָסט שטריקעלע, אַ שפּאַגאַטל, אויף וועלכן ס׳הענגט, אויפגענייט פון עפּעס אַ שמאַטקע, אַ טאָרבעלע, און אין אָט דעם טאָרבעלע ליגן זיך, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, די צונויפגעקוועטשטע פּערזענלעכע דאָקומענטן פון בירָאָבידזשאַנער בירגער. איצט איז ער שוין רויִקער. זײַן „אוצר” איז ניט צו דערגרייכן פאַרן שונא, מיט וועלכן עס שווימבלט און גריבלט אין אונדזער געגנט... און בײַ נאַכט? אַ קשיה אויף אַ מעשׂה, דער שונא איז געוויס וואַך. שלאָפן די בירָאָבידזשאַנער בירגערס מיטן טאָרבעלע אויפן האַרצן.

וואָס מער ס׳איז אַנגאַזשירט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן דער אייגנטימער פונעם זעקעלע, אַלץ מער אָנגעשוואָלן איז עס. אַזוי אַרום, אַז ס׳איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויפן זעקעלע, און דו ווייסט שוין, ווער ער איז. ווינטער קענסטו

דאָס טאָרבעלע ווי עס איז פֿאַרשטופּן אונטער די בגדים. אָבער אין די הייסע ביראָבידזשאַנער זומערטעג? סטאַרטשעט עס אומגעלומפּערט און אומפּאַר־שעמט אַרויס פֿון דײַן בוזעם... און איך ווייס ניט, צי זאָל איך לאַכן, צי גאָר וויינען?

די וואָרענונגען וועגן דער סכּנה לייענט איר שוין ניט בלויז אין דער טאָגפּרעסע. זי הענגט שוין מיט אויסגעציקלטע אותיות אויף די ווענט פֿון יעדער אונטערנעמונג און אַנשטאַלט: „בירגער, היט זיך פֿון שפּיאָנען!"

איך לעב שוין גאַנצע צען יאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אָבער ביז אַהער האָב איך נאָך אַזאַ אָנגעשטרענגטע אַטמאָספֿער, אַזאַ שרעקן די מענטשן, אַז דער שׂונא לויערט בײַ אונדזערע סאָוועטישע טויערן, ניט בײַגעוווּנט ווי דאָ, אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אויך איך טראָג דעם „אוצר" מײַנעם אין אַ טאָרבעלע אויפֿן האַלדז. בין איך דען ערגער פֿון אַנדערע? און נאָר מײַן ניסן — אָ, דער דאָזיקער אויסלענדישער עקשן — וויל בשום אופֿן ניט שלום מאַכן מיט דער גאַנצער וואַקכאַנאַליע, וואָס צעשפּילט זיך דאָ מיט אַזאַ ביליקן רעש, געניִיט מיט ווײַסע פֿעדעם. ער זאָגט זיך אַנטשלאָסן אָפּ מיטצומאַכן דעם שדים־טאַנץ.

אָבער איך זע בפּירוש: ער כאַפּט זיך גאַנץ אָפֿט צו דער בוזעם־קעשענע פֿון זײַן מאַרינאַרקע — צי זענען די דאָקומענטן זײַנע, חלילה, ניט פֿאַרשוווּנדן. הייסט עס, אַז אויך ער איז טיילווײַז אַרומגעכאַפּט מיטן פּסיכאָז, הגם ער קעמפּט אַזוי שטאַרק מיט זיך און לאַכט זיך כּלומרשט אויס פֿון אים. איך שווײַג. זאָל ער מיינען, אַז איך באַמערק עס ניט.

און דאָך, ווי אויף צו להכעיס, פֿלעגן איצט דאָקומענטן פֿאַרלוירן גיין „אָפּטער" ווי פֿריִער, פֿאַר דער בהלה. דאָס וואָרט „אָפּטער" האָב איך גענומען אין גענדזנפֿיסלעך, ווײַל אין דער אמתן האָבן אַ סך מענטשן (און אויך אייניקע פֿרײַנד מײַנע) שוין געהאַט פֿאַרלוירן עפּעס אַ נישטיק דאָקומענטל מיט אַ צײַט צוריק און געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק. אַנדערע האָבן אָפּילו ניט באַ־מערקט, אַז זיי האָבן עס ניט. אָבער איצט האָט די שרעק פֿאַר דער גרויסער שטראָף גענומען די איבערהאַנט, און זיי האָבן געאײַלט צו מעלדן וועגן דעם „פֿאַרברעכן" זייערן...

אין יענע, מיט שרעק איבערגעפּולטע טעג, האָט אַ נײַער סאָרט אַלאַרמירנדיקע ידיעות אַלץ אָפּטער זיך באַוויזן אין די צוויי ביראָבידזשאַנער צײַטונגען. צום בײַשפּיל: „דאָס פֿאַרלוירענע מיטגלידביכל נומ׳ 150748 פֿונעם פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין „טוערס פֿון ראַטן־אַנשטאַלטן" אויפֿן נאָמען

פון באַראַן מיראָן באַלקאָוויטש רעכענען פאַר ניט גילטיק" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 27סטער אַפּריל 1937).

איר וועט זאָגן: ווו איז דאָ דער אַלאַרעם? דאָס זענען דאָך עטלעכע פּשוטע, אַפילו רויִקע ווערטער? אָבער מיט וויפל פּיַין און שרעק זענען זיי געוועזן פאַרבונדן פאַר דעם חבר באַראַן! דאָס קען וויסן נאָר דער, וואָס האָט אים, דעם פאַראַנטוואָרטלעכן מיטאַרבעטער פון געגנטלעכן אויספּירקאָם, געקענט און געזען אין יענע טעג.

און נאָך אַ בייַשפּיל: „דעם צוגערויבטן שטעמפּל פון געגנטלעכן אָרטעל, אויף יידיש און רוסיש, האַלטן פאַר ניט גילטיק" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 6טער מייַ 1937).

יאָ, יאָ! ניט פאַרלוירן געגאַנגען און ניט צוגעגנבעט, נאָר בפועל ממש — „צוגערויבט" געוואָרן איז דער שטעמפּל!

און נאָך: ס'איז פאַרלוירן געגאַנגען דאָס מיטגלידביכל פון „געזערד" נומ'... אויפן נאָמען פון... ווער ס'האָט געפונען, בעט מען אָפּטראָגן דאָרטן און דאָרטן...

אַ מאָל, אין די „רויִקע צייַטן" פלעגט מען דאָרטן, אין צענטער פון רוסלאַנד, פאַרן פאַרלירן אַ פּערזענלעכן דאָקומענט באַקומען העכסטנס אַ שטרענגן פאַרוווּרף. אָבער איצט? בלויז דער וואָס איז בייַגעווען אין ביראָ־בידזשאַן כאָטש אויף איינער אַזאַ היסטערישער, עקסטרע צונויפגערופענער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, קען פאַרשטיין אין וואָס פאַר אַ לאַגע ס'האָט זיך געפונען דער „שולדיקער".

די פאַרזאַמלונג פון ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אַקטיוו, געווידמעט „די אינערלעכע שונאים פון פאָלק" (צווישן זיי בין אויך איך שוין פאַראַן) האָט געדויערט ניט ווייניקער ווי גאַנצע דרייַ טעג (פון 29סטן ביזן 31סטן מערץ 1937). כאָוקין אַפּעלירט צו די, וועלכע מ'קען נאָך גלייבן: „איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסראָטן די אידיאָטישע קרענק — זאָרגלאָזיקייט, וועלכע איז באַזונדערש לעבנסגעפערלעך אין די באַדינגונגען פון אַ גרענעץ־געגנט".

און דאָ איז אומבאַדינגט גילטיק דער ביז גאָר וויכטיקער פּאַרטיי־געזעץ: ניט קיין פרעמדע וואָס קענען ניט אָדער קענען ווייניק דעם שולדיקן, ניין, ניט זיי, נאָר דווקא זייַנע סאַמע, סאַמע בעסטע גוטע פרייַנד זענען מחויב צו בעטן אַ וואָרט און האַלטן רעדעס און זאָגן ניט בלויז אַז ער, דער שולדיקער, האָט פאַרלוירן די קאָמוניסטישע וואַכעוודיקייט, נאָר טאַקע ער, דער פרייַנד זייַנער, דאַרף מיט אַ רמז אָדער מיטן פולן מויל געבן אָנצוהערן: „פון וואַנען

קענען מיר וויסן, אַז דו האָסט ניט גוטווילּיק איבערגעגעבן דעם יאַפּאַנישן פאַרשטעלטן אַגענט דײַן דאָקומענט?" און צום סוף דאַרף קומען דער פאַרשלאָג — אויסשליסן, אַרויסוואַרפן פון די רייען! ער איז ניט ראוי!..

מילא, ווערן אויסגעשלאָסן פון פאַרטיי, פון קאָמיוג, פון אָסאָאַוויאַכים, פון פּראָפּפאַראיין איז נאָך אַ האַלבע צרה. אָבער דאָס אויסשליסן איז דאָך בלויז אַ פּרעלודיע צום ווײַטערדיקן: צום אַרעסט און פאַרשיקונג פאַר שפּיאָנאַזש, אין בעסטן פאַל — פאַר מיטהעלפן דעם שונא...

אַז איר וועט צוגעבן צו דעם די טאָג־טעגלעכע פּרוּוון פון לופטשוץ קעגן כלומרשטע „אַטאַקעס און אָנפאַלן" פון דער לופט, און דאָס וויען פון סירענעס, וואָס האָבן דעם ציל אויסצופּרוּוון די קאַמפגרייטקייט פון דער גאַנצער באַ־פעלקערונג, וועט איר האָבן אַ באַגריף ווי אַזוי מיר האָבן אין יענער צײַט געלעבט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט און פאַר וואָס ביראָבידזשאַנער בירגערס היטן אָפּ דאָס טאַרבעלע ווי אַן אויג אין קאָפּ...

אויפגעצוווּנגענע רוסיפיקאַציע

ווען איך בין אָנגעקומען אין ביראָבידזשאַן, האָט מיך געצויגן אַלץ צו זען, אַלץ צו הערן. פלעג איך אויסניצן יעדע מעגלעכקייט, יעדע פרײַע שעה און זײַן אָפּט מאָל אַן אומגעבעטענער און שפּעטער — אַן אומגעוווּנטשענער באַזוכער אומעטום, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. פאַר מיר איז אַלץ געווען נײַ. אומעטום האָב איך אַרײַנגעשטעקט די נאָז. כ'האָב געוואָלט וויסן: מיט וואָס אָטעמט זי, מײַן נײַע ייִדישע היים? „זי אײַלט זיך צו באַקענען מיט אירע גיטער" — פלעגן מיט עפּעס אַ ביטערן שמייכל ריידן מײַנע אַלטע גוטע פרײַנד, און שטענדיק צוגעבן: „עס ברענט ניט, וועסט נאָך באַווײַזן!" און איך האָב בפירוש געפילט: זיי ווערן גאָרניט נתפּעל פון מײַן נײַגער. שפּעטער, ריכטיקער געזאָגט — גאָר גיך, האָב איך באַנומען פאַר וואָס. זיי האָבן פשוט געוואָלט, אַז די אַנטוישונג מײַנע זאָל זיך אויף מיר אַרויפ־וואַלגערן ניט מיט איין מאָל, נאָר קומען בהדרגה, וועט מיר זײַן גרינגער זי אַראָפּצושלינגען.

די באַשטימונג פון 29סטן נאָוועמבער 1935

„אַריבערפירן אויף דער יידישער שפּראַך די אַרבעט אין די מלוכישע און ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט". אונטערשריפט: „פּאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט — יוסף ליבערבערג". צי קען דער לייענער זיך פאָרשטעלן, ווי געהויבן מיר און מיין סביבה האָבן זיך דערפילט לייענענדיק דעם דאָזיקן באַשלוס?

און ווען אין ליבערבערגס קאָנצעלאַריע איז פּאַרטיק געוואָרן דער פונקט „עס ווערט פאָרגעלייגט דעם געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל צו אָרגאַניזירן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן און אין די ראַיאָנען קורסן פאַר דערלערנען די יידישע שפּראַך און אויך קורסן פאַר בוכהאַלטערס, חשבון־פירערס און סעקרעטאָרן" — האָט אונדזער פרייד גאָר קיין גרענעץ ניט געהאַט. ס'האָבן דאָך טאַקע געפעלט מענטשן, וואָס קענען גוט די יידישע שפּראַך. און פון היינט אָן ווערט דער תירוץ פון די, וואָס באַציִען זיך פייַנדלעך צו מאַמע־לשון — „כ'קען בכלל ניט קיין יידיש!" — אויס תירוץ, און זיי האָבן ניט קיין ברירה. צי זיי ווילן יאָ צי ניט — זיי מוזן אויספירן דעם באַשלוס פון געגנט־אויספירקאָם.

און וויפל שטאָלץ האָט ביי אונדז, די מיטאַרבעטערס פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע בייַם געגנטלעכן אויספירקאָם, אַרויסגערופן דער פונקט, אַז טאַקע אויף דער קאָמיסיע ווערט אַרויפגעלייגט דער חוב אין דער נאָענטסטער צייַט צו שאַפן די טערמינאָלאָגיע אויף יידיש פאַר די דאָזיקע געביטן פון דער יידישער מלוכישקייט!

און וויפל שימחה האָט אונדז פאַרשאַפט דער 5טער פונקט פון דער באַשטימונג, אַז „אַלע אָפּטיילן פון געגנט־אויספירקאָם דאַרפן פירן זייער אַרבעט אין צוויי שפּראַכן — אין יידיש און רוסיש. דערביי דאַרף די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פון געגנט־אויספירקאָם מיט די ראַי־אויספירקאָמען און מיט אַלע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן זייער אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך, געפירט ווערן בלויז אין יידיש".

אסתּר ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן

אין אַ צוזאַמענוווינונג

ווען כ׳בין מיט גרויס נײַגער צום ערשטן מאָל אַרײַנגעקומען אין דער צוזאַמענוווינונג פֿאַר איבערוואַנדערערס, האָב איך, אַ דערשטוינטע, דערזען: אַלע מעלדונגען, כּללים פֿון אינערלעכער אָרדענונג, אַפֿישן און לאָזונגען זענען געשריבן בלויז אויף רוסיש.

בײַ צוויי טישלעך זיצן די צוויי אָנפֿירערס מיטן איבערוואַנדערער־פּונקט — קאָט און ווענגראָוו. צוביידן שטעלן זיך אויס אין אַ ריי פֿאַרדאגהטע איבערוואַנדערערס — פּרויען און מענער. יעדערער קומט מיט זײַן פּעקל צרות, קלאָגט זיך אין מאַמע־לשון. אָבערביידע נאַטשאַלניקעס ענטפֿערן אין אַ צעבראָכענעם רוסיש. דאָס איז געווען אין יוני 1935.

אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך די לאַגע ניט געענדערט. איר קענט דאָס זען פֿון דער פּובליקירטער נאָטיץ אין „ביראָבידזשאַנער שטערן״ פֿון 16טן מײַ 1937:

„דעם 14טן מײַ 1937 זענען אָנגעקומען 35 איבערוואַנדערערס (11 משפּחות און 2 יחידים). צו דער בופֿעטשיצע פֿון דער גאָרקיד, וואָס הייסן הייסט זי דווקא אַבראַמאָוויטש, זענען צוגעגאַנגען אַ פּאָר איבערוואַנדערערס, געוואָלט עפּעס קויפֿן. זיי האָבן גערעדט יידיש. אַבראַמאָוויטש האָט זיי גע־ענטפֿערט אין רוסיש. ווען איינער אַן איבערוואַנדערער האָט געפֿרעגט פֿאַר וואָס זי ענטפֿערט ניט אין יידיש, האָט אים אַבראַמאָוויטש פּשוט מיאוס אָפּ־געזידלט״. אונטערשריפֿט: ר. דאַנסקאָי.

אין די לערן־אַנשטאַלטן פֿאַר דערוואַקסענע

דעם 16טן יאַנואַר 1936 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער אַלפֿאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צוזאַמען מיטן ראַטפֿאָלקאָם פֿון פּססר באַשלאָסן, אַז צום סוף 1937 זאָלן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד ניט בלײַבן קיין אַנאַל־פֿאַבעטן. האָט זיך אין ריזיקן לאַנד אָנגעהויבן אַ פֿיבערדיקע אַרבעט אויס־צופֿירן דעם דאָזיקן באַשלוס. אויך בײַ אונדז אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אָרגאַניזירט מען אײַליק ספּעציעלע שולן צו ליקווידירן דעם אַנאַלפֿע־בעטיזם, וואָרעם צווישן די יידישע איבערוואַנדערערס זענען אויך געווען

אַזעלכע. זייער מוטערשפּראַך איז ייִדיש, אָבער כּמעט אַלע שולן פֿאַר אַנאַל־פֿאַבעטן ווערן געפֿירט אין רוסיש. אָט וואָס עס שרייַבט דער שול־אינספּעק־טאָר אַנצעוויטש: ...„ס׳איז געוווּג, אַז אין אַ גרופּע פֿון עטלעכע און צוואַנציק מאַן זאָלן זייַן אַ 2–3 רוסישע מענטשן, און די גאַנצע שול אַרבעט אין רוסיש. אַזוי איז די לאַגע אין דער נייפֿאַבריק, ביַי די פֿייַער־לעשערס, אין ייִדישן טעאַטער, אויפֿן וואָקזאַל, אין בופֿעט אאַז״וו״. („ביראָבידזשאַנער שטערן״, 12טער יולי 1936).

די זעלבע פּאָליטיק פֿון צוואַנג־רוסיפֿיקאַציע ווערט אויך געפֿירט אין אַלע פֿאַכשולן און אויף אַלע פֿאַכקורסן פֿאַר דערוואַקסענע. צום ביַישפּיל: אין וואַלדהיים עקסיסטירן קורסן צוצוגרייטן טראַקטאָריסטן. כּמעט אַלע קור־סאַנטן זענען ייִדישע איבערוואַנדערערס פֿון קליינע שטעטלעך. און דאָך ווערט דאָ די גאַנצע אַרבעט געפֿירט אין רוסיש. און דעם קאָלווירטניק פֿון „איקאָר״ האָט מען אויף די קורסן ניט אָנגענומען, וויַיל ער קען ניט קיין רוסיש... איז ער אַ פֿאַרשעמטער צוריקגעפֿאָרן אין זייַן קאָלווירט.

כּדי די פּרויען פֿון די איבערוואַנדערערס זאָלן קענען אָנטייל נעמען אין פּראָדוקטיווער אַרבעט, מוז מען דרינגענדיק שאַפֿן פֿאַר זייערע קליינע קינ־דערלעך טאָגהיימען — יאַסלעס. האָט סוף 1937 דער געזונטלעכער געזונט־אָפּטייל געעפֿנט אין ביראָבידזשאַן זעקס־חדשימדיקע קורסן פֿאַר יאַסלע־דערציִערינס. אויך דאָ איז די לערנשפּראַך רוסיש. („ביראָבידזשאַנער שטערן״, 26סטער נאָוועמבער 1937). קענט איר שוין זייַן זיכער, אַז די אַלע קליינ־שטעטלדיקע מיידלעך וועלן אַהיימקומענדיק פֿירן די אַרבעט מיט די קינדער אין אַ צעבראָכענעם רוסיש.

אויך די פּאָליטשולן פֿאַר קאָמיוגיסטן אין די ראַיאָנישע צענטערן פֿון דער ייִדישער געגנט ווערן געפֿירט אין רוסיש. נעמט, למשל, אַזאַ נאָטיץ אין „ביראָבידזשאַנער שטערן״ פֿון 23סטן אַפּריל 1937:

„עס זענען פֿאַראַן היפּש קאָמיוגיסטן־ייִדן, וועלכע באַהערשן שלעכט די רוסישע שפּראַך און פֿאָדערן, מען זאָל אָרגאַניזירן פּאָליטשולן אין ייִדיש. דער ראַיקאָמיוג פֿון סמידאָוויטשער ראַיאָן טוט דאָס אָבער ניט. ניטאָ אין ראַיאָן קיין ייִדישע פּאָליטשולן, ניטאָ אַפֿילו אין ניקאָלאַיעווקע, ווו עס וווינען אַ סך ייִדישע יוגנטלעכע. אַזעלכע ווי דער חבר כּאַזין, אַ קאָמיוגיסט פֿון ניקאָלאַיעווקע, איז געצוווּנגען צו באַזוכן אַ רוסישע פּאָליטשול, בעת ער באַהערשט שלעכט די רוסישע שפּראַך און נעמט זייער ווייניק פֿון די לימודים.״

סוף 1936 ווערט די געגנטלעכע פּאַרטיישול רעאָרגאַניזירט אין אַ סטאַציאָנאַרער שול פאַר אָנפירערס מיט דער לאַנדווירטשאַפט. עס לערנען דאָ די פאַרזיצערס פון כמעט אַלע קאָלווירטן פון דער געגנט. אָפיציעל ווערן געעפנט צוויי גרופּעס — אַ יידישע און אַ רוסישע. אָבער די יידישע גרופּע פונקציאָנירט אין גאַנצן ניט. אַלע לימודים ווערן געפירט אין רוסיש.

געשעפט־פירונג

אַז די רוסיפיקאַציע פון דער יידישער געגנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר עקסיסטענץ, ווערט סיסטעמאַטיש פאַרגעזעצט, קענט איר זען פון פאָלגנדיקע צוויי דאָקומענטן: „די בוכהאַלטעריע פון דער שטאָטישער קאָאָפּעראַציע נעמט ניט צו קיין קבלות און חשבונות געשריבן אין יידיש. די קאָלווירטניצעס פון וואַלדהיים, בײַ וועלכע די קאָאָפּעראַציע קויפט פּראָדוקטן פאַר אירע גאַרקיכן, קענען אָבער ניט קיין רוסיש און זיי שרײַבן די קבלות און חשבונות אין יידיש. הייבט זיך אָן אַ לויפעניש, מ'דאַרף זוכן אַן איבערזעצער...“ („בּיראָבידזשאַנער שטערן“, יולי 1934). און אין דרײַ יאָר אַרום: „די פאַרזאַמלונג פון די באַפּולמעכטיקטע פון פיל־געווערב־פאַרבאַנד, וועלכע איז באַשטאַנען פון 99% יידן, איז געפירט געוואָרן אין רוסיש“, און ווײַטער: „בכלל ווערט די גאַנצע קולטמאַסן־אַרבעט אין די אַרטעלן און אין די אונטערנעמונגען געפירט הויפּטזעכלעך אין רוסיש, כאָטש דער גרעסטער טייל אַרטעלניקעס פאַרשטייען שלעכט די שפּראַך“ („בּיראָבידזשאַנער שטערן“, 3טער אויגוסט 1937).

באַרג־אַראָפּ

דעם 5טן דעצעמבער 1937 פּייערט מען דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע. אויף דעם מאַסן־מיטינג ווערט צונויפגעיאָגט די גאַנצע שטאָטישע באַפעלקערונג. דער גאַנצער מיטינג ווערט געפירט אויף רוסיש.

די קרײַזלעך פאַר באַאַמטע אויסצולערנען זיך ייִדיש זענען שוין לאַנג ליקווידירט. דעם 27סטן יולי 1937 דרוקט א. פערעצמאַן אַן אַרטיקל וועגן דעם, אַז אַלע אַנשטאַלטן פון דער געגנט אַרבעטן אויף רוסיש, אַז אַפילו די נײַ־פאַבריק, וווּ 80% אַרבעטערס זענען ייִדן, פירט איר געשעפט־פירונג אין רוסיש. אין 1935—36 האָבן קורסן פאַר באַאַמטע צו דערלערנען די ייִדישע שפּראַך אָפיציעל יאָ עקסיסטירט. אָבער דער גרעסטער טייל פאַרשרײַבט זיך לפּנים, וועגן קומען אויף די לימודים אַ מאָל אין אַ יובל. וואָס גרעסער ס׳איז דער פּאָסטן, אַלץ מער קוקט דער „שילער״ פון אויבן אַראָפּ אויף דעם גאַנצן ענין. זיי האָבן פאַר זיך אַ מוסטער — די אָנפירערס מיט דער געגנט. אײַ, פון צײַט צו צײַט דרוקט זיך אין „בירא־בידזשאַנער שטערן״ אַ נאָטיץ, אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן ייִדישיזירן די געגנט, לייענען זיי זי פּשוט ניט. זיי ווייסן, אַז פאַר אַזאַ עבירה באַשטראָפט מען קיינעם ניט.

אין 1937 זענען די קרײַזלעך פאַר באַאַמטע זיך אויסצולערנען ייִדיש שוין לאַנג ליקווידירט. אַפילו אין בירא־פעלדער קאָלווירט און אין בירא־פעלדער ייִשוב־ראַט, וווּ אַלע אײַנוווינערס זענען ייִדן, וועמענס מוטערשפּראַך איז ייִדיש און זיי ריידן אויף זייערע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען נאָר ייִדיש, ווערן אויך דאָ אַלע פּראָטאָקאָלן, באַריכטן און די גאַנצע בוכפירונג פון יאָר 1937 געפירט אין אַ צעבראָכענעם רוסיש, ווײַל אַזוי פאָדערן די געגנטלעכע אַנשטאַלטן, וועמען זיי זענען אונטערגעוואָרפן.

אַ נײַס אין שטאָט, אַן אָנגענעמע: דער פּרעסע־פאַרבאַנד האָט אַרויס־געהאַנגען אויף די באַלעבטע גאַסן עטלעכע וויטרינעס מיט צײַטונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן. בײַ יעדער וויטרינע שטייען נײַגעריקע פאַרבײַ־גייערס. צופרידענע, שטעלן זיך דאָ אָפּ די פּאַטריאָטן פון דער געגנט: אונדזער הויפּטשטאָט באַקומט בהדרגה אַ גרויסשטאָטישן פאַרנעם. אָבער אומזיסט וועט איר דאָ זוכן אַ ייִדישע צײַטונג, ניט הײַנט, ניט מאָרגן און ניט איבער־מאָרגן — אַזעלכע זענען דאָ ניט בנימצא.

אין דעם איין און איינציקן ביכער־געשעפט זענען יאָ פאַראַן געציילטע פאַרעלטערטע ייִדישע ביכער. פאַר וואָס? „ווײַל די ייִדישע איבערזעצונגען פון סטאַלינס און לענינס ווערק קויפט זעלטן ווער״...

אויף דער פּאָסט

פון דער קלײנער קאָרעספּאָנדענץ אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" פאַרן 10טן יוני 1935 קענט איר זיך דערוויסן וועגן דעם אַנפירער מיט דער פּאָסט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט: „אַליין איז ער אַ קנאַפּער רוסיש־קענער און איז זיך נוקם אין דער גראַמאַטיק אויף יעדן טראָט. נאָר זײַן ערשטע פליכט, האַלט ער, איז ניט צו דערלאָזן, אַז אין די ווענט פון דער פּאָסט אין דער הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, ביראָ־בידזשאַן, זאָלן מיטאַרבעטערס צווישן זיך ריידן ייִדיש. „איך מוז אײַך מאַכן אַ וויכטיקע באַמערקונג — האָט ראַבערט די טעג שטרענג אַ זאָג געטאָן ,פּאַ רוסקאַמו' צו דער קאַסירערין, חברטע ניעפּאָמניאַשטשי — איך האָב אײַך נעכטן געטראָפן ריידן מיט אײַער חברטע, אויך אַ מיטאַרבעטערין פון טעלעגראַף, אויף ייִדיש, ווען בײַם פענצטערל איז געשטאַנען אַ רוס. איר דאַרפט וויסן, אַז מען רעדט ניט צווישן זיך קיין ייִדיש בײַם אויספירן די אַרבעטפליכט. פאַרשטאַנען?" אונטערשריפט — ע.פּ.

אַזוי איז געווען אין יאָר 1935. אין דער ערשטער העלפט 1937, דאָס הייסט צוויי יאָר שפּעטער, איז פון מײַן קיִעווער פרײַנד שלמה גיטערמאַן אָנגעקומען אַ בריוו. האָט ער זיך וואָכנלאַנג געוואַלגערט אויף דער זעלבער ביראָבידזשאַנער פּאָסט, ווײַל דער אַדרעס אויפן בריוו איז געווען געשריבן אין ייִדיש און בלויז דאָס וואָרט „ביראָבידזשאַן" — אין רוסיש. און מען וואָרנט מיך: שרײַב „דײַנע", זיי זאָלן דאָס מער ניט טאָן. וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליסטישע מאַניפעסטאַציע איז דאָס? האָב איך, די אויסגעשלאָסענע פון פּאַרטיי און אַרבעטסלאַזע, טאַקע אָנגעשריבן צו גיטערמאַנען: „שרײַב דעם אַדרעס אויף רוסיש"...

צביעות

ווען מען רעדט וועגן נאַציאָנאַלער קולטור, ווערט אָפיציעל פּראָקלאַמירט דער היפּוך. פאַרשטייט זיך, אַז אויך כּאוּקין טוט דאָס. איבערהויפּט לאָזן זיך הערן זײַנע רעדעס און די רעדעס פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט אויף ראַיאָנישע, שטאָטישע און געגנטלעכע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען.

וואָס רעדט ער וועגן נאַציאָנאַלער קולטור? כאַווקין דערמאָנט, אַז קאַגאַ־נאָוויטש האָט אָנגעוויזן, אַז ביראָבידזשאַן דאַרף ווערן דער צענטער פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור. אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער ביראָ־בידזשאַנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע טרעט אַרויס כאַווקין און זאָגט צווישן אַנדערע אויך וועגן דער נאַציאָנאַלער קולטור־בויונג: „פאַר אונדז שטייען גרויסע אויפגאַבעס אויפן געביט פון קולטור־בויונג. דער חבר קאַגאַנאָוויטש האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן ווינקעלע פון אונדזערע קולטור־אַנשטאַלטן — שול, טעאַטער — און האָט געשטעלט פאַר אונדז די אויפגאַבע, אַז ביראָ־בידזשאַן זאָל ווערן דער צענטער פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור. לויט זיין פאָרשלאָג רופן מיר צונויף אין מיי חודש הייאָר אַ קאָנפערענץ וועגן דער פראַגע פון דער יידישער שפּראַך־טערמינאָלאָגיע. אונדזערע אַלע קולטור־געביטן דאַרפן בליען נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 29סטער מערץ 1936).

אויך אויפן פּלענום פון געגנט־אויספּירקאָם, דעם 1טן אַפּריל 1936, טרעט כאַווקין אַרויס: „מיר דאַרפן ענערגישער ווי פריער דורכפירן אין דאַרף די לענין־סטאַלינישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, שאַפן די יידישע קולטור (שאַפן זי? — א.ר.־ש.), אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרעם און אַ סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט. עס איז ניט דערלאָזבאַר, וואָס ביז איצט האָט נאָך דער בירעפעלדער דאָרפראַט ניט אַריבערגעפירט די געשעפט־פירונג אין יידיש, וואָס אין די ביבליאָטעקן אין בירעפעלד, וואַלדהיים און אַנדערע פונקטן מיט דער מערהייט יידישער באַפעלקערונג, זענען נאָך פאַראַן זייער ווייניק יידישע צייטונגען און יידישע ביכער" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 3טער אַפּריל 1936).

ביי אונדז זענען דעמאָלט אַרומגעגאַנגען אַזעלכע ווערטלעך: „ליבערבערג שאַפט, כאַווקין לאַכט", „די קיעווער אָרגאַניזירן, די סמאָלענסקער ליקווידירן" און ענלעכע.

נאָך ליבערבערגס אַרעסט

נאָך ליבערבערגס אַרעסט האָט מען כמעט אַלע זיצונגען און אַלע אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען געפירט אין רוסיש. אַזוי אַרום איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן די נייטיקייט צו לערנען יידיש. אויף די פאַרזאַמלונג פון דער ביראָבידזשאַנער

ראַיאָנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע (14–16 מײַ 1937) ווערט געפּירט אין רוסיש. עס ברעכן זיך די ציין די, וואָס קענען כּמעט ניט די שפּראַך, און בלויז צוויי צי דרײַ דרייסטערע דערלויבן זיך ריידן אַ געשמאַקן מאַמע־לשון. און מ׳שטעלט אַוועק אַ ספּעציעלן איבערזעצער, הגם פון זאַל הערן זיך שטימען (אויך פון דרייסטערע) „ניט נייטיק!", „מיר האָבן פאַרשטאַנען!"

די דרייסטערע, וועלכע פלעגן פריִער פון צײַט צו צײַט יאָ אויפהייבן זייער שטים קעגן דער צוואַנג־רוסיפיקאַציע פון דער ייִדישער געגנט, זענען נאָך ליבערבערגס אַרעסט אויס מורא אַנטשוויגן געוואָרן. ליבערבערגן האָט מען דאָך באַשולדיקט אין ייִדישן שאָוויניזם.

די שרעק זייערע איז אַ באַרעכטיקטע, וואָרעם ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע אַרעסטן פון ליבערבערגס מיטאַרבעטערס. צווישן די צוגענומענע איז אויך דער דירעקטאָר פון דעם ביראָבידזשאַנער באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום משה לעוויטאַן. די נ.ק.וו.ד. האָט אים אײַנגעזעצט אין תּפיסה, ווײַל... „ער איז אַ פאַרביסענער נאַציאָנאַליסט, וועלכער האָט געצוווּנגען די פּעדאַגאָגן, וואָס באַהערשן שוואַך די ייִדישע שפּראַך, צו לייענען אויף ייִדיש אַזעלכע דיסציפּלינען ווי באַרגוועזן, פּעטראָגראַפיע א״אַנד, געצוווּנגען זיי אויסצוקלערן אַ ווילדע טערמינאָלאָגיע. צי דען איז דאָס ניט אַ דירעקטע ליניע פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליסט ליבערבערג?" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 18טער אָקטאָבער 1937). אַ ביסל ווײַטער ווערט צוגעגעבן: „פיל סטודענטן האָבן אונטערגעהאַלטן לעוויטאַנס צוואַנג־ייִדישיזאַציע", און דעריבער דאַרף מען זיי אויסראָטן מיטן וואָרצל.

נאָך כּאַוווקינס מפּלה (אויך ער האָט ביטער געענדיקט אין יאָר 1937) האָט דאָס קליינטשינקע קאָפּעלע דרייסטערע, וועלכע זענען דערוויַילע נאָך געווען אויף דער פרײַ, ווידער אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן דער צוואַנג־רוסיפיקאַציע, אָבער גאָר גיך האָבן זיי פאַר דעם באַצאָלט מיטן לעבן.

סך־הכּל

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט האָט קיין מאָל ניט געפירט אירע מלוכישע און ווירטשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין דער ייִדישער שפּראַך. אַ קליינער אויסנעם איז געווען דאָס ביסל געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, די געציילטע לערן־

אַנשטאַלטן, אָבער אויך די דאָזיקע אַרבעט איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי איז ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן. דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל, נאָר אַ גוט צוגעטראַכטער טאָג־טעגלעכער פּראָצעס.

שוין אין סאַמע אָנהייב פון פּראָקלאַמירן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט האָט דער צ.ק. פאַרוואַנדלט איר ייִדישיזאַציע אין אַ פיקציע. כ'האָב שוין פריִער דערציילט, אַז כּדי דאָס צו דערגרייכן האָט זי געשיקט קיין ביראָ־בידזשאַן אַזאַ כּוח, וואָס זאָל ניט דערלאָזן די ענטוזיאַסטן פירן זייער „שאָוויניסטישע" טעטיקייט.

אַגב, איז די ייִדישע געגנט ניט קיין אויסנעם. די דאָזיקע פּאַרטיי־ליניע פון בהדרגהדיקער צוואַנג־רוסיפיקאַציע ווערט דורכגעפירט אין אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. אַ גענויע, זייער באַלערנדיקע באַשרייַבונג, ווי אַזוי די צוואַנג־רוסיפיקאַציע ווערט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט אין דער לעטישער רעפּובליק, און ווי אַזוי די לעטן שטעלן זיך קעגן, און ווי אַזוי זיי, די לעטן, באַצאָלן פאַר דעם מיט זייערע קעפּ, קען דער לייענער געפינען אין דעם פּאַריזער פּוילישן זשורנאַל „KULTURA" נומ' 2 (295) פאַרן יאָר 1972.

קאַמף קעגן רעליגיע

אין בירעקאַן באַקט אַן איבערוואַנדערער, שמואל יעקב לעווין פון ריגע, מצות פאַרן שטעטל. אַן אַכזריותדיקער קאַמף הייבט זיך אויף קעגן אים. ס'ווערן אָרגאַניזירט אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, די צייַטונג שענקט אַ סך אָרט דעם דאָזיקן „סקאַנדאַל". לעווין פאַרטיידיקט זיך, אַז ער באַקט מצות בלויז פאַר די גאָר אַלטע לייַט.

מען באַשליסט אייַנצוואָרדנען קעגן אים אַן אָפענעם מישפּט. די צייַטונג שרייט: „מ'דאַרף אויפדעקן דעם פּרצוף פון שונא!" און גראָד איז דער דאָזיקער לעווין אַ גוטער קאָלעקטיוויסט, געהערט אַפילו צום „מאָפּר".

אין שייכות מיטן דערנענטערן זיך פון יום־טוב פּסח איז אין „ביראָ־בידזשאַנער שטערן" פאַרן 17טן אַפּריל 1935, אָפּגעדרוקט אַ לייטאַרטיקל „קעגן דער הייליקער קאָנטררעוואָלוציע": „די אַרבעטערס און אַרבעטערינס, קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס וועלן אַוועקשלייַדערן פון זיך די ,הייליקע' קאָנטררעוואָלוציע און וועלן אין די טעג פון פּסח אַרבעטן נאָך מיט

מער איבערגעגעבנקייט און ענערגיע, כּדי צו אונדזער יום־טובֿ 1טן מײַ קומען מיט גרויסע זיגן אין אונדזער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט".

דעם 21סטן אַפּריל 1935 דרוקט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַן אַרטיקל וועגן דעם, ווי ייִדענעס אין וואַלדהיים באַקן מצות, שײַערן און כּשרן די כּלים, און ווי אַזוי מ'דאַרף פירן מיט דעם אַ קאַמף, ווײַל אַחוץ אַלעמען, גייען אַ סך ייִדן פּסח ניט אַרויס צו דער אַרבעט...

„אונדזער געגנט איז אַן איבערוואַנדערישע, אַהער שטראָמען אַן אויפהער מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, טיילווײַז אויך פון קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד, מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן, איז אַזוי אַרום באַזונדערש נייטיק צו פירן אַן ערנסטע אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע."

„אין די טעג פון די רעליגיעזע האַרבסט־יום־טובֿים זאָל בײַ אונדז אין געגנט ניט זײַן קיין איינער, וואָס זאָל ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט! אין די אונטערנעמונגען און אויף די קאָלווירטישע, ראַטווירטישע פעלדער דאַרף אין אָט די טעג נאָך האַסטיקער, נאָך בעסער, ווירקלעך סטאַכאַנאָוויש גיין די אַרבעט." („ביראָבידזשאַנער שטערן", 17טער סעפּטעמבער 1936).

אַ לייטאַרטיקל פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" רופט צו וואַכזאַמקייט, וואָרעם „די רעשטלעך פון קאַפּיטאַליזם אין דעם באַוווסטזיין פון די מענטשן מיט רעליגיעזע אַבערגלויבענישן זענען נאָך שטאַרק... אויב מיר נעמען ספּעציעל די אַזוי גערופענע ,ייִדישע סבֿיבֿה' ווייסן מיר דען ניט, אַז די פאַשיסטישע אַגענטור פון דער ייִדישער בורזשואַזיע — דער ציוניזם, פּרוּווט ווירקן אויף די ייִדישע מאַסן טאַקע דורך די רעליגיעזע אַבערגלויבענישן און מיט זייערע פּרוּוון צו שיקן מצות אויף פּסח?"

„די בונדאָווצעס צוזאַמען מיט די ציוניסטן גוואַלדעווען וועגן דעם אומקום פון ייִדישקייט אין ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן דער פאַרפאָלגונג פון רעליגיע. אין דעם פּראָיעקט פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע — דעם דאָזיקן גרעסטן היסטאָרישן דאָקומענט, איז צווישן אַלע גרויסע פרײַהייטן פונעם סאָוועטישן פאָלק, פאַרשריבן אויך די פרײַהייט פון געוויסן, די פרײַהייט פון אָפּריכטן רעליגיעזע קולטן און די פרײַהייט פון אַנטירעליגיעזער פּראָ־פּאַגאַנדע."

„מיר קעמפן קעגן די רעליגיעזע רעשטן אינעם באַוווסטזײַן פון די מענטשן ניט דורך פאַרפאָלגן זיי, נאָר דורך דעם, וואָס מיר אַנטוויקלען אַלץ מער און מער די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמיק און קולטור, וואָס מיר העכערן דעם סאָציאַליסטישן באַוווסטזײַן פון די מאַסן. מיר דאַרפן אָבער קעמפן קעגן די

דאָזיקע רעשטלעך אויך דורך געדולדיקער און טיפער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע.״

„אין דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן מיר דעם דאָזיקן געביט פון קאָמוניסטישער דערציִונג פאַרנאַכלעסיקט... מיר ווייסן פאַלן, ווען אין די רעליגיעזע יום־טובים גייען נאָך אייניקע ניט אַרויס צו דער אַרבעט. מיר ווייסן אויך פאַלן, ווען אייניקע פון דער אַזוי גערופענער סעקטע סובאָט־ניקעס זאָגן זיך אַפילו אָפּ, מחמת רעליגיעזע איבערצייַגונגען, צו גיין אין דער רויטער אַרמיי.״

„...אין די טעג פון די פרילינגדיקע רעליגיעזע יום־טובים זענען פיל קאָלווירטניקעס ניט אַרויס צו דער אַרבעט״ — באַקלאָגט זיך אַ קאָרעספּאָנ־דענט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן״, דעם 7טן מיַי 1937.

דעם 10טן יולי 1937 דרוקט איבער דער „ביראָבידזשאַנער שטערן״ דעם לייט־אַרטיקל פון „פּראַוודאַ״ פאַרן 7טן מיַי 1937 א״נ „אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע״. די צייַטונג זאָגט, אַז מ׳האָט אָפּגעשוואַכט די דאָזיקע פּראָפּאַ־גאַנדע און אַז די איבערגעבליבענע גלחים, מולאָס און רבנים הייבן אויף די קעפּ, זיי געווינען דעם צוטרוי פון שוואַך־באַוווסטזיניקע אַרבעטנדיקע. ברענגט בייַשפּילן, ווען אַ גלח אין אַ דאָרף איז דער אָנפירער פון קולטור־אַרבעט מיט דער יוגנט, אָרגאַניזירט פאַר זיי אַ כאָר, וועטשערינקעס. אין אַ צווייטן אָרט איז דער פאָרזיצער פון קאָלווירט אייַנצייַטיק דער סטאַראָסטע פון די גלייביקע אין דער צערקווע. אַנדערשוו קלייַבן די גלחים אונטער־שריפטן אויף פּעטיציעס צו עפענען די צערקוועס: ווירקן אויף די פינצטערע עלטערן זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין צערקווע אאַז״וו. די „פּראַוודאַ״ רופט צו פאַרשטאַרקן די אַנטירעליגיעזע אַרבעט אין אַלע געביטן פון סאָ־וועטישן לעבן.

ביַים באַהאַנדלען די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע אויף דער פאַרזאַמלונג אין דער פאַבריק „דימיטראָוו״, זאָגט איינער לאָנקין: „מ׳דאַרף די רבנים און גלחים, וואָס פאַרנעמען זיך נאָך איצט מיט אָט דער ,פּרנסה׳, ניט געבן קיין וואַלרעכט״.

אַ העפטיקער קאַמף ווערט געפירט קעגן די סובאָטניקעס. זיי ווינען אויך אויף דער 7טער ליניע פונעם פאַרטיזאַנער־יִישוב הינטער דער שטאָט ביראָבידזשאַן. „זיי זענען אַנגרייַפעריש, פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די שטוב־באַלעבאָסטעס, זיי זאָלן אויסווילן זייערן אַ מענטש אין די ראַטן־אָרגאַנען...״

דעם 2טן יולי 1937 קומט פאָר פאַר אַלע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון שטאָט

אַ פּאָרטראַג: „די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע און די אויפגאַבע פון אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע". דער לעקטאָר איז קוזנעצאָוו, דער פאָרשטייער פון צענטראַלראַט פון פאַרבאַנד פון „קעמפערישע אַפּיקורסים". אין אַ וואָך אַרום דרוקט דער זעלבער קוזנעצאָוו אַ גרויסן אַרטיקל, דער עיקר וועגן די סובאָטניקעס — וועגן דער יוגנט זייערער, וועגן די פאַרזאַמלונגען וואָס זיי פירן דורך, וועגן ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, און ער ווײַזט אָן מעטאָדן, ווי אַזוי זיי צו באַקעמפן. און הגם קוזנעצאָוו רעדט וועגן דעם, אַז מ׳דאַרף פירן בלויז אַן אויפקלער־אַרבעט, לייענט מען צווישן די שורות די פאָדערונג פון אויבן צו אַרעסטירן די סובאָטניקעס. און זייער פיל פון זיי האָט מען טאַקע אַרעסטירט. קעגן איינעם אַזאַ סובאָטניק, וועלכער גייט ניט אַרויס צו דער אַרבעט אין די שבתים און ווירקט אויך אויף אַנדערע, דרוקן זיך ספּעציעלע אַרטיקלען. זײַן פאַמיליע איז מאַשטשענקאָ. ער אַרבעט אין בירא־בידזשאַן און איז דווקא אַ קוואַליפיצירטער בויער. ער דערשלאָגט זיך, אַז מ׳זאָל אים און זײַנע מענטשן דערלויבן צו אַרבעטן אין די אָפּרוטעג (5 טעג אַרבעט מען, 1 טאָג רוט מען). דער אַרטיקל־שרײַבער גוואַלדעוועט: „ווי פאַרשטייט עס ניט די אָנפירונג, אַז דאָס איז קאָנטררעוואָלוציע?!"

אין יאָר 1937, האַרט פאַר די וואַלן אין אויבערראַט, ווערן סובאָטניקעס מאַסנווײַז אַרעסטירט.

אַ מעשׂה מיט אַ ברית

אין ביראָבידזשאַן קאַכט ווי אין אַ קעסל. פון מויל צו מויל גייט מען איבער, ווער און וואָס ס׳האָט געזאָגט אויף דער עקסטרע גערופענער אַלגע־מיינער פאַרזאַמלונג פון די שרײַבערס און לערערס. ס׳איז אויפגעדעקט געוואָרן אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנערע" מעשׂה: דער ייִדישער שרײַבער בוזי מילער האָט מלע געוועזן זײַן ייִנגל. מילער האָט געשוואָרן, אַז דאָס איז געשען אָן זײַן וויסן, ווען ער איז ניט געווען אין דער היים. אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט האָבן זײַן שווער און שוויגער מיט דער פרוי צוזאַמען. מילער איז נאָך דערצו אַ קאָמיוגיסט. איז געשטאַנען די פראַגע, מ׳זאָל אים אויסשליסן פון ביידע פאַראיינען און פון קאָמיוג.

ער איז דאָך אויך אַ לערער פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור.

„אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט!" — האָבן געפאָדערט עטלעכע פון זײַנע חברים.

„אויסשליסן פון קאָמיוג!" — האָבן געקלאַפּט אין טיש אַנדערע.

דעם שולדיקן האָט געראַטעוועט דאָס, וואָס אים איז געלונגען צו דער־ווײַזן מיט עדות, אַז ער גופא איז גאָט די נשמה שולדיק. ס'האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז די ברית־מילה איז פאָרגעקומען ערגעץ אין אוקראַיִנע, נאָך איידער ער איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן, און די משפחה האָט איינ־געוואַנדערט קיין ביראָבידזשאַן אין 1936, שוין מיט דעם געמלעטן פאַרשוין. און דאָך האָט מילער אַרײַנגעכאַפּט אַ שטרענגן פאַרוואָרף פון קאָמיוג, און פון דעמאָלט אָן האָט מען אויפגעהערט פאַרצולייענען זײַנע זאַכן אין ביראָ־בידזשאַנער ראַדיאָ. דער שולדיקער יידישער שרײַבער איז אַ לאַנגע צײַט אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געשעמט זיך צו קוקן אין יענעמס אויגן...

קאַמף קעגן ציוניזם

אין קאַמף קעגן ציוניזם ווערט אַרויסגערוקט דער לאָזונג „ביראָבידזשאַן איז אַ לײַכטטורעם פאַר די יידישע אַרבעטנדיקע אין דער גאַנצער וועלט!" (לייט־אַרטיקל פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" צום 2טן יאָרטאָג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, דעם 5טן מײַ 1936).

בעת זײַן באַזוך אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אין פעברואַר 1936, פּראָקלאָמירט דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לאַזאַר מאָיִסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש: „מ'דאַרף אויסראָטן די רעשטלעך פון בונדיזם און ציוניזם אין ביראָבידזשאַן". מיטן קאַמף קעגן ציוניזם איז דורכגעדרונגען די גאַנצע מינדלעכע און שריפטלעכע אויפקלער־אַרבעט אין ביראָבידזשאַן. מען פּראָ־טעסטירט קעגן דעם, ווי די יידן „העלפן די ענגלענדער אונטערדריקן די אַראַבער". יעדן טאָג באַווײַזן זיך טעלעגראַמען, אַז די אַראַבישע גערעכטע אומרוען קעגן די ענגלענדער און קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס פאַרנעמט די אַראַבישע ערד, כאַפּן אַרום „גאַנץ פּאַלעסטינע..." און דער אויספיר איז: „זעען מיר דאָך, אַז נאָר דאָ איז די צוקונפט פון יידישן פאָלק".

דעם 28סטן פעברואַר 1936 דרוקט דער צײַטוויַיליקער פליכט־אויספילער פון רעדאַקטאָר, פינקעלשטיין, אַן אַרטיקל „ביראָבידזשאַן — אַ קבר פון ציוניזם", אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט: „עס וואַקסט די שטאַרקע ווירקונג פון סאָוועט־רוסלאַנד אויף דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט און אויף דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, באַזונדערש אַ דאַנק דער עקסיסטענץ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט... אונדזער ראַטן־פאַרבאַנד איז אַ קבר פאַר דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ביראָבידזשאַן איז נאָך אַ צוגאָב־קבר פאַרן ציוניזם".

ער ברענגט ציטאַטן פון דער פּאַלעסטינער העברעיִשער פּרעסע גופא — פון „הארץ", „דבר", „הפועל הצעיר", „דגל הפועל" — וועגן אַרבעטסלאָזיקייט, עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג אין ארץ־ישׂראל, וועגן דעם, אַז אין דער „ייִדישער שטאָט תּל־אָביב" זענען זיך צונויפגעפאָרן גנבים, שלעסער־ברעכערס, אונטערגראָבערס, איבערפאַלערס, שווינדלערס, געלטפעלשערס, וועקסל־פעלשערס, פאַרגוואַלדיקערס און אַלפאָנסן פון דער גאַנצער וועלט; ער שרײַבט וועגן פאַרוואָרלאָזטע ייִדישע קינדער, וועגן שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען און וועגן דעם שרעקלעכן קעגנזאַץ צווישן דער שפע און דעם דלות, וואָס הערשן דאָרטן... „...אַן ענגלישע אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניע מיט אַלע אירע פּאַלגן"... „אין פּאַלעסטינע הערשן נאַציאָנאַלער האַס, ווילדע עקספּלואַטאַציע, ייִדישער פאַשיזם". „אַלץ ווערט דאָרטן געטאָן, כּדי צוצו־גרייטן האַרמאַטן־פלייש פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם, כּדי צו באַרויבן די פרייַהייט פון אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער".

אין זעלבן אַרטיקל שרײַבט פינקעלשטיין: „די ציוניסטן ווייסן גוט, ווי גרויס עס איז די שטרעבונג פון ייִדן אין גאָר דער וועלט צו ביראָבידזשאַן, און דערבײַ פירן זיי אַזאַ נידערטרעכטיקן, ווילדן און פּראָוואָקאַטאָרישן קאַמף קעגן דער ייִדישער געגנט". און ווײַטער: „דער פירער פון דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פּאַלעסטינער ייִדישער „אַרבעטער־פּאַרטיי" מפא"י בן־גוריון האָט דאָ ניט לאַנג אויף אַן אויפנעם פון זשורנאַליסטן אין ירושלים דערקלערט, אַז „אַ פרישער שונא איז אויפגעשטאַנען נאָך דער וועלט־מלחמה קעגן ציוניזם, דאָס איז דער קאָמוניזם..."

ווײַטער ברענגט פינקעלשטיין דעם אינהאַלט פון אַ דערקלערונג אין „סאָציאַל־פאַשיסטישן" „דבר" פון 1טן דעצעמבער 1934 און שרײַבט: „זיי זענען כּלומרשט ,פאַר' באַזעצן ייִדן אויף ערד אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַבי אײן זאַך — ניט ביראָבידזשאַן אַלס אַ לײַכטטורעם פאַרן ייִדישן פאָלק".

פינקעלשטיין דערדעדט זיך אין אַ יידן־פּרעסערישן אַרטיקל פון 22סטן מײַ 1936 צו דעם, אַז „די אַראַבישע מאַסן ווערן אַ ריזיקע אומאויפהערלעך אַנוואַקסנדיקע קראַפט, וועלכע וועט סוף־כּל־סוף אַפּראַמען פון איר וועג סײַ די ציוניסטישע קאָלאָניזאַטאָרס, סײַ די ענגלישע פאַרכאַפּערס".

אין דער באַגריסונג וואָס די ווײַסרוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און רעגירונג האָבן געשיקט צום 2טן יאָרטאָג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז „ביראָבידזשאַן איז אַ קבר פאַרן ציוניזם, פּועלי־ציון און בונד".

אין יוני 1936 באַווײַזן זיך אַלץ נײַע און נײַע אַרטיקלען קעגן ציוניסטן, קעגן ציוניזם. אַ שטייגער: „זעלבסטמאָרדן אין ארץ־ישׂראל — אַ גאַנצע כוואַליע. די סיבה — אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער".

פון יאָר צו יאָר ווערט דער קאַמף אַלץ מער פאַרביסן: „מיר דאַרפן פאַרצענפאַכן אונדזער רעוואָלוציאָנערע באָלשעוויסטישע וואַכזאַמקייט און פונאַנדערוויקלען אַ, ווי קיין מאָל, אומברחמנותדיקן, אומבשלומדיקן עכט־באָלשעוויסטישן סטאַלינישן קאַמף קעגן אַלערליי פײַנד — טראָצקיסטישע, בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע, ציוניסטישע און אַלערליי אַנדערע פאַררעטערס, שעדיקערס, שפּיאָנען און מנוולים" — שרײַבט זיך אין לייט־אַרטיקל פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" דעם 16טן יוני 1937.

וואָס מער עס פאַרשטאַרקט זיך דער קאַמף קעגן ציוניזם, אַלץ מער ציטערט די הויט אויף די ביראָבידזשאַנער אײַנוווינערס — נאָר ניט אַרײַנ־פאַלן אין דער רשימה פון פאַרדעכטיקע אין סימפּאַטיע צום ציוניזם...

די מוילפּאַסט

עס דערגייען צו אונדז מיט אַ פאַרשפּעטיקונג שרעקלעכע ידיעות, אַז מ'האָט פאַרמאַכט דעם קיִעווער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור. וועגן דעם שטויסן מיר זיך אויף אָן פון די ידיעות אין די צײַטונגען, אַז מ'האָט דאָרטן געדרוקט די „קאָנטררעוואָלוציאָנערן" כינטשין, גאָראָכאָוו, מאַקס עריק. מ'דערמאָנט זיי ווי שׂונאים פון פאָלק...

דער קאָנטאַקט מיט פרײַנד דורך בריוו ווערט וואָס אַ מאָל אָרעמער און אײַנגעשרומפּענער. משה גוטמאַן־קאַמענשטיין פון מאָסקווע האָט אין גאַנצן

אויפגעהערט מיר צו שרײַבן. אָבער מרים כּמעלניצקי פון קיִעוו, מײַן פרײַנד, ווײַזט אַרויס גרויסמוט און געוואַגטקייט. זי הערט ניט אויף מיר צו שרײַבן מיט רמזים וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין אוקראַיִנע אויף דער ייִדישער גאַס: ס׳איז ביטער. זי איז אַן אומפּאַרטײיִשע, איז זי מער באַוואָרנט פון די וואַכזאַמע אויגן, ווי פּאַרטייערס. כ׳מיין, אַז גאָר אויף איר אומענדלעכער געטרײַשאַפט קען איך רעכענען, בעת איך וועל שוין זײַענדיק אין לאַגער איר געבן צו וויסן וועגן זיך. באַמי איך זיך איר איבערצושיקן די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס ליגן בײַ מיר איבעריקע. כ׳היב איר אָן איבערשיקן די בעסערע פון מײַנע יום־טובדיקע בגדים. ווען זי באַקומט דעם ברוינעם קרעפּדעשין, מאַכט זי דעם אָנשטעל, אַז זי איז ביז גאָר גליקלעך און שרײַבט, אַז זי גייט זיך פון אים אַ „ראָסקאָשנע״ קלייד. דאָס געלט, שרײַב איך איר, באַהאַלט, מיר וועלן פאַר דעם פאָרן צוזאַמען אויף אַ קוראָרט דעם קומענדיקן זומער...

גוטע מאַרגאָליס שיקט אַרײַן נאַרישע בריוועלעך פון מאָסקווע מיט אָנצוהערענישן, וואָס מענטשן פון דער נ.ק.וו.ד., וועלכע קאָנטראָלירן מײַנע בריוו, דאַרפן זײַן אידיאָטן ניט צו פאַרשטיין, וואָס און וועגן וועמען זי שרײַבט פאַרשטעלטערהייט. אויב מ׳וועט נעמען אין אַכט, אַז די בריוו קאָנטראָלירן מענטשן, וואָס זענען באַהאַוונט אין דער ייִדישער אַרבעט און ווייסן ווער, וואָס און ווו, וועט פאַר אײַך קלאָר ווערן, אַז לייענענדיק גוטעס בריוו ווייסן זיי גענוי אַלע פּרטים. ווערט דער קאָנטאַקט מיט פרײַנד אין די ייִדישע צענטערס פון ראַטן־פאַרבאַנד וואָס אַ מאָל קלענער און זעלטענער.

בלײַבט אין יענע פינצטערע טעג איבער בלויז די מוילפּאָסט, וואָס ברענגט פון טאָג צו טאָג אַלץ מוראדיקערע נײַסן, וועלכע דאָס בינטל פרײַנד, פאַרבליבענע אויף דער פרײַ, גיבן זיך איבער בסוד־סודות.

אַ חבר נעמט מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט

גאָר אומגעריכט שווימט אַרויס פון פאַרגעסנקייט אַ קלײנינקער פּרט, ווי אַזוי מײַן טײַערער חבר ישׂראל ראַבינאָוויטש נעמט מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט, און איך בלײַב אין גאַנצן אויפן וואַסער. ווי דער לייענער ווייסט שוין פון מײַנע פריִערדיקע ביכער, איז ישׂראל ראַבינאָוויטש, דער עילוי,

נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די אַספּיראַנטור אין אונדזער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור אין קיעוו, געווען דער דירעקטאָר פון ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישן טעכניקום. איך האָב דאָרטן געפירט דעם קורס פּעדאַגאָגיק און אויף אים איז געראָד אויסגעפאַלן דער גורל מיר אָפיציעל צו מעלדן, אַז איך, די אויסגעשלאָסענע פון פאַרטיי, ווער באַפרייַט פון דער אַרבעט, ווייַל די פאַרטיי טרויט מיר ניט צו פירן אַזאַ אידעאָלאָגישן קעגנשטאַנד ווי פּעדאַגאָגיק. די ווערטער האָט ער אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּירל.

מיר ביידע האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן. באַלד האָבן מיר אָבער שטומערהייט זיך אָנגעקוקט, ניט געזאָגט קיין וואָרט, ווייַל וועגט האָבן אויערן... פּלוצעם גיט ראַבינאָוויטש אַ כאַפּ מייַן האַנט און דריקט זי אַזוי שטאַרק, אַזוי וואַרעם, און רעדט דערבייַ ווידער קיין איין וואָרט ניט אַרויס... דאָס געדויערט בלויז אַ רגע. און איך ווייס שוין ניט, אויף וועמען איז מער רחמנות — אויף מיר, די וואָס איז שוין פאַראורטיילט, צי אויף דעם, וואָס פירט אויס דעם פּסק־דין... קיין שום פאַראיבל אויף מייַן ליבן חבר האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט, אַפילו קיין שמץ ניט. אַזעלכע זאַכן זענען איצט אַ געוויינטלעכע דערשייַנונג. איך האָב שוין מער די שוועל פון זייַן קאַבינעט ניט אַריבערגעטראָטן. ס׳וואָלט געווען ניט עטיש אייַנצושטעלן דעם גוטן נאָמען פון מייַן חבר און זייַן פרוי ליזע באַראַדיאַנסקי. אָבער ער האָט יאָ זיך דערוועגט און שטאַרק ריזיקירט. ווען ס׳פלעגט שוין ווערן פינצטערלעך, פלעגט ער פון צייַט צו צייַט זיך אַרייַנכאַפּן צו מיר אין מייַן צימערל. זייַן ריי איז געקומען אַ ביסל שפּעטער. מ׳האָט אים צוגענומען, און זייַן שפּור איז פאַרשווונדן.

אין די ווענט פון ביראָבידזשאַנער נ.ק.וו.ד.

ס׳קומט אַרייַן בנימין גאָלדפייַן, אַ פינצטערער ווי די נאַכט, און רעדט צו מיר שטיל: „אסתּר, איר דאַרפט הייַנט 12 אַ זייגער זייַן אין דער נאָר וואָס אויסגעבויטער הילצערנער געביידע פון נ.ק.וו.ד., צימער דער און דער״. מער ריידן מיר קיין וואָרט ניט. ער זיצט נאָך אַ ווייַלע און גייט אַוועק, אַ טיף געבויגענער. זייַנע גרויסע מאַנדל־אויגן זענען איבערפולט מיט צע־טומלעניש און טרויער.

קוים זיך דערוואָרט אויף ניסנען. צוזאַמען קאָנטראָלירן מיר דאָס שטענ־דיק גרייטע פּעקל מיט די נייטיקסטע זאַכן, צי אַלץ איז פאַראַן, צי האָב איך גאָרניט ניט פאַרגעסן. כ׳שלעפּ אַרויף אויף די פיס די וואַליקעס, טו אָן די וואַרעמסטע בגדים. אין די קעלערן פון ביראָבּידזשאַנער נ.ק.וו.ד. איז מוראדיק קאַלט, ניט געקוקט אויף דער גוואַלדיקער ענגשאַפט, וואָס הערשט דאָרטן.

ווען מען רופט דיך אין נ.ק.וו.ד. דאַרף דיך קיינער ניט באַגלייטן. צו וואָס צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די איבערגעטאָגענע אין ציווילע קליידער? ס׳האָט געטראָפן, אַז דעם באַגלייטער האָט מען ביים אַריינגאַנג באַפוילן מיטגיין און אויך אים איינגעזעצט. דערפאַר האָט מיך ניסן ניט באַגלייט. מיין טשעמאָדאַן איז אַ גאַנץ שווערער, קוים זיך דערשלעפּט אויפן צווייטן שטאָק, כ׳לאָז אים שטיין פאַר דער טיר פון דעם, וואָס רופט מיך אַרויס. דאָ גנבעט מען זיכער ניט — טראַכט איך. צו גרויס וואָלט געווען די שטראָף...

געפרעגט דער עיקר אויף גאָלדע ליס, וועלכע מ׳האָט שוין געהאַט דעמאָלט צוגענומען. זי איז דאָך געווען די איינציקע, וועלכע האָט מיך געפּרוווט פאַרטיידיקן, ווען מ׳האָט מיך אויסגעשלאָסן פון פאַרטיי. „איר קענט זי פון פוילן?" — „ניין, פון קיִעווער טריקאָטאַזש־פאַבריק". „מיר ווייסן שוין: דאָרטן איז זי געווען אַ דעמאַגאָג, געהאַלטן דעמאַגאָגיש־שרייענדיקע רעדעס, גערופן צו שטרייקן". ס׳העלפט ניט מיין דערווידערן: „קיין מאָל האָב איך פון איר מויל אַזוינס ניט געהערט". אָבער — „ער ווייסט בעסער פון מיר" — פאַרזיכערט ער מיך.

און צום סוף: „מיר האָבן געהאַפט פון אייך עפּעס וויכטיקערס זיך צו דערוויסן וועגן גאָלדע ליס".

„וואָס איך ווייס וועגן איר, האָב איך געזאָגט".

אַזוי ענדיקט זיך בשלום מיין ערשטער וויזיט אין די ווענט פון דער נ.ק.וו.ד.

בנימין גאָלדפּיין איז אַרעסטירט געוואָרן אַ ביסל שפּעטער. אים האָט אָפּגעגליקט: מ׳האָט אים נאָך אַ קורצער צייט אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, צוזאַמען מיט נתן קאָרמאַנען.

די אויסגעליידיקטע פּאַנזעס

„אסתּר איז פֿאַרליבט אין די קאָרעער" — פֿלעגן מײַנע חברים שפּאַסן. מײַנע סענטימענטן צו די דאָזיקע שיפּאָוויגיקע אײַנוווינערס פֿון אונדזער געגנט זענען טאַקע גרויס. דאָרטן, אין צענטער פֿון לאַנד, איז מיר קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו לעבן צווישן אַזיאַטן. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל אויף אויג זיך באַגעגנט מיט זיי. איז מײַן נײַגער געווען גרויס און כ'פֿלעג אויסניצן יעדע געלעגנהייט זיך צוצוקוקן פֿון דער נאָענט צו זייער שטייגער און מאָראַלישן מהות, מיט פֿרייד אויפֿגענומען זייערע אײַנלאַדונגען צו זיי אַהיים און גערן באַזוכט די קאָרעיִשע שולן.

ווער ס'האָט געוואָלט וויסן דעם שטייגער און דערגיין אַ ביסל געשיכטע פֿון די קאָרעער, האָט קודם־כּל באַדאַרפֿט פֿאָרן אין דעם גרויסן אַלטן קאָרעיִשן דאָרף בלאַגאָסלאַוועניאַ, אויפֿן וועג צווישן סטאַלינסק און אַמורזעט.

צוצוקומען צו בלאַגאָסלאַוועניאַ איז שוין אָנהייב האַרבסט געווען ביז גאָר שווער, ווײַל די זומערדיקע שלאַקסרעגנס מאַכן שטאַרק קוואַטשיק דעם דאָרטיקן ליימיקן באָדן. און דאָס האַלט אָן ביז אין שפּעטן פֿרילינג אַרײַן. ווײַל וואָס מער עס צעגייען די פֿלאַסטן שניי, אָנגעהויפּטע אין משך פֿון לאַנגן ווינטער, אַלץ קלעפּיקער ווערן די שוועך־ליימיקע, ניט ברוקירט ערדמאַסיוון, וועלכע פֿירן צום דאָרף.

די קאָרעיִשע באַפֿעלקערונג איז צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן ווײַט־מיזרח־דיקן קאַנט. ווען איך בין אָנגעקומען אין דער ייִדישער געגנט, איז אַ היפּשע צאָל לערן־אַנשטאַלטן געפֿירט געוואָרן אין זייער מוטערשפּראַך.

בײַ אונדז אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָבן עקסיסטירט פֿיר קאָרעיִשע דאָרפֿסראַטן, 7 קאָרעיִשע קאָלווירטן, 11 קאָרעיִשע שולן, קאָרעיִשע לייענשטיבלעך, אַ דראַמקרײַז בײַם ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיקי". לויט אַ ספּעציעלער באַשטימונג פֿון געגנטלעכן אויספֿירקאָם האָט מען באַדאַרפֿט וואָס גיכער די געשעפֿט־פֿירונג אין די קאָרעיִשע דאָרפֿסראַטן און אין די קאָרעיִשע קאָלווירטן אַריבערפֿירן אויף זייער מוטערשפּראַך.

די קאָרעער זענען נידעריקע אין וווּקס, פֿיזיש שוואַכע, אויסערלעך דער־שלאָגענע, שטאַרק צוריקגעהאַלטענע, שטילע מענטשן. זעלטן ווער פֿון זיי איז אַ מאָל אַרויסגעפֿאָרן פֿון דאָרף, נאָך ווייניקער זענען געפֿאָרן מיט דער באַן. ביז די סאָוועטן האָבן אײַנגענומען דעם ווײַטן מיזרח, האָבן זיי געדינט ווי באַטראַקעס בײַ די אַלט אײַנגעזעסענע רײַכע ערד־באַזיצערס.

דער רוב פון די קאָרעער, מיט וועלכע מיר קומט אויס צו זײַן אין קאָנטאַקט, איז ניט עברידיק און רעדט זייער אַ שוואַכן רוסיש. און דאָך ווערט פון יעדער באַגעגעניש מיט זיי אַלץ בולטער זײַער לעבנס־חכמה, זייער אײַנגעבוירענע אינטעליגענץ, איידלקייט און זעלסבטווירדע.

זיי ווינען אין פאַנזעס, געבויטע פון ערד און גראָז. אינעווייניק איז אויסגעקאַלכט און געראַם. די דילן זענען פון געלן ליים מיט זאַמד און שטרוי געקנאָטן, און זאָרגעוודיק אויסגעגלעט. אין סאַמע מיטן שטוב שטייט אַן אויוון אויף צו באַוואַרעמען די פאַנזע און אויף צו קאָכן. דער אויוון איז אײַנגעבויט אין דער ערד, און כּדי אײַנצוהייצן אים, דאַרפט איר זיך אַראָפּלאָזן אויף עטלעכע טרעפּלעך. דער לײמענער דיל איז באַדעקט מיט שיינע צינאָוור־קעס, געפלאָכטענע פון רײַזשטרוי. אויף זיי שלאָפט מען. אויף איינער אַזאַ ליגט אַקוראַט צוזאַמענגעלייגט דאָס בעטגעוואַנט פון דער גאַנצער משפּחה. זיצן זיצט מען אויף נידעריקע בענקעלעך בײַ נידעריקע טישלעך. דאָ איז ריין און געמיטלעך. די גאַסטפרײַנדלעכקייט — אין־לשער.

די געניטע אַרבעטערס אויפן ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיקי״ זענען ס׳רוב קאָרעער. זייער דירעקטאָר איז זינט 1934 ראובן שטיין, דער ייִדישער איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד, אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי. קען ער זיך ניט אַנלויבן פון זייער געטרײַער, שטילער אַרבעט. פאַראַן צווישן זיי באַקאַנטע שלאָגלערס און סטאַכאַנאָווצעס: קים־דאָ־איך איז באַרימט אויפן גאַנצן ווײַטן מיזרח. דאָ אַרבעט אויך אַ ביסל כינעזער, ייִדן און רוסן. אין דעם קינדער־גאָרטן בײַם זאַוואָד זינגען קאָרעישע קינדערלעך ייִדישע לידער און ייִדישע קינדער — קאָרעישע. צוזאַמען טאַנצט מען די פּרעכטיקע קאָרעישע פּאָלקס־טענץ.

דעם לערער־קאָלעקטיוו פון דער קאָרעישער מיטלשול אין בלאַגאָסלאָ־ווענאַיאַ האַלט מען אין אײַן לויבן אַ דאַנק זייער אַקטיווער קולטור־אַרבעט אין קאָרעישן קאָלווירט „וואָראָשילאָוו״.

די קאָרעער זענען אַ סך לאָיאַלער צו דער ייִדישער אָנפירונג מיט דער געגנט ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַגב, האָט מען נאָך קיין מאָל פון זיי ניט געהערט קיין אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונג. געווען אַפילו עטלעכע געמישטע חתונות פון קאָרעער מיט ייִדישע מיידלעך, אָפּשטאַמיקע פון קליינע שטעטלעך. איינע אַזאַ האָט אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג בײַ נאַטשאַלסטווע. דער חתן איז געווען אַ קאָרעישער אַרבעטער, די כּלה — אַ קוואַליפיצירטע קעכין.

שיקט מען אַ דעלעגאַציע אויף דעם יום־טוב לכּבוד דעם 2טן יאָרטאָג פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט (10טער מיי 1936), געפינען זיך אין איר באַשטאַנד אויך קאָרעער. די פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער געגנט געטרויט זיי אָנצופירן מיט אַנשטאַלטן, מיט קאָלווירטן, און נעמט זיי גערן אָן ווי קאַנדידאַטן צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פאַראַן אַפילו עטלעכע קאָרעער, וועמען מען געטרויט צו האַלטן פאַרטראָגן וועגן 17טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

אין די יידישע און רוסישע געגנטלעכע ראַדיאָ־אוידיציעס קענט איר הערן טראַנסלאַציעס וועגן דער אויסגעצייכנטער באַציונג צו דער אַרבעט מצד באַזונדערע קאָרעער — ניט בלויז אין זייערע קאָלעקטיוון און אויפן ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיקי”, ווו זיי זענען דער רוב, נאָר אויך אויף דער מעבל־פאַבריק „דימיטראָוו” און אומעטום ווו זיי ווערן באַשעפטיקט.

דער קאָרעער צאַן־טשען־לי, וואָס אַרבעט אויף „קירפּיטשיקי”, ווערט געוויילט פאַר אַ מיטגליד פון ביראָבידזשאַנער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. דער דירעקטאָר פון דער קאָרעישער שול א״נ פון קיראָוון אין בלאַגאָסלאָווענאָיאָ איז אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ (4טער יוני 1935).

דער אַקטיוויסט טען אַנדריי פון קאָרעישן קאָלווירט א״נ פון קאַרל ליבקנעכט האַלט אַ פייערדיקע רעדע אויפן ערשטן געגנטלעכן צוזאַמענפאָר פון שלאָגלערס־קאָלווירטניקעס און דעם 30סטן מיי 1935 ווערט ער איינשטימיק אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון ביראָבידזשאַנער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

און ווען דער קאָרעער כאַן, דער אָרדנטרעגער און דער ערן־אייזנבאַנער פון דער באַנסטאַנציע אין, אַ דעלעגאַט צום צווייטן געגנטלעכן צוזאַמענפאָר, ווערט גערופן צו פאַרנעמען זיין אָרט אין פּרעזידיום, באַשענקען אים די איבעריקע דעלעגאַטן מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1936. „אין דער נייער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע” — זאָגט דעמאָלט כאַן מיט פּאַטאָס — „איז יעדער אות ווי אַ ליכטיקער שטערן”. און אַ ביסל שפּעטער: „איך אַרבעט געוויסנהאַפט, מיטן גאַנצן האַרצן... מיין געטרייע אַרבעט איז דער בעסטער דאַנק אונדזער פּאַרטיי, אונדזער רעגירונג, אונדזער טייערן חבר סטאַלין פאַרן גליקלעכן לעבן פון די אַרבעטנדיקע קאָרעער אין ראַטן־פאַרבאַנד...” כאַנס פאָטאָגראַפיעס באַשיינען די זייטן פוןביידע געגנטלעכע צייטונגען — דער יידישער און דער רוסישער.

דעם פּאָפּולערסטן קאַרעישן פּאַרטיי־טוער רופט מען אַלעקסאַנדער עם. ער איז אַ חשובער דעלעגאַט אויף דער צווייטער געגנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, און דאָ, סוף מײַ 1937, ווערט ער אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון דער העכסטער אינסטאַנץ פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט. להיפוך צו די ווייניק פאַדערנדיקע חברים זײַנע, שמט אַלעקסאַנדער מיט זײַן מוט און נאַציאָנאַלער דרייסטקייט. ער פאָדערט, אַז די גלײַכבאַרעכטיקונג פון זײַן קאָרעיש פאָלק זאָל זײַן ניט בלויז פאַרשריבן אויפן פּאַפּיר, נאָר זאָל אַדורכגעפירט ווערן אין לעבן. אָט איז דער תּמצית פון איינער אַ רעדע זײַנער:

1. די קאָרעישע קאָלווירטן ווערן ווייניק באַדינט אויף זייער מוטער־שפּראַך. די דאָזיקע עוולה מוז תּיכּף ווערן ליקווידירט; 2. ס׳זענען כּמעט ניטאָ קיין לערנביכלעך אין דער קאָרעישער שפּראַך. דאַרף מען זיי וואָס גיכער שאַפן; 3. אין די געגנטלעכע און ראַיאָנישע אַפּאַראַטן מוזן אַרבעטן אַנגעשטעלטע וואָס קענען קאָרעיש.

און ווען ער דערציילט מיט אויפרעגונג, אַז אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג האָט מען אים ניט געגעבן קיין וואָרט, ווײַל ס׳איז ניט בײַגעווען קיין איבער־זעצער, הערן זיך פון זאַל אויסרופן: „דאָס איז אַן אַנטיסאָוועטיש שטיקל אַרבעט! מ׳דאַרף דעם ענין גוט אויספאָרשן, און די שולדיקע באַשטראָפן!״

*

ווען אין יאָר 1936 האָט זיך לויטן באַפעל פון מאָסקווע אויפגעהויבן איבערן גאַנצן לאַנד אַ גראַנדיעזע קאַמפּאַניע פון זאַמלען אַרבעטער־גראָשנס פאַר די קעמפערס פון בירגערקריג אין שפּאַניע, האָבן אין אונדזער יידישער געגנט דווקא אָרעמע קאָרעער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער ברייט־האַרציקייט. און ניט בלויז די דערוואַקסענע, נײַערט אויך זייערע הונגעריקע, האַלב נאַקעטע קינדערלעך זענען ניט אָפּגעשטאַנען פון זייערע עלטערן.

ווי קען איך פאַרגעסן די טיפע געריִרטקייט מײַנע, בעת כ׳האָב דעמאָלט געלייענט דאָס בריוועלע, וואָס די קאָרעישע קינדערלעך האָבן בײַגעלייגט צו די צונויפגעזאַמלטע גראָשנס, וועלכע זיי האָבן צוגעשיקט אין די רע־דאַקציעס פון די יידישע און רוסישע ביראָבידזשאַנער צײַטונגען? דאָס דאָזיקע בריוועלע היט איך ווי אַ טײַערן אָנדענק און ווען איך שרײַב עס דאָ איצט איבער פאַרן לייענער, פאַרקלעמט מיך ווידער בײַם האַרצן. לייענט עס און כ׳בין זיכער — איר וועט ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו אים:

...„מיר האָבן אויפגעקליבן די קאָפּיקעס, וואָס מיר זאַמלען אויף קויפן

זיך פּענעס, העפטן, טינטערס, און בעטן די רעדאַקציע, זי זאָל אונדזער געלט — 16 רובל מיט 50 קאָפּיקעס — וואָס גיכער איבערשיקן די שפּאַנישע קינדער. מיר טראַכטן איצט יעדן טאָג וועגן דעם, ווי אַזוי שפּאַנישע קינדער וועלן זיך פרייען מיט אונדזער מתּנה און זיי וועלן קויפן קאָנפעטן, בולקעלעך, שיך און מאַנטלען צום ווינטער".

צי פילט איר ניט דעם גרויסן דלות, אין וועלכן די ענטוזיאַסטישע געלט־זאַמלערס פאַרברענגען זייערע קינדער־יאָרן? און דאָך פאַרגעסן זיי ניט צוצוגעבן וועגן זייער „גליקלעכער קינדהייט", מיט וועלכער דער פאַטער פון די פעלקער באַשענקט זיי, און צום סוף פון בריוועלע שרײַבן זיי צו די שפּאַנישע קינדער בזה הלשון:

„אונדז, ביראָבידזשאַנער קינדער, פעלט גאָרניט... מיר דערנערן זיך גוט"...

יאָ, אַזוי ענדיקן די הונגעריקע קאָרעישע קינדער זייער ביז דאַנען אויפריכטיקן בריוועלע: „מיר דערנערן זיך גוט". אַ, וויפל אויפגעצוווּנגענעם ליגן פאַרמאָגט דער דאָזיקער לעצטער זאַץ! אָבער אָן אים וואָלט דאָך קיין שום רעדאַקציע דאָס בריוועלע ניט אָפּגעדרוקט. דערפאַר בעט איך אײַך: האָט ניט קיין פאַראיבל אויף די קאָרעישע קינדער, ניט זיי זענען שולדיק אין דער דאָזיקער צביעותדיקער צושריפט!

האָרט פאַר זייער גרויסן אומגליק, וועגן וועלכן ס'וועט גיין אַ רייד אַ ביסל ווײַטער, ווערט מיט גרויס פּאָמפּע צונויפגערופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג מיטן ציל אונטערצושטרײַכן די גרויסע דערגרייכונגען פון דער אַרבעט צווישן דער קאָרעישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע באַראַטונג קומט פאָר אין יאַנואַר 1937 און ניט אַבי ווו, נאָר אין סאַמע געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ס'הייסט, אין דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אָט זענען עטלעכע פּרטים, וואָס דאַרפן דאָס באַשטעטיקן: מיט שטאָלץ ווערט דאָ געמאָלדן, אַז אויפן ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיקי" זענען העכער ווי 50 פּראָצענט אַרבעטערס — קאָרעער, און אַז אין קאָלווירט „קאַרל ליבקנעכט" זענען כּמעט אַלע קאָלווירטלערס (95%) קאָרעער. אַלע קאָרעישע קינדער לערנען זיך אין זייער מוטערשפּראַך, אָבער ניט בלויז קינדער, אויך דער־וואַקסענע קאָרעער באַפרײַען זיך פון זייער דורותדיקן אַנאַלפאַבעטיזם. אין משך פון דער צײַט וואָס אונדזער ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט עקסיסטירט, האָבן מיר באַוויזן צו ליקווידירן דעם אַנאַלפעביטזם בײַ אַ באַטײַטיקער צאָל קאָרעער און קאָרעערינס, בעיקר בײַ די, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן

ווי מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון קאָמיוג. ס׳איז געווען אַ קאָרעיִשע ביבליאָטעק און אַפילו אַ קאָרעיִשער דראַמקרײַז. איינער אַן אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג נעמט אַ וואָרט און דערציילט מיט שטאָלץ, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער איבערגעלעבט אַ דערהויבענע רגע: בײַם אַרײַנקומען אין אַ קאָרעיִשער פּאַנזע האָט ער דערזען, ווי דער זון פון בעל־הבית, דער נעכטיקער אַנאַלפאַבעט, לייענט פאַר דער גאַנצער משפּחה די קאָרעיִשע צײַטונג „אַוואַנגאַרד".* האָט איר באַדאַרפט הערן און זען, מיט וויפל פריידיקע אַפּלאָדיסמענטן דער עולם האָט אויפגענומען די דאָזיקע דערגרייכונג.

אין דער רעזאָלוציע, וואָס ווערט צום סוף פון דער באַראַטונג פאָרגע־לייענט, ווערט געזאָגט: „די אַלע דערגרייכונגען האָט די קאָרעיִשע באַפעל־קערונג פון אונדזער געגנט צו פאַרדאַנקען דער גרויסער טאָג־טעגלעכער זאָרג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און קודם־כּל פון אונדזער פירער — דעם חבר יוסף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין פּערזענלעך". די באַראַטונג פאַר־ענדיקט זיך פײַערלעך, אַלע שטייען אויף און מען זינגט מיט גרויס פּאַטאָס דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און צו די אויסרופן „זאָל לעבן די אַלפאַרבאַנדישע קאָמפּאַרטיי!", „זאָל לעבן דער פירער פון די פעלקער סטאַלין!" — נעמט גאָר קיין סוף ניט.

אין דער אמתן איז די עקאָנאָמישע לאַגע און די קולטור־אַרבעט בײַ די קאָרעער פיל נעבעכדיקער ווי בײַ ייִדן און רוסן. בלויז אַ בלינדער קען ניט זען, אַז אויף דער גאַנצער קאָרעיִשער באַפעלקערונג ליגט אַ חותם פון שרעקלעכן דלות. כ׳וועל דאָ ברענגען עטלעכע פאַקטן.

די קאָרעיִשע שולן געפינען זיך בדרך־כּלל אין די ערגסטע, ניט צוגע־פּאַסטע געביידעס. אַפילו קיין פּראָגראַמען פון דער קאָרעיִשער שפּראַך פאַר־מאָגן מיר ניט. די מעטאָדישע אָנפירערס פון די שולן זענען אַליין ווייניק עיברידיק.

אין אונדזער געגנט איז פאַראַן בלויז איין און איינציקע ניט־פולע קאָרעיִשע מיטלשול, און די שילערס, וואָס ענדיקן זי, זענען געצוווּנגען ממשיך צו זײַן זייער בילדונג אין די עלטערע קלאַסן פון די רוסישע מיטלשולן. אָבער די זייער שוואַכע קענטענישן בכלל און אין דער רוסישער שפּראַך בפרט

* „אַוואַנגאַרד", אַ קאָרעיִשע צײַטונג, פלעגט דערשײַנען אין קאַנטישן צענטער כאַ־באַראָווסק, אָבער פלעגט זייער זעלטן אָנקומען אין דער ייִדישער געגנט.

שטערן זיי צו זײַן גוטע תּלמידים. בלײַבט אַ גרויסער טייל קאָרעיִשע קינדער זיצן צוויי יאָר אין זעלבן קלאַס. ווייל די אָנפירונג פון די רוסישע שולן דאַס גיט לײַדן און מאַכט כּלערלײַ געזעצלעכע און אומגעזעצלעכע שוועריקייטן בײַם אָננעמען זיי.

אַ שאַנד צו דערציילן, אָבער דאָס וואָס אויף דער באַראַטונג ווערט אָנגערופן מיט הויכע ווערטער — מיר פאַרמאָגן צוויי (צי דרײַ) קאָרעיִשע ביבליאָטעקן, מיינט אין דער אמתן — עטלעכע צענדליק פּאָליטישע בראָשורן, וואָס ליגן זיך רויִק אָן נוצן ערגעץ אין ווינקל אויף אַ פּאָליצע.

און דער קאָרעיִשער דראַמקרײַז איז ממש אַ לעכערלעך פּרימיטיווע פּאַראָדיע.

די גאַנצע נעבעכדיקייט פון די דאָזיקע „אויפטוען" האָט די קאָרעיִשע באַפעלקערונג אויפגענומען פאַר אַ גוטער מטבע, און ווו נאָר געקענט, אַרויס־געוויזן איבערגעגעבנקייט און דאַנקשאַפט צו זייערע אַפּוטרופּסים.

דער לייענער גיט מן־הסתם אַ טראַכט: צו וואָס דאַרף די אויטאָרין ברענגען אַזוי פיל נעמען פון קאָרעער און באַשרײַבן זייער מענטאַליטעט, זייער פּאַטריאָטיזם און אויפטוען. כ'טו עס מיט אַ כּיוון. ברענג די אַלע פּרטים, ווײַל מיר דאַכט זיך, אַז זיי וועלן בולטער מאַכן דעם שרעקלעכן, אומזיניק־אַכזריותדיקן פאַרברעך, וואָס דער זעלבער גאָט, צו וועמען זיי האָבן אַזוי געטרײַ געדינט, איז באַגאַנגען לגבי זיי.

דאָס איז געשען אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1937. אין אַ העלן טאָג זענען אומגעריכט אויסגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן אַלע קאָרעיִשע קאָלווירטן און פון דעם ציגל־זאַוואָד „קירפּיטשיקי", ווו זיי, די שוויצגעווידיקע קאָרעער, זענען די הויפּט־אַרבעטקראַפט. אין זעלבן טאָג איז פּלוצעם פאַר־שוווּנדן די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַלע קאָרעיִשע מיניאַטורע יִשובימלעך און פון דעם גרעסטן קאָרעיִשן דאָרף בלאַגאָסלאָווענאַיאַ. די טירן פון אַלע קאָרעיִשע שולן זענען הײַנט פעסט פאַרשלאָסן, ניטאָ קיין תּלמידים, ניטאָ קיין לערערס...

יענעם טאָג זענען געבליבן פּוסט און לידיק די ווײַסגעקאַלכטע פאַנזעס און אויף די געמיטלעך אויסגעשפּרייטע ציגאַוּוקעס זיצט שוין קיינער ניט און קיינער באַגעגנט אײַך שוין ניט מיט קיין גאַסטפרײַנדלעכן שמייכל. און אין אָוונט שרעקט אונדז, די צופעליקע פאַרבײַגייערס, די פּוסטקייט. מײַדט מען זיי אויס, די פינצטערע פאַנזעס.

פּלוצעם איז אויך דאָס ביראָבידזשאַנער קליין פּריוואַט מערקל מיט

זײַנע עטלעכע ניט־געהובלטע, פֿון רעגן שוואַרץ געוואָרענע הילצערנע טיש־לעך — ליידיק געוואָרן. ניטאָ מער די קאַרעערינס מיט זייער ביסל גרינס (עטלעכע בינטלעך רעטעכלעך, גרינע ציבעלקעס, אַ פּריש מערעלע, אַ קעפּל קנאָבל, קרויט), וואָס זיי פֿלעגן אויסהאָדעווען זיצנדיק שעהען לאַנג בײַ דער פּײַכטער ערד אויף זייערע פּיצינקע נידעריקע פּוסבענקעלעך. איר גיט מן־הסתּם אַ טראַכט: גרינס? אַזאַ קלייניקייט לוינט אויך צו דערמאָנען? אָבער אָן דעם דאָזיקן ביסל גרינס וואָלטן די ביראָבידזשאַנער, איבערהויפּט די קינדערלעך אונדזערע, ניט אויסגעמיטן די שרעקלעכע פּלאָג, דעם אַוויטאַמינאָז, וואָס דאָ נעמט ער אָן די פֿאָרעם פֿון סקאָרבוט (צינגאָ). איצט איז דאָס אַלץ פֿאַרשוווּנדן.

וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען? ווו איז בליץ שנעל אַהינגעקומען יעדער שפּור פֿון די 10 פּראָצענט באַפּעלקערונג פֿון אונדזער געגנט? דער ענטפֿער באַשטייט פֿון איין איינציקן וואָרט: דעפּאָרטאַציע. דאָס הייסט, אין יענעם טאָג האָט מען די גאַנצע קאָרעיִשע באַפּעלקערונג פּראָסט און פּשוט אַרויסגעטריבן פֿון דער געגנט.

יונגע און אַלטע, שוואַנגערע פֿרויען, וועלכע דאַרפֿן הײַנט־מאָרגן גיין צו קינד, זויגקינדער, מיטגלידער פֿון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, קאָמסאָמאָלצעס און ווייניק־עברידיקע שוואַרצאַרבעטערס — אַלע, אַלע אָן אויסנעם האָט מען זיי אַרײַנגעזעצט אין אַן עשעלאָן, און צוגעגאַנגען איז דאָס אָן רעש, שאַ־שטיל, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער אָרגאַניזירטקייט... און דער איבערגעפּאַקטער צוג איז אָן אַ פֿײַף אָפּגעפֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון מערב — וואָס ווײַטער פֿון יאַפּאַן — דעם הויפּט־שׂונא... אין אַ טאָג אַרום האָבן זיך איבער ביראָבידזשאַן פֿונאַנדערגעטראָגן אימהדיקע קלאַנגען: מ׳האָט דעם איבערגעפּולטן מיט קאָרעער עשעלאָן אַראָפּגעלאָזט פֿון אַ משופּעדיקן בערגל אין אָפּגרונט אַרײַן! בלויז דער מאַשיניסט און זײַן געהילף האָבן באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פֿון לאָקאָמאָטיוו!

וויפֿל קאָרעער האָבן זיך געראַטעוועט? וויפֿל האָבן געפֿונען זייער טויט אונטער די וואַגאָנען? ווער קען עס וויסן.

ווער ס׳האָט אין יענע טעג ניט געזען, ווי די כינעזער זענען אַרומגעגאַנגען געבויגן אין דרײַען, דער האָט קיין פּחד ניט געזען. פֿון זייערע דערשראָקענע אויגן האָט אַרויסגעלייענט: הײַנט די קאָרעער, מאָרגן מיר...

די סאָוועטישע פּרעסע האָט, ווי שטענדיק, וועגן פֿאַרברעכערישע מעשׂים פֿון דער מאַכט, געשוויגן. ניין, כ׳בין ניט פּינקטלעך. דאָס מאָל האָט זי דווקא

יאָ רעאַגירט, און ניט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל דעם 29סטן נאָוועמבער 1937. אין די צײַטונגען פֿון יענעם טאָג האָט זיך באַוויזן אַ ידיעה, וועלכע איך ציטיר זי וואָרט בײַ וואָרט:

„אין פּאָלקאָמאויסערן. די יאַפּאַנישע געזאַנדשאַפֿט האָט דערקלערט דעם פּאָלקאָמאויסערן אַ פּראָטעסט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער איבערוואַנדערונג פֿון די קאָרעער, וועלכע וווינען אין ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט. אין אַן ענטפֿער־נאָטע האָט דער פּאָלקאָמאויסערן אַנטשיידן אָפּגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן פּראָ־טעסט, אָנווײַזנדיק דערויף אַז ער קען ניט אָנערקענען פֿאַר דער יאַפּאַנישער געזאַנדשאַפֿט דאָס רעכט אַרײַנצומישן זיך אין דער פֿראַגע וועגן די קאָרעער, וועלכע זענען סאָוועטישע בירגער. (טאַסס).״

די דאָזיקע צביעותדיקע מעלדונג וועגן דעם שוידערלעכן פֿאַרברעכן, וואָס ווערט דאָ אָנגערופֿן מיטן אומשולדיקן וואָרט „איבערוואַנדערונג״, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ווינקל, סך־הכל אין 13 שמאָלינקע קורצע שורהלעך און וועגן דעם מערדערלעכן אומברענגען פֿון די „איבערוואַנדערער״ ווערט, פֿאַרשטייט זיך, מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט.

איצט לייענט די צווייטע אָפֿיציעלע ידיעה וועגן דאָזיקן פֿאַרברעכן. דאָס מאָל האָט זי ניט צופֿעליק פֿאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער פּילשפּראָ־כיקער פּרעסע פֿון גאַנצן לאַנד, ווײַל געווען איז דאָס אַ באַשטעטיקונג וועגן אַן ערשטראַנגיקן „פּאַטריאָטישן אויפֿטו״ פֿון סאָוועטישע בירגערס, און פֿאַר־עפֿנטלעכט זי האָט ניט מער און ניט ווייניקער ווי דער צ.ק. פֿון דער אַלפֿאַר־באַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צוזאַמען מיטן ראַטפֿאָלקאָם פֿון פֿססר:

„22סטער דעצעמבער 1937.

אין ראַטפֿאָלקאָם פֿון פֿססר און צק אַלקפּ(ב).

פֿאַר אויספֿילן מוסטערהאַפֿט און פּינקטלעך אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַר־געבונג פֿון דער רעגירונג אויפֿן טראַנספּאָרט, האָבן דער ראַטפֿאָלקאָם פֿון פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר און דער צק אַלקפּ(ב) דערקלערט אַ דאַנק דעם נאַטשאַלניק פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פּאָלקאָמאינערן פֿון ווײַט־מיזרחדיקן קאַנט, דעם ח׳ ליושקאָוו ה.ס., דעם גאַנצן קאָלעקטיוו מיטאַרבעטערס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פּאָלקאָמאינערן פֿון דער ווײַט־מיזרחדיקער אײַזנבאַן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין אויספֿילן די דאָזיקע פֿאַרגעבונג.״

און מ׳וועט די בעסטע צושטעלן צו אַן אויסצייכענונג...

לייענסט, און אַ שטילע קללה רײַסט זיך אַרויס פֿון דײַן האַרץ קעגן די אומפֿאַרשעמטע מערדערס פֿון אומשולדיקע מענטשן.

רעקוויעם

שאַפן אַ לעקסיקאָן און שאַפן אַ דענקמאָל

כ׳מיין, אַז ס׳דאַרף געשאַפן ווערן אַ לעקסיקאָן פון די פאַרטיליקטע ביראָבידזשאַנער איבערוואַנדערערס, סײַ פון די וועלכע זענען אַהער געקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד און סײַ פון די וועלכע זענען אַהער געקומען פון פאַר־שיידענע עקן וועלט. זייערע נעמען דאַרפן און טאָרן ניט פאַרגעסן ווערן. אין דער שטיל פאַר זיך וואָלט איך זיך געווונטשן, אַז אין ירושלים זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַ דענקמאָל, וואָס זאָל דערציילן וועגן דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן זיי זענען אַהין געפאָרן בויען אַ ייִדישע סאָוועטישע מלוכה, און ווי ביטער זיי האָבן זיך געגאַרט. ס׳איז אויך אַ גוואַלדיק דרינגענדיקע אויפ־גאַבע צו שאַפן אַן אמת, וואָס זאָל אויפנעמען גבית־עדות פון די וועלכע זענען נאָך דאָ צווישן די לעבעדיקע.

אַ גרויסער טייל פון די איבערוואַנדערערס האָט גלײַך, באַגעגנדיק זיך מיט דער שוידערלעכערווירקלעכקייט, אָנגעהויבן זיך בונטעווען און פּראָ־טעסטירן. אַזעלכע זענען געפאַלן די ערשטע קרבנות. זיי האָבן זיך ניט אַזוי גיך אָריענטירט. ס׳איז ניט דערגאַנגען צו זיי, אַז מען דאַרף זײַן אָפּגעהיט און ניט אָפּנהאַרציק.

די באַציִונג פון אַלט אײַנגעזעסענע סאָוועטישע בירגערס צו די נײַ געקומענע אויסלענדער איז אַן ערך געווען אַזאַ: מילא, מיר האָבן נאָך עפּעס וואָס באַוויזן, געווען עטלעכע גליקלעכע יאָר פון גלויבן אין דער צעבליִונג פון ייִדישן סאָוועטישן קולטור־לעבן. אמת, קורצע, געציילטע, אָבער אַ פאַקט, אַז זיי זענען געווען. אָבער איר, נאָר וואָס געקומענע מיט אַן אָפּן האַרץ און פאַרקאַשערטע אַרבל צו בויען, וואָס וועט זײַן מיט אײַך?

וועגן דעם גורל פון עטלעכע אויסלענדישע איבערוואַנדערערס: חוה מאַדליך, מאַן און פרוי פוקס, וועגן דעם זייגער־מאַכער שמידט, דעם לערער ראַזין, מענדל טעמפּל און אַנדערע, האָט שוין געשריבן מײַן מאַן גיסן ראַזענ־

טאַל (א. בן־דוב) אין זײַן בוך „יידיש לעבן אין ראָטן־פאַרבאַנד", י.ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אָביב.

אַ באַטײַטיקע גרופּע אויסלענדישע איבערוואַנדערערס איז געווען פּאַנאַטיש איבערגעגעבן דער פּאַרטיי, ניט בלויז אַנגענומען אַלץ וואָס זיי פלעגן דאָ טרעפן, נאָר גרייט געווען צו העלפן דער נ.ק.וו.ד. אין אויסראָטן די אומצופרידענע. פאַר אַזעלכע האָבן זייערע לאַנדסלײַט מורא געהאַט און אַנגעהויבן זיך פון זיי אויסהיטן.

ס'איז שווער צו פאַרגעדענקען אַלע אָפּגענאַרטע אויסלענדער — אַנטוישטע, פאַרביטערטע, וועלכע מ'האָט פאַרשפּאַרט אין די סאָוועטישע תּפיסות. דאָרטן האָבן זיי געפונען זייער טויט; אין בעסטן פאַל — אָפּגעפּינצטערט יאָרן אין צוואַנגלאַגערן, און שפּעטער, פיזיש און גײַסטיק צעבראָכענע, האָבן זיי שוין מער ניט געקענט קומען צו זיך.

אַרעסטירט און פאַרשיקט האָט מען אויך דעם איבערוואַנדערער פון אויסלאַנד פייסאַכאָוויטש, דעם צושנײַדער פון דער נייפאַבריק. דער זעלבער וואָס האָט אַרויסטרעטנדיק אין ראַדיאָ דעם 9טן אויגוסט 1937, געזאָגט: „איך האָב אין אַרגענטינע אין חלום ניט געטרוימט צו לערנען זיך. דאָ לערן איך אין אַן אָוונטשול און מײַן פרוי האָט געענדיקט די פּעדאַגאָגישע שול" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 15טער אויגוסט 1937).

שפּעטער האָט מען פייסאַכאָוויטשן מיט נאָך אַ קלײנער גרופּע אויסלענדישע איבערוואַנדערערס, דאַכט זיך מיר, באַפרײַט.

פון דער זעלבער גרופּע איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער אַרבעטער פון פיבראַליט־זאַוואָד פרידמאַן. נאָך זײַן אַרעסט האָט זײַן פרוי געבוירן אַ צווילינג. איינס פון צווילינג איז אין שפּיטאָל געשטאָרבן.

געווײנטלעך האָט מען די פרויען פון די אַרעסטירטע באַפרײַט אין משך פון עטלעכע טעג נאָכן אַרעסט צו פאַרלאָזן די יידישע געגנט, מחמת דאָס איז דאָך אַ בײַגרענעץ־זאָנע, און זיי, די פרויען און די קינדער פון די צוגעגומענע קאָנטררעוואָלוציאָנערן, קען מען ניט געטרויען דאָ צו פאַרבלײַבן...

אַרעסטירט האָט מען ה. ווײַנטרויבן, אַן אָפּשטאַמיקן פון פוילן, וועלכער האָט געענדיקט דעם ביראָבידזשאַנער פּעדטעכניקום און שפּעטער געאַרבעט אין דער ביראָבידזשאַנער יידישער שול. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער לערער. נאָך אַ קורצער צײַט האָט מען אים באַפרײַט. אַגב, האָט ער ביז זײַן אַרעסט געשריבן דרייסטע קאָרעספּאָנדענצן קעגן דער צוואַנג־רוסיפיקאַציע פון דער געגנט.

אויך דעם איבערוואַנדערער פון פוילן דאָמב, האָט מען צוגענומען אין תפיסה און זײַן פרוי אַרויסגעשיקט פון דער געגנט. וועגן אים איז קיין שפור ניט פאַרבליבן.

*

ווײַטער וויל איך דאָ איבערגעבן אַ ביסל פּרטים וועגן גורל פון געקומענע בויען ביראָבידזשאַן, ייִדן פון אויסלאַנד, וועלכע איך האָב געקענט אָדער געהערט פון זיי.

מאַרקוס

אַ סימפּאַטישער, איבערגעגעבענער, גוט ערודירטער יונגער מענטש, מיט אַ ליבן שמייכל און מילדע אויגן. געווען סעקרעטאַר פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָמיסיע בײַם אויספּירקאָם פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. גרייט געווען טאָג און נאַכט צו טאָן זײַן אַרבעט, און זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט אויף מידקייט. האָט געשטאַמט פון פוילן. קיין ביראָבידזשאַן איז ער געקומען פון פראַנקרײַך. ער איז אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן און יעדער שפור פון אים איז פאַרשוווּנדן. איבערגעלאָזט האָט ער אַ טובערקולאָזע פרוי מיט צוויי קינדער. די פרוי איז אין עטלעכע יאָר אַרום געשטאָרבן.

דער עלעקטראָמאָנטיאָר זעליק

דער חבר זעליק, אַ געקומענער פון ריגע אַן ערך אין יאָר 1934, איז געווען אַן עלעקטראָמאָנטיאָר, געאַרבעט אין טעאַטער ווי דער פאַרוואַלטער פון דער באַלײַכטונג. צוגענומען האָט מען אים אַן ערך אין 1937–38. מער האָט פאַליע, זײַן פרוי, אים ניט געזען. ווײַזט אויס, ער איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ צוואַנגלאַגער. פאַליע איז געווען פאַרוואַלטערין פון ייִדישן קינדערגאָרטן אין ביראָבידזשאַן, דאָ זענען בײַ זיי געבוירן געוואָרן צוויי מיידעלעך. דאָס עלטערע איז געווען קראַנק אויף טובערקולאָז. פון דער אַרבעט אין קינדער־גאָרטן האָט מען זי אַראָפּגענומען. מען האָט רוסיפיצירט דעם אנשטאַלט, און זי האָט ניט געקענט גענוג רוסיש.

אין 1948 איז זי מיט דער מוטער צוריקגעפאָרן קיין ריגע, דאָ האָט זיך פאַליע פאַרנומען מיט אײַנבינדערײַ. ווען מיר מיט ניסנען זענען אין 1950 געווען אין ריגע, האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן מיט איר צו באַגעגענען. זי האָט זיך געשעמט פאַר אונדז מיט איר שווערן מאַטעריעלן מצב.

וואָלף כּאַראַש *

צווישן די אַרעסטירטע אויסלענדער איז אויך געווען וואָלף כּאַראַש, אַ סטאָליער, געקומען פון אַרגענטינע אַרום 1931–32, ווו ער איז געווען אַ פּאַרטייער. דאָ, אין ביראָבידזשאַן האָט מען אים אין פּאַרטיי צוליב עפּעס אַ פֿאָרמעלער סיבה ניט אָנגענומען. דאָס האָט אים ניט געשטערט צו זײַן איינער פון די גרעסטע סאָוועטישע פּאַטריאָטן. אומעטום האָט ער דאָס אונטערגעשטראָכן. מיט קיין באַזונדערער אינטעליגענץ האָט ער זיך ניט אויסגעצייכנט.

פֿריִער האָט ער געאַרבעט אין אַמורזעט, שפּעטער אין דער דמיטראָוו־פֿאַבריק, ווי אַ בריגאַדיר פון אַ צעך. ער ווערט אויסגעוויילט פֿאַר אַ דעפּוטאַט פון ביראָבידזשאַנער שטאָטראַט און צו זײַן גליק איז גאָר קיין ברעג ניט געווען. ער ווייסט ניט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט — שטענדיק גרייט צו קעמפן פֿאַרן אויסבעסערן די אַרבעט אין דער געגנט. אין 1936 דינט ער אַ צײַט אין דער רויטער אַרמיי צוזאַמען מיט נאָך צוויי אויסלענדישע איבערוואַנדערערס — אַרקוש און פּייסאַכאָוויטש. דעם 22סטן יוני 1936 דרוקט די רעדאַקציע פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" זייערע בריוו, ווי גליקלעך זיי זענען דאָרטן און ווי עס פֿרייט זיי די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע. ער איז ניט נאָר אַן אַקטיווער אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענט (אַרבקאָר). לויט דער פֿאַרגעבונג פון דער רעדאַקציע פֿאָרט ער אין פֿאַרשיידענע ערטער פון דער ייִדישער געגנט און שרײַבט סיסטעמאַטיש קאָרעספּאָנדענצן פון דאָרטן. פון צײַט צו צײַט טרעט ער אויך אַרויס דורכן ראַדיאָ מיט באַגײַסטערטע רעדעס און רופֿט צו סטאַכאַנאָווישער אַרבעט. דעם 7טן מײַ שרײַבט ער אַ באַגײַסטערטע נאָטיץ, ווי אַזוי אין די יום־טוב־טעג נעמט ער זײַן טעכטערל אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט ביראָבידזשאַן און גלייבט ניט די אייגענע אויגן זעענדיק די שיינע גאַסן, דעם וווקס פון דער שטאָט, דעם בײַעם וואָקזאַל. דעריבער הייסט זײַן אַרטיקל „פֿאַר וואָס מײַן האַרץ האָט אָנגעהויבן שנעלער קלאַפּן". ער האָט אין זײַנע אַרטיקלען טענות צו נאַטשאַלסטווע, וועלכע טאָלערירט אומצופרידענע קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַרבעט און פֿאָדערט מ׳זאָל באַשטראָפן ביידע צדדים. איינער אַזאַ אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע בהלה אין דער געגנט.

* טיילוויַיז ידיעות באַקומען פון מערי ווײַנער־עפּשטיין, בעת מײַן זײַן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

צוגענומען און פאַרשיקט האָט מען כאַראַשן אין 1937. תיכף נאָך זײַן אַרעסט האָט זײַן פרוי מרים געבראַכט זײַנע בגדים צו אַ פרײַנד. פאַר וואָס? ווײַל עס זענען געווען פאַלן, ווען די נ.ק.וו.ד. האָט נאָכן אַרעסט צוגענומען די זאַכן פון אַרעסטירטן, אויב זיי האָבן געהאַט אַ ממשותדיקן ווערט. און ער, וואָלף כאַראַש, האָט נאָך פון אַרגענטינע געהאַט אַ לעדערנעם מאַנטל...

וואָלף כאַראַש האָט פאַריתומט אַ פרוי און אַ טעכטערל.

משה סיקולער

כ'האָב אים פּערזענלעך ניט געקענט. דעריבער וועל איך לאָזן דערציילן וועגן אים מערי ווײַנער־עפּשטיין, די געוועזענע ספּיקערין פון ביראָבידזשאַנער ראַדיאָ, אַזוי ווי זי האָט עס מיר דערציילט און איך האָב פאַרשריבן וואָרט בײַ וואָרט:

משה סיקולער, געבוירן אין 1908 אין לודאָמיר (וולאַדימיר־וואָלינסק), דעמאָלט — פּוילן. ער איז געווען אַקטיוו אין השומר־הצעיר. געטרוימט צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, נאָר צוליב דער באַגרענעצטער עמיגראַציע געמוזט אויסוואַנדערן קיין בראַזיל. דאָרטן האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ ביסל סטאָליערײַ און געאַרבעט בײַ לאַנדסלײַט. געווען אַן אומפּאַרטײַישער. אין 1932 קומט ער קיין אַמעריקע צו זײַן מוטער. אויך דאָ אַרבעט ער בײַ סטאָליערײַ און לערנט אין די אָוונטן אין יידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט, כּדי צו דערגאַנצן זײַן בילדונג, וועלכע איז אַלע מאָל איבערגעריסן געוואָרן צוליבן וואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד. זײַן טרוים איז געווען צו ווערן אַ לערער. ער איז אויך אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

ער לאָזט איבער אין ניו־יאָרק זײַן מאַמע און אין מערץ 1936 קומט ער קיין ביראָבידזשאַן ווי אַ טוריסט, האָפנדיק צו קריגן בירגערשאַפט און בלײַבן אין דער געגנט. באַרוישט און באַגײַסטערט פונעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכן עס זענען באַהערשט און דורכגעדרונגען זײַנע נײַע חברים און פרײַנד, וואַרפט זיך אַרײַן משה סיקולער מיט זײַן גאַנצן יונגן ברען אין דער אַרבעט אויף דער פאַבריק אויפן נאָמען פון דימיטראָוו. ער ווערט אַ שלאָסער. האָפט פאַרצוזעצן לערנען. אָבער די אומבאַשטימטקייט פון זײַן לאַגע ווי אַ טוריסט מאַכט עס אוממעגלעך. עס שוועבט איבער אים די סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד. און דאָס פאַר וואָס ער האָט מורא געהאַט, איז געשען: ער איז איינער פון אַ גרויסער גרופּע בחורים און מיידלעך, טייל פון זיי איבערוואַנדערערס פון פּוילן, וועמען מ'האָט אָפּגעזאָגט בירגער־

שאַפט. אין אויגוסט—סעפּטעמבער 1936 פאָרט ער קיין מאָסקווע מיט אַ דעלעגאַציע זיך צו באַמיִען קריגן אַ דערלויבעניש צו בלײַבן אין לאַנד. עס געלינגט זיי. זיי קומען גליקלעכע צוריק און אַרבעטן ווײַטער פאַרן ווווּלזײַן פון דער געגנט. אָבער אין יוני 1937 ווערט אים נאָך אַ מאָל אָפּגעזאָגט די בירגערשאַפט און ער מוז פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער איז שטאַרק אַנטוישט, אָבער ניט צעבראָכן. פאָרט ווידער קיין מאָסקווע, דאָס מאָל אַליין. מען פאַררעגיסטרירט אים צײַטווײַליק אין מאָסקווע. ער קלאַפּט אין אַלע טירן און דערשלאָגט זיך אַפילו צו קאַלינינען. זײַן עקשנותדיקער פאַרלאַנג צו בלײַבן אין לאַנד רופט אַרויס חשד. די לאַגע אין לאַנד איז שוין אַן אומרויִקע, אַן אָנגעלאָדענע מיט שרעק. ס'איז דער אָנהייב פון שטורעם, וואָס וועט גאָר אין גיכן אַרומכאַפּן דאָס לאַנד און פון וועלכן ס'וועלן אומקומען די בעסטע און שענסטע זין פון פאָלק.

נאָך צוויי חדשים אין מאָסקווע, נאָך אַלע זײַנע באַמיִונגען ווערט זײַן לאַגע געלייזט — מען אַרעסטירט אים. ער ווערט פאַרשיקט אויף פינף יאָר אין אַ סיבירער לאַגער. פון זײַן באַלעבאָסטע אין מאָסקווע באַקומען מיר אַ קורץ בריוועלע: „משה איז קראַנק. ער געפינט זיך אין שפּיטאָל". מיר האָבן אַלץ פאַרשטאַנען. מיר באַקומען פון אים דעם ערשטן בריוו מיטן אַדרעס: סטאַנציע טײַשעט. מײַן ברודער, שמואל ווײַנער און מײַן מאַן משה אַכטערמאַן שיקן אים פּעקלעך: געטריקנט ברויט. מען שפּאָרט אָפּ אַ ביסל צוקער, בוימל, מען קריגט עטלעכע קעסטעלעך קאָנסערוון...

אין לודמיר לאָזט ער אַ מיידל, וועלכע ער טרוימט אַריבערצוברענגען קיין בּיראָבידזשאַן. ער שרײַבט איר בריוו און האָפט, אַז דאָ, אין בּיראָבידזשאַן, וועלן זיי חתונה האָבן און אויפבויען זייער היים. ער איז געווען אַ שאַטען, פון מיטעלן וווּקס, שיין געבויט, אַ ברייטפּלייציקער, מיט פײַנע שטריכן פון פּנים. זײַן גוטסקייט און איידלקייט האָט מען געקענט אַרויסלייענען פון זײַן ליכטיק פּנים.

אין 1942 באַקום איך פון אים דעם לעצטן בריוו פון לאַגער. מען שיקט אים אויפן פראָנט. נאָך דעם — אַ לאַנגע אייביקע שטילקייט, וועלכע מיר, זײַנע פרײַנד, רופן אַן טויט. אין ניו־יאָרק וואַרט זײַן מאַמע אויף איר זונס בריוו. פון ליודמיר קומען אַן בריוו פון זײַן כלה: „ווו איז מײַן משה? צי דען האָט ער מיך פאַרגעסן?"

צי האָט דאָס לודמירער מיידל, וואָס האָט געוואַרט אויף איר באַשערטן אַזוי פיל יאָרן, אַלץ פאַרשטאַנען? ווער קען וויסן?

מערי ווייסט, אַז משה סיקולער האָט ערגעץ ווו געהאַט אַ ברודער. צי לעבט ער? צי ווייסט ער וועגן גורל פון זײַן ברודער?

34 יאָר איז ער אַלט געווען.

י. פּײַער

אַן אַנטוויקלטער, קולטורעלער פּראָלעטאַריער; זייער אַ רירעוודיקער, ענערגישער, מיט אַ פאַרמעט פּנים און אַ גאָלן קאָפּ. אַ מיטגליד פון פּאַרטיי, אַ שלאָסער. אַן אויסלענדישער איבערוואַנדערער. געקומען פון אורוגוויי (צי פון אַרגענטינע) אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, איבערגעפולט מיט ענטוזיאַזם פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד און שׂינאה צום קאַפּיטאַליזם. ווערט קיין מאָל ניט מיד צו אַרבעטן סטאַכאַנאָוויש און צו זײַן פּאָליטיש אַקטיוו. אַ שטורמישער אָראַטאָר. הערט ניט אויף צו ריידן וועגן דער גרויסקייט פון דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס האָט געבראַכט צו דער אויפלעבונג פון ייִדיש־סאָוועטישער מלוכהשאַפט און רופט צו וואַכזאַמקייט. למשל, זײַן בריוו אין רעדאַקציע פון „ביראָבידזשאַנער שטערן" דעם 4טן אַפּריל 1936, פאַר וואָס בײַט מען ניט די פּראָפאַראיין־ביכלעך: „מיר ווייסן דאָך, אַז אין די רייען פון די פּראָפאַראיינען שמוגלען זיך נאָך אַדורך, צום באַדויערן, אייניקע אויסוואורפן, זשוליקעס און אַפּעריסטן, וואָס ברענגען שאָדן אונדזערע אונטער־נעמונגען. עס איז אויך קלאָר, אַז די ביראָבידזשאַנער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען ניט אין גאַנצן ריין פון אַזעלכע עלעמענטן..."

זײַן פּאַטאָס מיט די פלאַמפײַערדיקע אויגן באַווײַזט זיך גאָר אָפט מיט דער אונטערשריפט: „ערשטקלאַסיקער אַרבקאָר". דער צוטרוי צו אים איז גרויס. שיקט מען אַ דעלעגאַציע קיין כאַבאַראָווסק צום ערשטן סעקרעטאַר פון דעם ווײַט־מיזרחדיקן קאַנטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט לכּבוד דעם צווייטן יאָרטאָג פון דער ייִדישער געגנט, איז, פאַרשטייט זיך, דער חבר י. פּײַער צווישן די געציילטע פון די, וועלכע זענען געקומען פון אויסלאַנד. קומט פאָר אַ גראַנדיעזע באַראַטונג פון אַרבקאָרן פון דער ייִדישער און רוסישער ביראָבידזשאַנער צײַטונג, שפּילט דאָרטן די ערשטע פידל דער אַקטיוויסט י. פּײַער און זײַן אַרויסטרעטונג ווערט וואָרט אין וואָרט ציטירט אין דער פּרעסע.

צוגענומען האָט מען אים סוף 1937 צי אָנהייב 1938. מער איז ער ניט צוריקגעקומען. די פרוי זײַנע, פון פּוילן, חוה לעווין, האָט מען אַרעסטירט אַ ביסל שפּעטער, אַ שוואַנגערע.

אָט וואָס עס דערציילט מיר שיפרה ליפשיץ, די געוועזענע לערערין פון ביראָבידזשאַנער פּעדטעכניקום: „געלעגן בין איך מיט פּײַערס פרוי חוה אין תּפיסה־חדרל אויף איין נאַרע גאַנצע 12 טעג. זי איז געווען שוואַנגער מיטן דריטן קינד. דאָס ערשטע קינד איז געשטאָרבן. דאָס צווייטע האָט די נ.ק.וו.ד. בײַ איר צוגענומען בעת מ׳האָט זיי ביידן, זי מיטן מאַן, אַרעסטירט און געזאָגט „איר זענט ניט ווערט צו דערציִען אײַערע קינדער. דאָס וועט איצט טאָן די ראַטנמאַכט״. געטראָפן האָבן זיי זיך ביידע — מאַן און ווײַב — בעת מ׳האָט זיי אין איינער אַ נאַכט געבראַכט אויפן ביראָבידזשאַנער שטאָט־טישן וואָקזאַל, כּדי אָפּצושיקן מיטן עטאַפּ קיין כאַבאַראָווסק. געבראַכט האָט מען דעמאָלט אויפן וואָקזאַל צוויי פּאַרטיעס — אַ פּאַרטיע פרויען און אַ פּאַרטיע מענער. חוה האָט דערקענט איר מאַן. זי האָט אים פון דער ווייטנס, שוין אין וואַגאָן, געוויזן אויף איר בויך — „כ׳בין שוואַנגער״. זײַענדיק אין לאַגער האָט חוה לאַנג געזוכט איר מאַן, געמאַכט צענדליקער אָנפרעגן אין אַנדערע לאַגערן, אָבער ניט געפונען. פון דעם דרינגט זי אַרויס, אַז מ׳האָט אים געשאָסן. אין לאַגער האָט חוה געבוירן דאָס קינד און אַ נאָמען געגעבן האָבן איס די לאַגערניקעס — „גאָריק״, פון וואָרט „גאָרע״ — אומגליק, אין רוסיש. דאָס קינד איז אין לאַגער געשטאָרבן. צוריקגעקומען איז חוה קיין ביראָבידזשאַן אַן ערך אין 1941–42, אין גאַנצן אַ צעבראָכענע. איר ווײַטערדיקער גורל איז מיר ניט באַקאַנט.

לייבע שוב

אויב עס גייט אַ רייד וועגן אויסלענדער־פּאַנאַטיקער, פּאַר וועמען אַלץ, וואָס די פּאַרטיי טוט, איז הייליק, און אַלע די וואָס טרעטן אָפּ אַפילו אויף איין שפּאַן פון דער פּאַרטיי־ליניע, דאַרפן ניט בלויז באַשטראָפט ווערן, נאָר אַרויסגעריסן ווערן מיטן שורש פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, מוז איך דאָ דערציילן כאָטש בקיצור וועגן לייב שובן, אַן איבערוואַנדערער פון דער קאָוונער ליטע.

נאָר לאָמיר בעסער לאָזן ריידן אַנדערע. דער ביראָבידזשאַנער שרײַבער פאַליקמאַן פאַרעפנטלעכט אין ערשטמײַיִקן נומער פון יאָר 1937 פון „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״ אַן „אָטשערק״ אונטערן נאָמען „מענטשן און יאָרן״. אין אים דערציילט דער מחבר וועגן עטלעכע ביראָבידזשאַנער העלדישע אַרבעטנדיקע. וועגן לייב שובן שרײַבט ער: „אויפן דרײַ און דרײַסיקסטן יאָר פון זײַן לעבן איז לייבע שוב געוואָרן אַ לערער. פון די זעקס יאָר וואָס

ער געפינט זיך אין ביראָבידזשאַן, האָט ער 4 יאָר געלערנט — איין יאָר אויפן צוגרייטונג־קורס פון פעדטעכניקום און 3 יאָר ווי אַ סטודענט. איצט (ד״ה דעם 1טן מײַ 1937 — א. ר.־ש.) איז ער דאָס ערשטע יאָר אַ לערער. איך געדענק ווען שוב, אַ שוואַרצאַרבעטער, איז אָנגעקומען לערנען אויפן צוגרייטונג־קורס. ס'איז געווען אַ ביסל מאָדנע — אַ מענטש בײַ די דרײַסיקער און נעמט זיך ערשט צום ביכל.

און אָט לאָזט פאַליקמאַן דערציילן שובן אַליין זײַן לעבנס־געשיכטע:

„איך בין גאָר אַ רימער. מײַן טאַטע איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ טרעגער. אין 1922 בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קובאַ, פון וואַנען מען האָט מיך אין 5 יאָר אַרום אַרויסגעשיקט, ווײַל כ'האָב אָנטיילגענומען אין אַ שטרײַק. בין איך געקומען צוריק קיין ליטע, צוריק אין מײַן שטעטל יאַנעווע. אין 1929 בין איך פאַרן אָנטיילנעמען אין אַ דעמאָנסטראַציע אַרײַנגעזעצט געוואָרן אין תּפיסה, ווו איך בין אָפּגעזעסן אַנדערטהאַלבן יאָר. כ'בין געווען אין גאַנצן ניט קיין גראַמאָטנער. אַ סטודענט וואָס איז געזעסן מיט מיר אין קאַמער, האָט בײַ נאַכט, די וואַך זאָל ניט הערן, געלערנט מיך גראַמאָטע. מיר פלעגן זיך ביידע אַוועקלייגן אין בעט און לערנען אין דער שטיל. דערנאָך, ווען כ'בין אַרויס פון תּפיסה, האָב איך אַ שטיק צײַט זיך אַרומגעדרייט אָן אַרבעט. ביז איך בין אין 1931 אַוועקגעפאָרן קיין ביראָבידזשאַן״.

מען פלעגט אים שטענדיק רופן אין נ.ק.וו.ד., געהאַלטן דאָרטן גאַנצע נעכט. ער פלעגט קומען אַהיים אין דער פרי. אַלע אין דירה האָבן דאָס געוווּסט. געוווינט האָט ער אין אַ שותּפותדיקער דירהלע מיט איין קיך מיט מערי ווײַנערס משפּחה. זײַן טיפער גלויבן, אַז יעדער אָפּנייג קען ברענגען שאָדן זײַן סאָוועטיש הײַמלאַנד, איז געווען אײַן־לשער. ער פלעגט ריידן וועגן יעדן פאַרדעכטיקטן מיט אַזוי פיל האַס, מיט אַזוי פיל פאַראַכטונג, ווי קיינער ניט.

ער האָט געהאַט אַ לענגלעך אַסקעטיש פּנים, מיט אַ גרויסער שוואַרצער געקרײַזלטער טשופּרינע. די אויגן וואָס האָבן שטענדיק געברענט מיט אַ ברוין־גרין פײַערל, האָבן בעת ער האָט געהאַלטן אַ רעדע נאָך מער זיך געצונדן און די בערשטלעך ברעמען איבער זיי פלעגן זיך שטעלן „דיבאָם״, ווי זיי וואָלטן וועלן דערשטעכן די שולדיקע... ער פלעגט אָפט שרײַבן אַנטירעליגיעזע אַרטיקלען אין „ביראָבידזשאַנער שטערן״, אפשר די שאַרפּ־סטע וואָס האָבן זיך ווען עס איז דאָרטן באַוויזן. מיר האָבן זיך געשראָקן פאַר זײַן פאַנאַטיזם און דערפאַר אים אויסגעמיטן און זיך אויסגעהיט צו ריידן אָן איבעריק וואָרט אין זײַן בײַזײַן.

אַ גרעסערן פֿרײַנד פֿון דער ראַטנמאַכט איז זיך שווער פֿאַרצושטעלן. אַ געטרײַערער שקלאַף איז מן־הסתּם אין דער געגנט ניט געווען. און דאָך! דאָך האָט מען אים אַרעסטירט, פֿאַרשיקט, און יעדער שפּור פֿון אים איז, זעט אויס, פֿאַרשוווּנדן. געווען אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפֿרייט, ווען מ׳האָט אים צוגענומען. מענטשן זענען געווען בײַ דער מיינונג, אַז ער האָט אַרויסגעגעבן אַ סך ליטווישע איבערוואַנדערערס, האָט מען אים געהאַסט. זײַן פֿרוי איז געווען שיינקע בערמאַן, אויך פֿון ליטע, אַן אַמאָליקע שטרי־קערין. אין בירעבידזשאַן איז זי געווען אַ פֿאַרוואַלטערין פֿון קינדער־יאַסלעס. צו אַלעמענס פֿאַרוווּנדערונג האָט מען פֿרי׳ער אַרעסטירט זי, שובס פֿרוי. בעתן אַרעסט איז זי געווען שוואַנגער. אין תּפֿיסה האָט מען זי געהאַלטן דרײַ חדשים. דאָס קינד האָט זי געבוירן שוין נאָך איר באַפֿרײַונג. שוב איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך פֿאַרן געבוירן פֿון זייער קינד, און ער האָט עס קיין מאָל ניט געזען. געווען בײַ זיי נאָך אַ קינד, אַ מיידעלע, אַן ערך 5 יאָר. אין 1938 האָט די נ.ק.וו.ד. באַפֿוילן שובס פֿרוי צו פֿאַרלאָזן בירעבידזשאַן מיט אירע 2 קינדער. זי האָט זיך באַזעצט אויף אוקראַיִנע אין בעלאַיאַ צערקאָוו, און דאָרטן איז דאָס קליינע קינד געשטאָרבן.

אַפֿילו נאָך דעם, ווי ער, לייבע שוב, איז אויפֿן פּעדאַגאָגישן ראַט פֿון דער ייִדישער מיטלשול, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם ענין פֿון רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט, אַרויסגעטראָטן מיט אַ פֿלאַמפֿײַערדיקער רעדע, פֿאָדערנדיק אָראָפּצונעמען פֿון דער אַרבעט מײַן מאַן ניסן ראָזענטאַל, ווײַל ווי אַן אויס־לענדער פֿאַרדינט ער ניט קיין צוטרוי, האָב איך זיך ניט געקענט באַפֿרײַען פֿון מײַן מיינונג, אַז ער, שוב, מיינט עס אויף אַן אמתן, און אַז ער איז זיכער אין דעם וואָס ער רעדט. ער האָט דאָך פֿון זײַן הייסער פֿאַנאַטישקייט קיין ממשותדיקע נוצן ניט געהאַט. אַדרבא, ער האָט גוט געוווּסט וועגן דער פֿײַנדשאַפֿט וואָס רינגלט אים אַרום. ער איז קיין קאַריעריסט ניט געווען. כ׳האָב אים געזען ווי אַ קרבן פֿון דער פּאַרטיי און פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. ער איז געווען אַ גוטער תּלמיד פֿון דעם קאָמו־ניסטישן פֿאַנאַטיזם, וואָס די פּאַרטיי פֿלאַנצט אײַן אַזוי זאָרגעוודיק אין אירע מענטשן.

זײַענדיק אין אַמעריקע האָב איך זיך פֿון מערי ווײַנער־עפּשטיין דער־וווּסט, אַז אים האָט געטראָפֿן דער זעלבער גורל, וואָס אַלע די, וועמען ער האָט געהאַלטן פֿאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערן. האָב איך אויף אים טאָפּל רחמנות געהאַט, ווײַל בעת ער האָט זיך דערזען הינטער די קראַטעס מיט די, וועמען

ער הא̄ט געהא̄לטן פּא̄ר שונאים פון פֿא̄לק, איז דאָך זײַן אַנטוישונג זיכער געווען אַן אומגעהײַער גרעסערע, אַ פּיל גרעסערע ווי בײַ די, וועלכע הא̄בן זײַענדיק אויף דער פֿרײַ שוין דערזען דעם שוידערלעכן אמת פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

און נאָך הא̄ב איך געטראַכט, אַז זײַן לאַגע אין תּפֿיסה איז זיכער געווען אַן אומגעהײַער שווערערע ווי בײַ די איבעריקע, ווײַל נקמה מצד זײַנע קרבנות איז אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג. אַזעלכע ווי לייבע שוב זענען ניט מער, ווי אַ פּראָדוקט פון דער פֿאַרשאָלטענער סיסטעם, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי הא̄ט אײַנגעפֿירט.

י. פֿערעצמאַן

צוגענומען הא̄ט מען אים דעם 6טן פֿעברואַר 1938. אין דער זעלבער נאַכט הא̄ט מען אַרעסטירט נאָך עטלעכע אַפּשטאַמיקע פון לעטלאַנד. ער איז קיין מאָל ניט צוריקגעקומען, און זײַן פֿרוי עדה און ייִנגעלע דזשאַן הא̄בן אים מער ניט געזען. אַלט איז ער געווען ניט מער ווי 27 יאָר. געבוירן אין לעטלאַנד אין אַן אָרעמער פֿרומער משפּחה. אַן אַביטוריענט פון דער בעסטער ייִדישער גימנאַזיע אין ריגע. געווען דאָרטן אַרעסטירט פֿאַר אונטערערדישער קאָמוניסטישער טעטיקייט. קיין בירא̄בידזשאַן איז ער געקומען אין 1932.

ער איז געווען יונג, שלאַנק, שיין, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און מיט אַ געקרײַזלטן געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר. הענעך קאַזאַקעוויטש, דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פון „בירא̄בידזשאַנער שטערן״ הא̄ט אים זייער מקרב געווען, געלערנט די קונסט פון גוטער זשורנאַליסטיק. פון סוף 1935 ווערט פֿערעצמאַן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צײַטונג און פֿירט אָן מיט דעם אינדוסטריעלן אָפּטייל. ער ווײַזט אַרויס אַ קאָלאָסאַלע ענערגיע און ליבע צו בירא̄בידזשאַן. אַ סך אַרומגעפֿאָרן איבער דער געגנט, ניט געשראָקן זיך פֿאַר די שווערסטע באַדינגונגען פון די רייזעס און ניט פֿאַר די שטאַרקע פֿרעסט ווינטערצײַט. ער שרײַבט פֿאַרצייכענונגען וועגן די נאַטירלעכע אוצרות פון קליינעם כינגאַן. אומעטום דערגרייכט ער — צו די גרובנס, צו די שאַכטעס, און אַלץ באַשרײַבט ער פֿול מיט ליבע. ער דערקלייבט זיך צו די סוטאַרער גאָלדגרובן פון דער געגנט און זעט דאָרטן די שוידערלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די גאָלדגרעבערס. ער שרײַבט וועגן דער מעבל־פֿאַבריק „דימיטראָוו״.

קורץ פֿאַר זײַן אַרעסט אין 1937 דערשײַנט אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „דער עמעס" י. פֿערעצמאַנס בראָשור „די אינדוסטריעלע באַזע פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט", אין ייִדיש און רוסיש.

יאָרן אַרום נאָך זײַן טויט האָט די העכסטע מיליטערישע קאָלעגיע אים רעהאַביליטירט...

פאַרטיליקטע ביראָבידזשאַנער

די צאָל פאַרטיליקטע ביראָבידזשאַנער טוערס איז גרויס, זייער גרויס. באַשרײַבן זיי אַלע פאָדערט אַ גאַנצן שטודיום. איך וועל דערציילן בלויז וועגן געציילטע, און דאָס אויך בקיצור. וועגן ליבערבערגן און הובערמאַנען — די ערשטע קרבנות פון די אָנפירנדיקע ביראָבידזשאַנער טוערס — האָב איך שוין געשריבן. איצט — וועגן אַזעלכע פון קלענערן מאַשטאַב.

ב. וועלטמאַן

ער איז אַ שנײַדער. אַלץ נעמט ער שרעקלעך ערנסט. איז אָפנהאַרציק, תמימותדיק, גוטמוטיק און ערלעך ביז גאָר. פול מיט צוטרוי צו מענטשן. מיט השגות פון אַ גרויסן אָרעמאַן. האָט געהערט צו דער פאַרטיי ס״ס־„פאַראייניקטע״. טייל מאָל דערמאָנט ער אַ באַחנט קינד. זייער באַלייענט. האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד און גיך געקומען צו לויפן אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אַרײַנגעטראָטן אין דער לעגאַלער לינקער פועלי־ציון. געווען דאָרט אינסטרוקטאָר, דערנאָך געוואָרן אַ קאָמוניסט.

קיין ביראָבידזשאַן איז ער געקומען פון כאַרקאָוו, וווּ ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער פאַבריק־צײַטונג „רויטע נאָדל״ (צי „די שטאָלענע נאָדל״) אין דער שנײַדער־פאַבריק, וווּ ס׳האָבן געאַרבעט כמעט אויסשליסלעך ייִדן. דאָרטן האָט מען אים אַראָפּגענומען פון דאָזיקן פאָסטן, מחמת עפּעס אַ „נאַציאָנאַליסטישער פאַרקריפּלונג״. אין ביראָבידזשאַן ווערט ער אַ מיטאַר־בעטער פון „ביראָבידזשאַנער שטערן״. שרײַבט רעפּאָרטאַזשן, פעליעטאָנען, פירט אָן מיט בריגאַדעס קאָרעספּאָנדענטן, וואָס פאָרן אויף דער פּראָווינץ. שרײַבט פּשוט און מיט הומאָר. ער איז דער אויטאָר פון אַ פּיעסע אונטערן נאָמען „שער און אײַזן״ (מאָסקווע, צענטראַלפאַרלאַג, 1930, 67 זײַטן). זי איז געשטעלט געוואָרן אין עטלעכע טעאַטערס.

אין די טעג פון די „טשיסטקעס״ (רייניקונגען) האָט ער זיך שרעקלעך פאַרלוירן. ס׳איז אים געווען ניט צו דערקענען. ס׳האָט געריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אים. ס׳איז געווען אי טראַגיש, אי קאָמיש. ער איז געפאַלן בײַ זיך. געפּרווט האַנדלען מיט זײַן געוויסן, אָבער ס׳האָט גאָרניט ניט געהאָלפן. אַ שטיקל צײַט האָט ער, אַן אויסגעשלאָסענער פון פּאַרטיי, זיך אַרומגעדרייט ליידיק. אַרעסטירט האָט מען אים אין 1937 (און אפשר אָנהייב 1938). אין פאַרשיקונג האָט ער אַ סך געקרענקט. זײַן שוואָגער ברוך ווײַסמאַן (דער אַלמוני) האָט אים געשיקט פּעקלעך עסן און בגדים. וועלטמאַן איז אין דער פאַרשיקונג געשטאָרבן. גוטע מענטשן האָבן וועגן זײַן טויט אָנגעשריבן צו ווײַסמאַנען.

י. שוואַרצבאָרד

ער האָט זיך אויסגעצייכנט פון די אַרומיקע מיט זײַן אײַנגעבוירענער הויכער אינטעליגענץ, היפּשן וויסן, פעיִקייטן און איידלקייט. אָט איז זײַן אָפיציעלע ביאָגראַפיע, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן נאָמינאַציע פאַרן פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע אין געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָ־מער געגנט:

י. שוואַרצבאָרד איז אַ פּראָלעטאַריער, אַ שוסטער. געבוירן אין 1905. אין 1920 איז ער אַרײַן אין קאָמיוג און פון 1925 געפינט ער זיך אין די רייען פון דער פּאַרטיי. פון 1925 כּסדר געווען אויף אָנפירנדיקער פּאַרטייִיש־קאָמיוגישער אַרבעט. אין 1927 איז ער דער סעקרעטאַר פון ערשטן ראַי־קאָמיוג אינעם ערשטן ייִדישן נאַציאָנאַלן קאַלינינדאָרפער ראַיאָן. דערנאָך — פאַרוואַלטער פונעם אַגיטפּראָפּ פון ראַיפּאַרטקאָם. פון דאָרטן אָנגעקומען זיך לערנען אין מערב־אוניווערסיטעט — געקריצט „מערבקע״, אויפגעשטעלט לויט אַ ספּעציעלן דעקרעט פון לענינען. (דער אוניווערסיטעט האָט געזאָלט צוגרייטן קאָמוניסטישע טוערס פאַר דער גאַנצער וועלט. אין דער „מערבקע״ האָבן געלערנט יונגע מענטשן, געשיקטע פון אַלע עקן וועלט, קאַלירטע און ווײַסע. אין 1935 אַרבעטן שוין אין דער ייִדישער געגנט 30 געוועזענע „מערבניקעס״. דער גרעסטער טייל פון זיי — פּאַרטיי־טוערס: האַלטן פאַר־טראָגן אויף די אונטערנעמונגען, אין די קאָלווירטן, טוערס פון ראַיקאָמען און פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווי אויך פאַרזיצערס פון ראַי־אויספיר־קאָמען, ווירטשאַפטלעכע און קולטור־אַנשטאַלטן. אין 1935 דערקלערט זיך

דער גאַנצער ייִדישער אַרויסלאָז מאָביליזירט פֿאַר דער אַרבעט אויפֿן ווײַטן מיזרח. אין 1936 ווערט די „מערבקע" ליקווידירט און דער רוב פּעדאַגאָגן און סטודענטן — אַרעסטירט.) נאָכן ענדיקן אין 1932 איז שוואַרצבאַרד אויס־געקליבן געוואָרן פֿאַרן פֿאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין דער „מערבקע". אויף דעם פּאָסטן האָט ער אָפּגעאַרבעט ביז אָנהייב 1934, און דעמאָלט איז ער פֿון צ.ק. געשיקט געוואָרן אין רעדאַקציע פֿון מאָסקווער „דער עמעס", ווו ער האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט ביז זײַן קומען אין ביראָבידזשאַן.

דעם 6טן יוני 1935 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין פּרעזידיום פֿון געגנט־אויספֿירקאָם. געווען רעדאַקטאָר פֿון די ערשטע צוויי נומערן פֿון ביראָבידזשאַנער ייִדישן ליטעראַרישן זשורנאַל „פֿאָרפּאָסט" אין יאָר 1936. ער האָט מוראדיק געליטן פֿון די חילוקי־דעותן, וואָס האָבן געהערשט אין דער אָנפֿירונג. שטענדיק געפּרוווט מאַכן פּשרות. צום סוף האָט ער ניט אויסגע־האַלטן דעם דרוק און פּחדניש געדרשנט קעגן די אַרעסטירטע „ליבערבערג, הובערמאַן מיט זייער כּנופֿיה", געקלאַפּט זיך על־חטא פֿאַר זײַן מיטאַרבעט מיט ליבערבערגן. אויף דעם ראַיאָנעם צוזאַמענקום פֿונעם פּאַרטיי־אַקטיוו (29–31 מערץ 1937) נעמט שוואַרצבאַרד אַ וואָרט און דערציילט וועגן דער „שעדיקערישער, אונטערגרײַסערישער אַרבעט, וואָס ס'האָבן געפֿירט אין דער ייִדישער געגנט די שׂונאים פֿון פֿאָלק, די טראָצקיסטן ליבערבערג, הובערמאַן און זייערע נאָכלויפֿערס. זיי האָבן געפּרוווט שאַפֿן אַ גרופּע קעגן דער פּאַר־טיייִשער אָנפֿירונג פֿון דער געגנט, זיך באַמיט אַרײַנצוציִען אין דער דאָזיקער אַנטיפּאַרטייִשער גרופּירונג אייניקע מענטשן אויך ניט פֿון זייער כּנופֿה". שוואַרצבאַרד אָנערקענט זײַן „גראָבן פּאָליטישן פֿעלער", וואָס ער האָט זיך פֿון אָנהייב געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דער דאָזיקער גרופּירונג און דאַנקט דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אים רעכטצײַטיק געוואָרנט, אָנגעוויזן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט אויף זײַן גראָבן פּאָליטישן פֿעלער, און ער האָט גלײַך ענדגילטיק איבערגעריסן מיט ליבערבערגס טראָצקיסטישער באַנדע... אַזוי האָט ער זיך אויפֿגעפֿירט די גאַנצע צײַט נאָך ליבערבערגס אַרעסט. דאָס זעלבע האָט ער איבערגעחזרט בײַ יעדער געלעגנהייט. מיר האָבן געפֿילט צו אים אַ געמיש פֿון רחמנות און פֿאַראַכטונג. ווען מ'האָט אים אַרעסטירט, איז זײַן פֿרוי, אַ לערערין, געבליבן מיט אַ קליין קינד.

אין תּפֿיסה איז ער, זעט אויס, געוואָרן דרייסטער. מערי ווײַנער־עפּשטיין האָט מיר דערציילט, אַז בעת אַן אויספֿאָרשונג האָט ער זײַן אויספֿאָרשער

געוואָרפֿן מיט אַ טינטער אין קאָפּ. לעאָפּאָלד טרעפּער האָט מיר שוין דאָ, אין ירושלים, דערציילט וועגן שוואַרצבאַרדס לעבן אין תּפֿיסה. און אַט וואָס ער שרײַבט אין זײַן בוך „די רויטע קאַפּעליע", זײַט 79, וועגן שוואַרצבאַרדס לעצטע מינוטן: „מ'האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין תּפֿיסה, ווו ער איז כּמעט בלינד געוואָרן. אַ געוויסן פּרימאָרגן האָט מען אים אַרויסגעפֿירט אויפֿן תּפֿיסה־הויף און אַוועקגעשטעלט בײַם עקזעקוציע־סלופּ. פֿאַרן שטאַרבן האָט ער אויסגעדריקט זײַן גלויבן אין דער רעוואָלוציע. אין מאָמענט ווען די ביקסן־סאַלוועס האָבן אַוועקגעלייגט דעם קאָמוניסטישן קעמפֿער, האָט פֿון די קאַמערן זיך געלאָזט הערן אַ מעכטיק געזאַנג פֿון „אינטערנאַציאָנאַל".

איך האָב דערציילט וועגן ב. וועלטמאַנען און י. שוואַרצבאַרדן, ווײַל זיי ביידע קענען דינען פֿאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מאַכט אַ תּל פֿון אירע אָנהענגערס און דערפֿירט זיי צו אַנטימאָראַלישע מעשׂים.

מיכאל בײנפעסט

ער איז פֿון די ערשטע איבערוואַנדערערס אין ביראָבידזשאַן. שוין אין 1927 איז ער סעקרעטאַר פֿון ווײַסרוסישן „קאָמערד". דעם 26סטן מײַ 1927 — ווי אַ מיטגליד פֿון דער דעלעגאַציע פֿון צענטראַלן „קאָמערד" אַרויסגעפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. דאָס איז געווען די ערשטע אָפֿיציעלע דעלעגאַציע, וואָס דער „קאָמערד" האָט געשיקט אויסצופֿאָרשן, צי ביראָבידזשאַן טויג פֿאַר דער ייִדישער איבערוואַנדערונג. בײנפעסט איז געוואָרן דער ענטוזיאַסטישער מיטהעלפֿער פֿון די אויטאָריטעטע געלערנטע פֿון דער דעלעגאַציע. דעם 8טן מערץ 1928 איז ער שוין אַרויסגעפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן, געשיקט פֿון „געזערד" צו אָרגאַניזירן די צוגרייטונג־אַרבעטן.

ער איז אַ געוועזענער בונדיסט. אַן עלטערער מענטש שוין דעמאָלט (און אפֿשר האָט ער נאָר אַזוי אויסגעזען אין מײַנע אויגן). אַן אָנגעשוואָלענער, מיט אַ גרויסן, רונדיקן, גוטמוטיקן העלן פּנים. אַ ביסל אַ מגושמדיקער. זײַן געשטאַלט זאָגט: „קינדערלעך, צו וואָס דאַרף מען זיך קריגן, ס'קען דאָך זײַן אַזוי גוט, אַזוי שלווהדיק אויף דער וועלט. לאָמיר לעבן בשלום". אַ שווער באַוועגלעכער, אָן אָפּאָפּלעקטישע קאָמפּליקאַציע, מיט אַ פֿולן קאָרק. קיין שום פּראָלעטאַרישס און קאָמוניסטישס איז אין זײַן אויסערלעכקייט ניט געווען צו מערקן. אַ פֿײַנער שטילער מענטש, דערמאָנט ער גיכער אַ גוטמוטיקן ייִדישן זיידן, איידער אַ „שטאָלענעם באָלשעוויק". מ'פֿלעגט מיט אים „פֿאַר־

שטאָפן אַלע לעכער". ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דער שווער־סטער אַרבעט, וועלכע מ'האָט אויף אים אַרויפגעוואַלגערט. ער איז געווען אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון דער ייִדישער געגנט, געוווּסט איר יעדן ווינקעלע. זײַן מוח איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט ידיעות, מיט ציפערן, מיט פאַקטן וועגן די נאַטור־אוצרות פון דער געגנט. ווען מען האָט באַדאַרפט עפּעס אַ ידיעה וועגן דער געאָגראַפּיע, געאָדעזיע פון דער געגנט, האָט מען אָן בײַנפּעסטס ידיעות קיין טריט ניט געמאַכט. אַ פאַרליבטער אין דער געגנט, איז ער געווען דער, וואָס האָט אויפגענומען, אײַנגעאָרדנט, מיטגע־אַרבעט, געהאָלפן. געפאָרן איבער דער געגנט כּמעט מיט אַלע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס, געהאַט צו דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטס וועגן די דאָזיקע אויספאָרש־קאָמיסיעס און די געלערנטע, וואָס האָבן אין זיי אָנטיילגענומען. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע, רײַכע קאָלעקציעס פון מאַפּעס, פון אויסגראָבונגען און פאָטאָס פון דער געגנט. שווער זיך פאָרצושטעלן עפּעס אַן אויספאָרשונג פון דער געגנט אָן בײַנפּעסטן. כ'ווייס אַפילו ניט, צי דער מענטש האָט פאַרמאָגט וועלכע עס איז סיסטעמאַטישע בילדונג. ער איז געווען בײַם געבורט פון דער איבערוואַנדערער־אַרבעט. ער האָט געקענט מיט אַלע פּרטים די געשיכטע פון יעדן נײַ־אָרגאַניזירטן ייִשוב, פון יעדער גרופּע איבערוואַנ־דערערס, פון יעדן מין נצחון און דורכפאַל אין דער טעטיקייט פון די אינ־סטיטוציעס פון דער געגנט. ער איז געווען אַ ריין פּראַקטישער טוער, מיט אַ סך דרך־ארץ פאַר מענטשן מיט וויסן. שטענדיק געווען גרייט זיי צו העלפן אין די שווערע שטייגער־באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן געאַרבעט. ער איז געווען דער ערשטער אָנפירער פון אַמורבירער ראַטווירט, וואָס איז פאַרלייגט געוואָרן אין יאָר 1930. דער דאָזיקער ראַטווירט האָט זיך געפונען 70 ק"מ דרומדיקער פון טיכאָנקע. באַזירט האָט ער זיך אויף פּיצוכט. שפּעטער געווען אַן אָפּטייל פון פוטער־טרעסט.

אין 1934 איז בײַנפּעסט פאַרוואַלטער פון ראַיאָנעם געזונט־אָפּטייל. דעם 27סטן אָקטאָבער 1934, פאַרן ערשטן ראַטן־צוזאַמענפאָר, ווערן באַשטימט נײַע מענטשן, און דער אָרגקאָמיטעט פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט באַשטימט אים פאַרן פאַרוואַלטער מיטן אָרגאָפּטייל פון געגנט־אויספּירקאָם. ער איז אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע, וואָס דאַרף דורכפירן די צוגרייטונג צום ערשטן ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. ער ווערט אויסגעוויילט פאַר אַ מיטגליד פון געגנט־אויספּירקאָם אויפן ערשטן ראַטן־צוזאַמענפאָר פון דער געגנט. אין 1935 האָט דער געגנטלעכער אויס־

פּירקאָם מיט יוסף ליבערבערג אין דער שפּיץ, אָרגאַניזירט די „וויסנשאַפט־לעך־פאָרשערישע קאָמיסיע צו דערלערנען די קולטור און נאַטירלעכע רײַכטימער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט״. די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס וועט זײַן אַן אָנהייב פון אַן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור אין ביראָבידזשאַן, אַזאַ וואָס האָבן עקסיסטירט אין קיִעוו און אין מינסק. פאַרן פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן ביינפעסט, סעקרעטאַר מאַרקוס טשאַרני. ווי מיטאַרבעטערס זענען צווישן אַנדערע באַשטימט געוואָרן וואָלאָברינסקי און די שרײַבערין פון די דאָזיקע שורות.

כּאַווקין האָט זיך איבער ביינפעסטן איזדיעקעוועט, טראַקטירט ווי אַ שיקיִנגל, געקוקט פון אויבן אַראָפּ. ביינפעסט איז שטענדיק געווען אָנגעשראָקן פאַר כּאַווקינען, אין האַרצן געהאַלטן מיט ליבערבערגן, וואָס איז אים אָן ספק געווען גײַסטיק נעענטער. נאַציאָנאַל דורך און דורך, האָבן אין זײַן מויל אַזוי פרעמד געקלונגען די קאָמוניסטישע סלאָגאַנען. ס׳וואָלט אים גיכער געפּאַסט צו שטיין אין סינאַגאָגע מיט אַ טלית איבערן קאָפּ, איידער אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, אָפּצוגעבן אַ באַריכט, ווי אַזוי ער קעמפט קעגן די נאַציאָנאַליסטן־שאָוויניסטן...

אָנהייב 1937 איז ער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון געגנט־אויספּירקאָם. מ׳וואַרפט אים פאָר, אַז „זײַן אַרבעט איז ניט געשטאַנען אויף דער פּאַרטייִשער הייך״, אַז „ער לײַדט פון דער אידיאָטישער קרענק ,זאָרגלאָזיקייט׳ און אין זײַן באַריכט אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע, ווו ער איז סעקרעטאַר, האָט ער ניט ווי געהעריק מאָביליזירט צום קאַמף קעגן דער דאָזיקער קרענק״.

צוגענומען האָט מען אים בעת דער שׂרפה 1937—38. צוריקגעקומען איז ער, ווי־ײַזט אויס, אין 1940—41 אַ שווער קראַנקער. ער האָט געלעבט בלויז נאָך עטלעכע חדשים. מ׳האָט אים אַרויסגעלאָזט — זאָל ער שטאַרבן אין דער היים. ער איז שוין קיין מאָל אין דרויסן ניט אַרויסגעגאַנגען. קיינעם, אויסער דער קראַנקער פרוי, דער באַקאַנטער פאַרשול־דערציִערין סאָניע ליבערמאַן, האָט ער ניט איבערגעלאָזן נאָך זיך.

הערשל בריל

אונדז האָט געבונדן אַ שטאַרקע פרײַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די ערשטע טעג פון מײַן קומען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין מערץ 1926. וועגן דעם שרײַב איך אין מײַן צווייטן בוך „אויף וועגן און אומוועגן״.

אין ביראָבידזשאַן איז הערשל בריל געווען דער פֿאָרשטייער פֿון צענטראַלן „קאָמערד".

אַ שוואַרצינקער, אַ פּיפּיקער, מיט גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, פֿול מיט לעבנסלוסט, אַ גוטער רעדנער, מיט אַ פֿעסטער לאָגיק און אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעיִקייטן. און דער עיקר — אַ מענטש פֿון אמת. דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סך שׂונאים. פֿיזיש איז ער געווען אַ שוואַכער, אָבער דאָך מסוגל צו האָרעווען, פֿאָרן, גיין, רײַטן פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט. ער ווערט פֿאַרפֿאַלן אויף גאַנצענע וואָכן, שלעפּט זיך אַרום איבער די ראַיאָנען. ווו ער טאָגט, נעכטיקט ער ניט. עסן? כאַפּט אַ ליאַדן ביס, לעבט אויף טרוקענע שפּײַז. ווענן אַ וואַרעם לעפֿל עסן פֿאַרגעסט ער אין גאַנצן. האָט ער זיך טאַקע אָפּגעשפּאָרט אַ שווערן קאָליט. מיט זײַן וואַליען וווינט ער אין אַ צימערל אין איבערוואַנדערער־הויז. ניטאָ קיין שטולן אויף וואָס צו זיצן? זיצט מען אויף קאַסטנס. ניטאָ קיין טיש בײַ וועלכן מען דאַרף שרײַבן און עסן? מאַכט מען אַ טיש פֿון ברעטער. די קליידער ליגן אין וואַליזעס.

כ'וועל דאָ ברענגען אויסצוגן פֿון זײַן ביאָגראַפֿיע, אַזוי ווי עס ברענגט זי „דער עמעס", אין מערץ 1934:

„בריל שטאַמט פֿון אַ ביאַליסטאָקער וועבער־משפּחה. געבוירן אין 1901, איז ער שוין אין 1912 אַ וועבער־אַרבעטער. אין 1920 טרעט ער אַרײַן אין קאָמיוג און אין 1923 — אין דער פּאַרטיי.

נאָך זײַן קומען קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד אַרבעט ער ווי אַ וועבער, דערנאָך ווי אַ קאָמוניסטישער טוער אין ווײַסרוסלאַנד, שפּעטער איז ער מיטגליד פֿון צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִדסעקציעס בײַם צ.ק. פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד. ער איז אויך רעדאַקטאָר פֿון די זשורנאַלן „פּיאָנער" און „יונגוואַלד". אין 1927 לערנט זיך בריל אין מערב־אוניווערסיטעט. פֿון דאָרטן גייט ער אַריבער אויף אַרבעט אין „קאָמערד" און איז זײַן פֿאָרשטייער אין יעווּפּאַטאָריער און פֿרײַדאָרפֿער ראַיאָנען פֿון קרים. אין מערץ 1931 ווערט ער אַ מיטאַרבעטער אין „עמעס" און פֿאַרוואַלטער פֿון קולטור־סעקטאָר. אין סעפּטעמבער פֿון זעלביקן יאָר ווערט ער באַשטימט פֿונאַנדער־צוּוויקלען בײַם „עמעס" דעם ייִדישן ביכער־פֿאַרלאַג.

אַן ענערגישער און פֿעיִקער טוער, האָט בריל באַוויזן אין משך זײַן אָנפֿירן מיטן פֿאַרלאַג אַוועקצושטעלן אים אויפֿן ערשטן אָרט צווישן די פֿאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס ליטעראַטור אויף ייִדיש. דאָס באַווײַזט אי די צאָל, אי די קוואַליטעט פֿון די דערשינענע ביכער.

אין אַלע זײַנע אַרטיקלען און מינדלעכע אַרויסטרעטונגען בײַ אונדז אין געגנט איז בריל זייער דרייסט בײַם קריטיקירן די אָנפירונג. ער ווײַזט אָן, ווי אַזוי ס׳ווערט פאַרפאַלן וויכטיקע, טײַערע אויסשטאַטונג, געלט ווערט ניט געזשאַלעוועט, ס׳הערשט אַ לײַכטזיניקע באַציִונג צו מלוכה־געלטער אאַז״וו. ער קען ניט פאַרטראָגן קיין עוולות און שטעלט זיך אײַן פאַר גע־רודפטע אַרבעטערס. ניט איין גרויסער סקאַנדאַל איז אויסגעבראָכן צוליב דעם. כּאַווקין האָט אים פײַנט געהאַט, ליבערבערג — שעצט אים זייער הויך. זײַנע אַרטיקלען דרוקט ער אין „עמעס״ און אין „בירא־בידזשאַנער שטערן״. דער רעדאַקטאָר פון „בירא־בידזשאַנער שטערן״, הענעך קאַזאַקעוויטש, באַ־קומט ניט איין אויסרייד פאַרן דרוקן ברילס דרייסטע אַרטיקלען. דעם גרעסטן רושם האָט געמאַכט זײַן פאַרביטערטער אַרטיקל „ווו זענען די איבערוואַנ־דערער ?״, וועלכן כּאַווקין האָט קיין מאָל ניט מוחל געווען ניט דעם אויטאָר, ניט דעם רעדאַקטאָר קאַזאַקעוויטש פאַר זײַן, קאַזאַקעוויטשעס „ניט גענוגנ־דיקער וואַכזאַמקייט״ (אָפּגעדרוקט דעם 17טן פעברואַר 1935). ניט ווייניקער שאַרף איז ברילס אַרטיקל „טרויעריקע באַלערעוודיקײַט״ („עמעס״, 11טער יאַנואַר 1935). די אַרטיקלען זײַנע פלעגט איבערדרוקן די גאַנצע בירא־בידזשאַנער פּרעסע, און געווען איז זי גאַנץ היפּשלעך. פאַרגעסט ניט, אַז אין דער יידישער געגנט זענען געווען טעטיק יידישע און רוסישע — 2 געגנט־לעכע צײַטונגען, 3 פּאָליט־אָפּטייל־צײַטונגען, 1 טראַנספּאָרט־צײַטונג און בײַ 150 וואַנטצייטונגען.

ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, און כּאַווקין האָט זיך דערשלאָגן, אַז ברילן זאָל מען פּשוט אַרויסטרײַבן פון דער געגנט. כּאַבאַראָווסק האָט אים, ווי אַלע פאַרטריבענע פון ביראָבידזשאַן, אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און גע־שטעלט אויף אַ וויכטיקן ווירטשאַפטלעכן פּאָסטן.

אַרעסטירט האָט מען אים אין כּאַבאַראָווסק. ס׳זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ׳האָט אים געשאָסן.

אַזוי האָט דער סטאַליניסטישער אַפּאַראַט קאָנצענטרירט אין איין אָרט יידישע קולטור־טוערס, געגעבן זיי, אויפן פּאַפּיר, די אָפיציעלע מעגלעכקייט אַרויס־צווווײַזן זייער נאַציאָנאַל פּנים, כּדי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זיי אויס־צוראָטן פיזיש.

משה לעוויטאַן

די משפּחה לעוויטאַן שטאַמט פון דער אַלטער ייִדישער קאָלאָניע נאַ־דיאָזשנאַיאַ אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, ווו די צאַרישע מאַכט האָט ייִדן דערלויבט זיך צו באַזעצן אויף ערד.

משה לעוויטאַן איז געווען אַ מגושמדיקער, ברייטפּלייציקער, אַן אמת קינד פון דאָרף. מיט זײַן אַרײַנקומען פֿאַרפֿולט ער די גאַנצע שטוב. ער איז רירעוודיק, מיט אַ ראָז געזונט פּנים, שטענדיק אויפגעלייגט און באַרעדעוודיק. אַ פֿאַרליבטער אין דער ייִדישער שפּראַך און אירע קולטורווערטן. ליבערבערגן האָט ער ממש פֿאַרגעטערט. געווען אומפּאַרטייִש. זײַן עלטערן ברודער, דעם באַקאַנטן ייִדישן קולטור־טוער מיכאל לעוויטאַן, האָט מען אַרעסטירט אין קיִעוו, און יעדער שפּור איז אים פון פֿאַרשוווּנדן. פֿריִער איז משה לעוויטאַן געווען דירעקטאָר פון כאַרקאָווער ייִדישן מאַשינבוי־טעכניקום. פֿאַר זײַן אויסגעצייכנטער אַרבעט איז ער דאָרטן צוויי מאָל פּרעמירט געוואָרן אויף אַלפֿאַרבאַנדישע קאָנקורסן. ביז צו 1935 האָט ער שוין געהאַט אַרויסגעלאָזן 200 טעכניקערס, וואָס האָבן געאַרבעט אויף פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין די גרעסטע מאַשינבוי־זאַוואָדן פון ראַטן־פֿאַרבאַנד — אין לוגאַנסקער לאָקאָ־מאָטיוו־זאַוואָד, אין קאָלאָמנער לאָקאָמאָטיוו־זאַוואָד, אין כאַרקאָווער טראַק־טאָר־זאַוואָד, אין מאַגניטאָגאָרסקער אינדוסטריע־גיגאַנטן און אַנדערע. אין כאַרקאָווער טעכניקום האָבן זיך געלערנט 500 סטודענטן. דער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון 32 מענטשן, מערסטנס הויך קוואַליפֿיצירטע אינזשענירן.

לעוויטאַן איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פון געדאַנק אויסצובויען אַזאַ טעכניקום אין דער ייִדישער געגנט, און ווערט זײַן ענטוזיאַסטישער באַשאַפֿער. זינט אָנהייב 1935 בויט ער אים מיט שטאַרקע טעמפּן. דעם 10טן אַפּריל 1935 איז פֿאַרלייגט געוואָרן דער ערשטער שטיין פון זײַן געבײַדע און אין אַ יאָר אַרום האָבן זיך דאָ שוין אָנגעהויבן די לימודים.

„דעם 14טן און 15טן מערץ 1936 פֿאָרן אַרויס פון מאָסקווע 26 סטו־דענטן אין באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום" („ביראָבידזשאַנער שטערן", 1936).

„דעם 16, 17, 18טן מערץ 1936 זענען פֿאָרן באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום אַרויסגעפֿאָרן 80 סטודענטן" (טעלעגראַם פון סאָטאַנאָווסקין, מאָסקווע). עס קומען אָהער סטודענטן פון אַלע עקן לאַנד, אַנדערע פון זיי האָבן פֿריִער געאַרבעט אין דאָמנעס און אין זאַוואָדן פון דער שווערער אינדוסטריע. דאָס איז דער איינציקער ייִדישער טעכנישער בילדונג־אַנשטאַלט פון דעם

מין אין דער גאַנצער וועלט. צום קומענדיקן יאָר וועט ער ציילן בײַ 300 סטודענטן, ווײַל לויטן פּלאַן דאַרפן צוקומען נאָך 120 איבערוואַנדערערס. צום 1טן סעפּטעמבער 1936 לערנען זיך אין טעכניקום 152 מאַן, און אין 1937 — 200 סטודענטן. דאָ זענען פאַראַן 7 פאַרשיידענע פאַקולטעטן — 4 אַלטע און 3 נײַע, וועלכע מ׳האָט נאָר וואָס געעפנט. עס אַרבעטן דאָ 10 קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן. די טעג דאַרפן אָנקומען נאָך 2 לערערס־אינזשענירן. אַלע סטודענטן זענען פאַרזאָרגט מיט אַן אינטערנאַט. יעדער סטודענט האָט באַקומען אַ בעטל, אַ מאַטראַץ, אַ לײַלעך און אַ קאָלדרע. ס׳איז געווען אַן אייגענע גאָרקיך. דער טעכניקום איז דירעקט אונטערגעוואָרפן אַזאַ רײַכן מיניסטעריום, ווי דער פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר שווערער אינדוסטריע, און די אַסיגנירונגען פאַר אים זענען פאַר יענער צײַט קאָלאָסאַלע — בײַ 2 מיליאָן רובל. אין דעם — אויף דער בויונג פון לערן־קאָרפּוסן — 1 מיליאָן רובל, אויף דירות פאַרן פּערסאָנאַל — 500 טויזנט רובל, אויף לערן־מכשירים — 200 טויזנט רובל אאַז״וו.

אין 1937 האָט מען געשריבן וועגן משה לעוויטאַן: „אויף דעם בירא־בידזשאַנער פּאַרט־״אַקטיוו ווערט פאַרגעוואָרפן דעם שטאָטישן קאָמיוג־קאָמיטעט, אַז ביז איצט פירט אַן מיט אַזאַ וויכטיקן אַנשטאַלט אַ פּאָליטיש ניט זיכערער מענטש, ווי עס איז לעוויטאַן, און דאָרטן לערנען זיך קאָנטררעוואָלוציאָנערע סטודענטן. 2 טעג געדויערט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון טעכניקום, ווו עס ווערט אַנטפּלעקט, אַז דער דירעקטאָר, דער אָנהענגער פון ליבערבערגן, דער ברודער פון נאַציאָנאַליסטישן קאָנטררעוואָלוציאָנער מיכאל לעוויטאַן, באַלעבאַטעוועט דאָרטן אויף אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן אופן״.

מ׳האָט לעוויטאַנען און אייניקע סטודענטן אַרעסטירט. ווו זײַנען געבליבן איז אַהינגעקומען ווייס איך ניט.

אַלעקסאַנדער זאַבלודאָווסקי

ער איז געווען דער גרינדער פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָמזשער גובערניע אין פּוילן. אין 1920 איז ער אַנטלאָפן מיט דער רויטער אַרמיי קיין ראַטן־פאַרבאַנד. פון פאַך איז ער געווען אַ שלאָסער. אין קיִעוו האָט ער פאַרנומען הויכע פּאָסטנס אין דער ייִדישער קאָמוניסטישער וועלט. געווען אַ צײַט רעדאַקטאָר פון קיִעווער ייִדישער צײַטונג „קאָמפּאָן״. אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז ער געווען פאַרוואַלטער מיטן אָרגאַניזאַציאָנעלן אָפּטייל בײַם געגנטלעכן אויספּירקאָם, און שפּעטער —

סעקרעטאַר פֿון אויספֿיר־קאָמיטעט. ער איז אויך געווען סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָמערל בײַם אויספֿירקאָם.

נאָך ליבערבערגס אַרעסט האָט ער געמאַכט פּרוּוון זיך רייניקן פֿון זײַנע „פֿעלערן און זינד", פֿון זײַן מיטאַרבעט מיטן „טראָצקיסט ליבערבערג", אָבער אומזיסט. אויך אים האָט מען אַרעסטירט און יעדער שפּור זײַנער איז פֿאַרשוווּנדן. נאָך זײַן אַרעסט זענען די צײַטונגען געווען פֿול מיט פּרטים וועגן דער „שעדלעכער טעטיקייט פֿון טראָצקיסט און נאַציאָנאַליסט אַלעקסאַנדער זאַבלודאָווסקי".

חיים שיף

אַ געוועזענער פּועלי־ציוניסט. אין ק״עוו געווען אַ צײַט דער רעדאַקטאָר פֿון דער ייִדישער צײַטונג „קאָמפֿאָן". געווען אַ נאַציאָנאַלער ייִד. קיין ביראָבידזשאַן איז ער געקומען פֿון בערדיטשעוו. דאָ באַשטימט געוואָרן פֿאַרן פּראָקוראָר. ער האָט זיך באַמיט צו פֿירן די פּראָצעסן אין דער ייִדישער שפּראַך. מ׳האָט אים אויסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי ווי אַ „טראָצקיסטישן מיטהעלפֿער פֿון ליבערבערגן", און אַרעסטירט. נאָך אַ קורצער צײַט — באַפֿרייט. ער איז באַלד צוריקגעפֿאָרן קיין בערדיטשעוו, און דאָרטן פֿאַרנומען דעם באַשיידענעם פּאָסטן פֿון פֿאַרוואַלטער מיטן ייִדישן אָפּטייל פֿון בערדיטשעווער מוזיי. ער איז געפֿאַלן אויפֿן פֿראָנט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זײַן שוועגערין איז געווען אַן אַקטיווע טוערין אין ארץ־ישׂראל.

ב. קאָפּילעוויטש

לערער פֿון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ביראָבידזשאַנער פּעדטעכניקום. אומפּאַרטיייִש. ער האָט פֿאַרענדיקט דעם אָדעסער היסטאָריש־פֿילאָלאָגישן פֿאַקולטעט און דעם ליטעראַריש־לינגוויסטישן אָפּטייל אין ווײַסרוסישן מלוכה־אוניווערסיטעט. קיין ביראָבידזשאַן איז ער געקומען פֿון מינסק. גענומען אָנטייל אין בויען דאָ דעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום, אַליין אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע: געטראָגן געהילץ און שטיינער, געטאָגט און גענעכטיקט אין אַנשטאַלט. גענאָסן פֿון אַן אויטאָריטעט בײַ די סטודענטן און בײַ דער לערערשאַפֿט, ווי אויך בײַ דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. בײַם ערשטן אַרויסלאָז פֿון פּעדטעכניקום (27סטער יוני 1935) שרײַבט מען אין צײַטונג וועגן זײַנע וויכטיקע אויפֿטוען מיט די סטודענטן, וועגן זײַן גרויס וויסן, מ׳גיט אַפֿילו זײַן פּאָטאָ.

אין מײַ 1935 האָט ער דעם הויפּט־פֿאָרטראָג אויף דער ערשטער באַראַטונג וועגן אוניפֿיצירן די דיאַלעקטן אין ייִדיש, וואָס די וויסנשאַפֿטלעכע קאָמיסיע, צוזאַמען מיטן געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל און רעדאַקציע פֿון „בירעבידזשאַנער שטערן" האָבן צונויפֿגערופֿן. בכלל איז ער אומדערמידלעך אין זײַן טעטיקייט צו ייִדישיזירן די געגנט און אין זײַן קאַמף פֿאַר אַ ריינער ייִדישער שפּראַך. ער איז אויטאָר פֿון אַ ריי ביכלעך און וויכטיקע פֿילאָלאָגישע אַרטיקלען. אַרעסטירט האָט מען אים אין 1938. געשטאָרבן איז ער אין תּפֿיסה נאָך פֿאַרן מישפּט.

אַרעסטן צווישן פּעדאַגאָגן

ס'ווערן אַרעסטירט:

אָזאַנקאָוו, אַ געוועזענער עס־ער, דער דירעקטאָר פֿון בירעקאַנער ייִדישער שול;

כאַדאַס, דירעקטאָר פֿון דער אַמורזעטער שול, „דער שונא פֿון פֿאָלק, דער טראָצקיסט, וועמען ליבערבערג פֿלעגט לויבן אין הימל אַרײַן" — לויט דער אָפֿיציעלער באַשולדיקונג;

טשען, דירעקטאָר פֿון דער וואַלדהײַמער שול, „דער זונדל פֿון אַ בעל־הגוף, אַ שיכּור און אַ שעדיקער" — לויט דער אָפֿיציעלער באַשולדיקונג;

גאָלדע ליס, לערערין פֿון געשיכטע;

קאַפּלאַן, דירעקטאָר פֿון דער ייִדישער מיטלשול אין בירעבידזשאַן;

ישׂראל ראַבינאָוויטש, דירעקטאָר פֿון בירעבידזשאַנער פּעדטעכניקום;

נתן קאַרמאַן, דירעקטאָר פֿון ייִדישן מלוכה־טעאַטער, לעקטאָר אין פּעד־טעכניקום;

בנימין גאָלדפֿײַן, פֿאַרוואַלטער מיטן געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל.

ס'ווערן אַרעסטירט סטודענטן פֿון די טעכניקומס. כ'האָב שוין פֿריִער דערמאָנט עטלעכע נעמען. צווישן זיי אויך מעלאַמעד און פּישטשיקאָוו. וועגן זיי ווערט געזאָגט: „די ביידע קלאַסן־שונאים האָבן אַ לאַנגע צײַט אַרודעוועט אין באַרג־מעטאַלורגישן טעכניקום. זיי זענען איצט אַרעסטירט פֿאַר זייערע קאָנטררעוואָלוציאָנערע טאַטן" („בירעבידזשאַנער שטערן", 14טער יולי 1937).

מ'האָט אַרעסטירט תּלמידים פֿון די עלטערע קלאַסן, קאָמיוגיסטן. צווישן זיי אויך ניט־ייִדן — אין סמידאָוויטשער ראַיאָן און אין אַנדערע ערטער.

ווער קען פֿאַרגעדענקען אַלע קרבנות פֿון דער ייִדישער טראַגעדיע, וואָס איר נאָמען איז בירעבידזשאַן?

די 44 צעשאָסענע אײַזנבאַנערס

ס'איז מײַ 1937. צי וועל איך אַ מאָל פאַרגעסן דעם פחד און די אימה אין די אויגן פון די בירָאָבידזשאַנער אײַנוווינערס אין די טעג, ווען מ'האָט צעשאָסן 44 אײַזנבאַנערס? ווי קען מען דאָס פאַרגעסן. דאָס געשפּענסט וועט מיך מן־הסתּם באַגלייטן ביז סוף פון מײַנע יאָרן.

אין דעם אָפּטייל „כראָניק" פון אַלע צײַטונגען האָבן מיר אין אַ העלן פרימאָרגן דערזען אַזאַ נאָטיץ: „די אַרויספאָר־סעסיע פון דער מיליטערישער קאָלעגיע פונעם העכסטן געריכט פון פאַרבאַנד ססר אין דער שטאָט סוואָבאָדני האָט באַטראַכט דעם ענין וועגן די אָנטיילנעמערס פון דער טראָצקיסטישער און דיווערסאַנטן־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געאַרבעט אונטער דער אָנפירונג און לויט דער פאַרגעבונג פון די יאַפּאַנישע אויסשפּיר־אָרגאַנען אויף די אײַזנבאַנען אויפן ווײַטן מיזרח". און דאָ גייען 44 פאַמיליעס פון מענטשן, וועלכע „זענען פאַרמישפּט געוואָרן צום העכסטן מאָסמיטל פון קרימינעלער שטראָף — צעשיסונג. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן" („בירָאָבידזשאַנער שטערן", 12טער מײַ 1937). צווישן זיי, ייִדן לויט די פאַמיליעס ווי אָווערבאַך, האַלקין, פאַנאָוואַ־שאַרגאָראָדסקאַיאַ א"אַנד. אָבער אַ סך ייִדן טראָגן אויך ניט קיין ייִדישע פאַמיליע־נעמען, אַזוי אַז מיר ווייסן ניט גענוי די צאָל צעשאָסענע ייִדן־אײַזנבאַנערס.

אין 5 טעג אַרום האָט דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי „פּראַוודאַ" אָפּגעדרוקט אַ גרויסן לייט־אַרטיקל וועגן דער דאָזיקער געשעעניש. אַזוי ווי דער קליינער פאָרמאַט פון די ווײַט־מיזרחטיקע צײַטונגען האָט ניט דערלויבט איבערצודרוקן דעם אַרטיקל אין גאַנצן, האָט מען דעם טאָג פאַרגרעסערט זייער פאָרמאַט, אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער אַרטיקל באַוווּסט געוואָרן גאָר שנעל אויף בײַ אונדז. און...

„די באַשולדיקטע האָבן זיך אין אַלץ מודה געווען". און געטאָן האָבן זיי דעם פאַרברעכן „לויט דער פאַרגעבונג פון אַלטן פאַרביסענעם שפּיאָן אָווערבאַך, וועלכער האָט באַקומען פון יאַפּאַנישן אויסשפּיר 60 טויזנט רובל". אָווערבאַך איז געווען דער נאַטשאַלניק פון דעם לאָקאָמאָטיוו־אָפּטייל אויפן ווײַטן מיזרח. ער גופא האָט אויפן פאַרהער דערקלערט: „די יאַפּאַנער האָבן געפאָדערט, אַז מיר זאָלן מאַסנווײַז דורכפירן דיווערסיעס — קאַליע מאַכן ווערקשטעלן און אויסשטאַטונג, אונטערצינדן אונטערנעמונגען און באַזונדערש זאָלן מיר אַקטיוויזירן די דיווערסיעס... אײַנאָרדענען אויף די אַמורער און

ווײַט־מיזרחדיקער אײַזנבאַן־ליניעס קאַטאַסטראָפעס פון מיליטערישע, פּאַ־סאַזשיר־ און פראַכט־צוגן, אונטערצינדן אונטערנעמונגען, שעדיקן די לאָקאָ־מאָטיוו־ווירטשאַפט, שאַפן בײַזווילִיקע פּראָבקעס אויף די אײַזנבאַנען... מיר האָבן באַזאָרגט דעם יאַפּאַנישן אויסשפּיר מיט ידיעות וועגן דער צאָל מיליטערישע צוגן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען קיין כאַבאַראָווסק, און וועגן דעם צושטאַנד פון די אײַזנבאַן־קנופּן״.

זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן אַבערגעגעבן דעם יאַפּאַנישן אויסשפּיר סכעמעס פון די סטאַנציעס, פּלענער פון דער כאַבאַראָווסקער דעפּאָ א״אַנד. זיי האָבן זיך אויך מודה געווען, אַז „כּדי צו שאַפן אַן אומצופרידנקייט צווישן די אַרבעטערס, האָבן זיי אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז סטאַכאַנאָווצעס, שלאָגלערס און ערלעכע אַרבעטערס האָבן באַקומען ווייניקער געהאַלט, איידער פּוסטעפּאַסניקעס און בראַקמאַכערס״... זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן אָפּגעסמט דעם פּאַרטאָרג, דעם ח׳ פּעדאָרקין, ווען ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ שפּור פון זייער שעדיקערישער אַרבעט. געקראָגן דעם סם האָבן זיי פון רעזידענט פון דעם יאַפּאַנישן אויסשפּיר לעזשעדקאָ, דעם נאַטשאַלניק פון דער קויבישעווער אײַזנבאַן־אָפּטיילונג...

„...אויך אויף דער אָרדזשאָניקידזער אײַזנבאַן האָט מען אויפגעדעקט בלוטיקע פאַרברעכנס״, — זיי האָבן דאָרטן אָרודעוועט „לויט דער פאַרגעבונג פון דעם פריִער צעשאָסענעם דײַטשיש־יאַפּאַנישן שפּיאָן ליפשיץ״. ...„דאָ״ — האָט זיך מודה געווען דער באַשולדיקטער בורשטיין — „האָט מען זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אײַנצואָרדענען קאַטאַסטראָפעס מיט אַ וואָס גרעסערער צאָל מענטשלעכע קרבנות״ (אונטערגעשטראָכן אין „פּראַוודאַ״). „זיבעציק קאַטאַסטראָפעס האָבן זיי אײַנגעאָרדנט בלויז אין חודש יאַנואַר 1937״ — און דאָ קומען גענויע באַשרײַבונגען פון יעדער קאַטאַסטראָפע: „צוזאַמען 49 געהרגעטע, 95 פאַרוואונדיקטע״. ווי איר זעט — אַפילו מיט פּינקטלעכע ציפערן...

דער לייטאַרטיקל ענדיקט זיך אַזוי: „מיר וועלן ניט לאָזן לעבן די שׂונאים פון ראַטן־פאַרבאַנד! פאַר יעדן טראָפּן פאַרגאָסענעם בלוט וועלן די שׂונאים פון פּסטר זיך צעצאָלן מיט פּודן בלוט פון די שפּיאָנען און דיווער־סאַנטן!״

אין דאָזיקן אַרטיקל פּאָלעמיזירט די רעדאַקציע מיט דער אויסלענדישער ־רעסע און אויך מיטן אָרגאַן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד, וואָס נעמט זיך אָן די קריוודע פון די צעשאָסענע. די „פּראַוודאַ״ זידלט זיי מיט די

ערגסטע ווערטער. אַזוי אַרום האָבן זיך סאָוועטישע בירגערס דערוווּסט, אַז אויסלאַנד שווײַגט ניט, רעאַגירט אויף די שווינדלערלעכע בילבולים.

זאָל דער לייענער ניט פאַרגעסן, אַז די אַלע קרבנות האָט מען נאָך סטאַלינס טויט, נאָכן 20סטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, רעהאַביליטירט! יאָ, יאָ, רעהאַביליטירט! דאָס הייסט, אַז דער דאָזיקער גרויליקער מאָרד איז געווען, ווי ענלעכע צו אים, פון פריִער אײַנגערעזשיסירט.

די אַנדערע גראַנדיעזע פּראָצעסן, וואָס זענען געווען ביז איצט, זענען פאָרגעקומען ווײַט פון אונדז, די „שונאים האָבן אָרודעוועט" אויפן מערב פונעם ראַטן־פאַרבאַנד. אָבער דער אײַזנבאַנער־אומגליק איז דאָך פאָרגעקומען אין האַרץ פון דער ייִדישער געגנט! הגם די אײַזנבאַנערס האָבן געהאַט אייגענע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, אייגענע געריכטן, זענען זיי אָבער געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די אינסטאַנצן פון דער ייִדישער געגנט.

און נאָך אַ זאַך: די אײַזנבאַן־קנופּן, וועלכע געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער ייִדישער געגנט, האָבן דעם „געזערד" און דעם „קאָמערד" געגעבן באַשטעלונגען אויף צוגרייטן ייִדישע איבערוואַנדערערס און אַזוי אַרום זענען די ביידע ייִדישע אינסטאַנצן געווען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די צעשאָסענע „פאַרברעכערס". אַ סימן האָט איר: מ'גרייט איצט ייִדישע אײַזנבאַנער־איבערוואַנדערערס אויף 2 קורסן, סך־הכּל 158 מענער און פרויען, אין די אוקראַיִנישע שטעט פּאָלטאַווע און זשמערינקע. דער באַצירק פון זייער אַרבעט דאַרף זײַן אויסשליסלעך די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט...

האָט זיך אויפגעהויבן אַ כוואַליע פון אַרעסטן אין דער ייִדישער געגנט. אַרעסטן קומען פאָר אין דעפּאָ פון דער סטאַנציע אין און אין אַנדערע באַצירקן פון דער אײַזנבאַן, און אויך אין אַנדערע ערטער, ווײַל „אַ לאַנגע צײַט האָבן דאָ אָרודעוועט שונאים פון פאָלק — טראָצקיסטן"...

„ביראָבידזשאַנער שטערן", פאַרן 1טן מערץ 1937, שרײַבט: „אין אַ ריי פונקטן פון בירער ראַיאָן, אויפן לאַנדאָקער קאָלכאָזוואָד, אויפן אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט א"אַנד האָבן אָרודעוועט שונאים פון פאָלק, יאַפּאַניש־דײַטשישע טראָצקיסטישע אַגענטן".

אויך אויף דער נייפאַבריק זענען געווען אַרעסטן, און קעגן די פרויען פון די אַרעסטירטע האָט זיך געפירט אַ שרעקלעכע העצע, ביז מען האָט זיי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט — כאָטש גיי לייג זיך און שטאַרב פון הונגער.

עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין די אָפּטיילן פון ראַיאָן כּמעט די אַלע,

וואָס מ׳האָט חושד געווען, אַז ליבערבערג האָט מיט זײַ פרײַנדלעך געשמועסט, באַזוכנדיק דעם ראַיאָן — אַ מאָל אַריין צו זיי אין שטוב טרינקען אַ גלעזל טיי, זיך אָנוואַרעמען פון פראָסט, אָפּטריקענען פון דער נעץ זײַנע מלבושים.

פון „געגנטערד" האָט מען אַרעסטירט אײנעם פון זײַנע אָנפירערס, אַלטמאַן — „דער אויסוווּרף, טראָצקיסט, וועמען דער שׂונא פון פאָלק, דער יאַפּאַניש־דײַטשישער טראָצקיסט ליבערבערג, האָט שטענדיק געהאַלטן אונ־טער זײַנע שוצפליגלען"...

יעדן טאָג עפנסטו מיט ציטער דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" — אַ נײַע פאַמיליע פון אַ ייִדישן טוער, אַ שרײַבער — אַרעסטירט, אויסגעשלאָסן... טראָצקיסט... שאָוויניסט... ציוניסט... אמת, די מאָסקווער צײַטונגען קומען אָן אַ סך שפּעטער, ווײַל די עראָפּלאַנען ברענגען נאָך דעמאָלט ניט קיין צײַטונגען, אָבער דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" דרוקט איצט די נײַסן לויט ספּעציעלע טעלעגראַפישע ידיעות, וואָס ער באַקומט דעם זעלבן טאָג.

לייענער, צי שטעלסטו זיך פאָר וויפל און ווי אַזוי מ׳האָט אין דער נ.ק.וו.ד. געפּייניקט די דאָזיקע 44 מענטשן, אַז זיי זאָלן אײַנגיין אויף אַזאַ שרעקלעכן ווידוי? דער אינסטינקט פון זעלבשוץ זאָגט דיר אונטער: „אַנט־לויף! ראַטעווע זיך פון פײַנלעכן אומקום!" לויפט טאַקע יעדערער, ווער ס׳האָט נאָר אַ מעגלעכקייט. אָבער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז ניטאָ וווּהין צו לויפן, ווײַל אומעטום, אין יעדן ווינקעלע פון ריזיקן לאַנד איז די וואַכזאַמ־קייט פון דער נ.ק.וו.ד. אַזוי שטאַרק, אַז דו קענסט גאַרניט טראַכטן וועגן באַהאַלטן זיך. און דאָך איז די אויסוואַנדערונג יענעם יאָר געווען מוראדיק גרויס. געוויינטלעך פלעגט דאָס געשען בסוד־סודות: פּלוצעם איז עמעצער נעלם געוואָרן.

ס׳איז געווען שרעקלעך צו לייענען אין די צײַטונגען, ווי מענטשן, דאַכט זיך אין גאַנצן באַרמאַלע, וואַרפן שמוץ אויף זייערע נאָענטע, אויף פרײַנד און קרובים, וואָס מ׳האָט נעכטן אַרעסטירט. און מאָרגן וועלן אַנדערע ריידן וועגן זיי דאָס זעלבע, ווײַל זיי וועלן שוין זיצן. ס׳איז געווען אַ קאָשמאַר זיך צוצוקוקן, ווי מענטשן ווערן אין שרעק פאַר זייער לעבן אויס מענטשן, פאַר־לירן דעם מענטשלעכן אָנבליק.

אַזוי האָט עס אויסגעזען אין ביראָבידזשאַן, ווען מיר איז ווינטער 1937 געלונגען צו אַנטרינען פון דאָרטן.

די מהומה אַרום דער פּרשה אַבטשוק

אין דריטן באַנד „אויף וועגן און אומוועגן" האָב איך דערציילט וועגן דעם סאָוועטיש־יידישן ליטעראַטור־קריטיקער און פּראָזאַיקער אַברהם אַבטשוק. כ׳האָב דערציילט וועגן דעם, אַז ניט געקוקט אויף זײַן הונדערט פּראָצענטיקער פּראָלעטאַרישקייט און הוראַ־פּאַטריאָטיזם, איז ער דאָך ניכשל געוואָרן, און אַז דאַמעסעק פֿון מינסק האָט פּובליקירט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַשולדיקט אַבטשוקן אין יידישן נאַציאָנאַליזם, טראָצקיזם וכדומה. כ׳האָב שוין דעמאָלט געוווינט אין ביראָבידזשאַן.

דאָ וויל איך דערציילן, ווי אַזוי דאַמעסעקס אַרטיקל און דער אַרעסט פֿון אַבטשוקן זענען אויפגענומען געוואָרן בײַ אונדז אין דער יידישער געגנט.

כ׳געדענק שוין ניט, ווער ס׳האָט אַראָפּגעבראַכט קיין ביראָבידזשאַן די ביטערע בשורה וועגן דאַמעסעקס אַרטיקל קעגן אַבטשוקן. אָנגעקומען איז זי דורך דער אַזוי גערופענער „מוילפּאָסט", ווײַל די פּאָסט פֿון צענטער פֿלעגט דעמאָלט קיין ביראָבידזשאַן זיך שלעפּן אַן ערך צוויי וואָכן. האָבן מיר מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפֿן אָנקום פֿון דאָזיקן מאמר. און ווער ס׳האָט נאָך געגנוי ניט געוווּסט, ווי עס האַלט מיט אַבטשוקן, האָט זיך וועגן זײַן גורל געקענט אָנשטויסן נאָכן איבערלייענען דעם דאָזיקן פּאַסקוויל.

דאָס מאָל האָט מען זיך אין דער ביראָבידזשאַנער געגנטלעכער ביבליאָטעק צוגעאײַלט: נאָך איידער דאַמעסעקס אַרטיקל האָט דערגרייכט אַהער, האָט דער פּאַרוואַלטער ניט געוואַרט אויף דעם צירקוליאַר פֿון „אונדזער" צענזאָר גאַראַכאָווסקי,* און שנעל אַראָפּגענומען פֿון די פּאָליצעס ניט בלויז „הערשל שאַמאַי", אַבטשוקס טרייפהנעם בוך, נאָר אַלע געדרוקטע אַרבעטן זײַנע. פֿון די זשורנאַלן, וווּ זײַנע אַרטיקלען זענען געווען געדרוקט, האָט מען אַרויסגעשניטן די געהעריקע זײַטלעך און אויפֿן פֿאָדערשטן זײַטל, ווו ס׳איז פֿאַרצייכנט דער אינהאַלט, פֿאַרמעקט די שורה מיט אַבטשוקס פֿאַמיליע און דעם נאָמען פֿון זײַן אַרבעט. מען האָט געטאָן געגנוי אַזוי ווי ס׳איז געשריבן אין די אָפֿיציעלע תקנות „ווי אַזוי ביבליאָטעקן זענען מחויב

* וועגן „אונדזער" צענזאָר, דעם קליינוווקסיקן מנוול גאַראַכאָווסקי, וואָס האָט זיך אָפּילו ניט זשענירט פֿאַר זײַנע קרבנות און אָפֿן צוגעטראָגן איטלעך אונטערגעהערט וואָרט צו דער געגנטלעכער נ.ק.וו.ד., וועל איך גענויער דערציילן אין אַן אַנדער אָרט.

זיך צו באַגיין מיט פאַרוועריטע שאַפונגען״. אַבטשוקס פרײַנד, און איך בתוכם, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די אייגענע ביכער־שאַפעס און אויף גיך אַרײַנגעוואָרפן אין די פלאַמען פון אויוון אַבטשוקס אַלע ביכלעך, וואָס חוץ דעם וואָס זיי זענען שוין אין פאָטענץ טרייף, טראָגן זיי אויף זיך — די וואָס שטייען אויף אונדזערע פּאַליצעס — די דעדיקאַציע פון אויטאָר. אַ, וויפל הונדערטער טויזנטער ביכער, בעסערע און ערגערע, מיט אויפשריפטן פון די מחברים האָט דאָס פײַער פאַרשלונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד! איר דענקט, אַז דאָס איז אַ שטרויס־פּאָליטיק? אַז די פרײַנדשאַפט פון די קיִעווער ביראָבידזשאַנצעס מיט דעם מחבר איז דאָך אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד? אָבער דער אינסטינקט זאָגט דיר אונטער, אַז ווען מ׳וועט קומען נאָך דיר, וועט זײַן מיט איין באַווײַז ווייניקער וועגן דײַן „אַנטיסאָוועטישקייט״. און דער אינסטינקט האָט פון צײַט צו צײַט דעסטוועגן יאָ אַרויסגעהאָלפן אין אַן עת־צרה... וואָרעם ווער־ווער, נאָר די קיִעווער האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז אויב אַבטשוק געפינט זיך נאָך ניט הינטער די שטעכלדראָטן פון אַ לאַגער, וועלן זיך זײַנע טויערן פאַר אים עפענען אין דער נאָענטסטער צײַט. און ווי די לייענערס פון מײַן בוך ווייסן שוין, האָבן מיר קיין טעות ניט געהאַט.*

ווען דער קלאַנג „אַבטשוק איז אַרעסטירט״ האָט זיך דערקײַקלט צו דעם ווײַט פאַרוואָרפענעם ביראָבידזשאַן, בלויז אַ קלאַנג, ווײַל אויף זיכער האָט קיינער פון אונדז ניט געוווּסט, האָבן דאָ אַחוץ מיר שוין געאַרבעט נאָך קיִעווער חברים, וואָס האָבן זיך מיט אים געפרײַנדלט, צוזאַמען געלערנט און מיטגעאַרבעט אין קיִעווער אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. מיר האָבן געוווּסט, אַז שוין אַ צײַט טשעפּעט מען זיך צו אים, און ס׳וואָלט געווען אַ נס, ווען דאָס אומגליק וואָלט אים אויסגעמיטן, און דאָך האָט מען זיך געפרעגט: דעם פאַנאַטיש־אויפריכטיקן סאָוועטישן פּאַטריאָט אַרײַנגעזעצט פאַר נאַציאָנאַליזם און טראָצקיזם? אַזעלכס קענען אויסטראַכטן נאָר שדים, אָדער מענטשן וואָס זענען חסר־דעה!

אָבער מיר זענען שוין געוווינט געוואָרן צו נאָך גרעסערע סורפּריזן — ס׳איז דאָך געבוירן געוואָרן דאָס בלוטיקע יאָר 1937. און בײַ אונדז אין

---

* דער אַרטיקל אין מינסקער „דער שטערן״, פאַרן חודש אָקטאָבער 1936, האָט געהייסן „פּראַכטע שׂונאים אונטער אַ ליטעראַרישער מאַסקע״. זײַן לייטמאָטיוו איז געווען: „אַ טויט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע טראָצקיסטן, וואָס האָבן אָרודעוועט אין דער ייִדישער ליטעראַטור!״

ביראָבידזשאַן האָט דער מוראדיקער טעראָר זיך צעבושעוועט נאָך אײדער סטאַלין האָט באַשטימט פֿאַרן הויפּטהענקער דעם שמאָלקעפּיקן אַכזר ניקאָלײַ יעזשאָוון. ס׳האָט שוין געפֿלאַקערט דער קאַמף פֿון דער ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אָנפֿירונג קעגן די ייִדישע קולטור־טוערס, וועלכע זענען מחמת נאַיִווקייט פֿרײַוויליק געקומען אַהער און געפֿאָדערט דעם מינימום: די געגנט זאָל זײַן אַ ייִדישע ניט בלויז לויט איר נאָמען, נאָר לויטן פּאַרטייִשן פּרינציפּ — „אינטערנאַציאָנאַל לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם״.

דעם קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, פֿון וואַנען די היפּשע גרופּע קולטור־טוערס איז געקומען, האָט מען שוין מיט עטלעכע חדשים צוריק (אין אַפּריל 1936) צעפּאָגראָמירט, און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די שׂרפֿה פֿאַרשפּרייט זיך און וועט זיך גיך דערקײַקלען צו אונדז.

פֿאַר דעם פּירער פֿון די „שאָוויניסטישע״ קולטור־טוערס אין ביראָבידזשאַן האָט דער סעקרעטאַר פֿון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט כאַווקין געהאַלטן, און מיט רעכט, יוסף ליבערבערגן — דעם פּאָרזיצער פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט (ביז זײַן אָפּפֿאָר קיין ביראָבידזשאַן איז, ווי שוין פֿריִער דערמאָנט, ליבערבערג געווען דער גרינדער און דירעקטאָר פֿון קיִעווער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אַלאוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע). ער איז טאַקע געווען צווישן די סאַמע ערשטע קרבנות — מען האָט אים אַרעסטירט סוף זומער 1936. און תּיכּף איז די גאַנצע ייִדישע געגנט, אין אַלע אירע פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך, אויף לאַנגע חדשים אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אָנעלעקטריזירטע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, וווּ מ׳האָט געהאַלטן אין איין אויסשליסן פֿון פּאַרטיי און אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט יעדערן, וואָס האָט נאָר געהאַט דעם מינדסטן שײַכות צו דעם „שאָוויניסטישן טראָצקיסט ליבערבערג, וועמען די יאַפּאַנישע רעגירונג האָט אַהער אַרײַנגעשמוגלט ווי אַ מיטגליד פֿון דער שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע, וועמענס ציל איז אָפּצורײַסן דעם ווײַטן מיזרח פֿון סאָוועט־רוסלאַנד״ (פֿון אַ פּראָטאָקאָל פֿון די אומצאָליקע מיטינגען).

„די קיִעווער״ איז געוואָרן אַ זידלוואָרט. די בעסטע פֿרײַנד ווײַכן פֿון אונדז. די ערד ברענט שוין אונטער די פֿיס פֿון יעדן איינעם, וואָס שטאַמט פֿון קיִעוו. מיר האָבן מורא זיך צו באַגעגענען איינער מיטן אַנדערן, און די איינזאַמקייט, אויף וועלכער מיר פֿאַראורטיילן זיך אַליין, דריקט ניט ווייניקער ווי די שרעק פֿאַרן אַרעסט. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע, און געוואַרט יעדע נאַכט... ווער פֿון די קיִעווער האָט

נאָר די מינדסטע מעגלעכקייט, אַנטלויפט: קוויטני, עליאָוויטש, חיים און רבֿקה גוסאָווסקי, ברוך ווײַסמאַן — דער אַלמוני, זײַן פֿרוי פּאַליע, דער הויך קוואַליפֿיצירטער עקאָנאָמיסט גוטמאַן און נאָך און נאָך.

איך בין שוין אויסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי מיטן שטעמפּעלע „פֿאַרן פֿאַרלירן די פּאַרטייִשע וואַכזאַמקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין יאָרנלאַנגער מיטאַרבעט מיטן שׂונא פֿון פֿאָלק יוסף ליבערבערג, און ניט אויפֿדעקן זײַן טראָצקיסטיש־שאָוויניסטישע טעטיקייט". מען שלעפּט מיך אין ביראָבי־דזשאַנער נ.ק.וו.ד. כ׳קום אַהין אָן אָנגעפּעלצטע ווי אַ בער, הגם דער וועטער איז אַ שיינער, און נאָך מיט אַ קוישל וואַרעמע בגדים, וואָס כ׳האָב שוין פֿון לאַנג צוגעגרייט. אין דער היים פּאַק איך עס מער ניט אויס, ס׳איז ניט כּדאַי. און אַזוי איז עס געשטאַנען ביז דער מינוט, ווען כ׳בין עוקר געוועזן פֿון דאַנען. אויך אין וואַגאָן, וווּהין כ׳האָב זיך אַרײַנגעכאַפּט, שטעל איך דאָס קוישל ניט אַוועק אויף דער פּאָליצע, נאָר האַלט עס לעבן זיך, טאָמער נעמט מען מיך אַראָפּ אין מיטן וועג, זאָל איך עס האָבן אונטער דער האַנט. אין אויפֿרעגונג קען איך עס פֿאַרגעסן...

ליבערבערגס פֿרוי ניושע גאָלדשטיין, מיט זייער טעכטערל תּמר האָבן שוין באַוויזן פֿון אינעווייניק צו פֿאַרקלאַפּן מיט ברעטער די טירן פֿון זייער הײַזל, און מיט דער הילף פֿון אַ גרויסער סומע געלט, וואָס ס׳האָט באַקומען אין האַנט אַרײַן דער קאַסירער פֿון אײַזנבאַן, זענען זיי בשלום אַנטלאָפֿן קיין קיִעוו. דער געוועזענער אַביטוריענט פֿון אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור, מײַן ליבהאַרציקער חבֿר בנימין גאָלדפֿײַן, וואָס פֿאַרנעמט דעם פּאָסטן פֿון פֿאַרוואַלטער מיטן געגנטלעכן בילדונגס־אָפּטייל, קומט מער ניט צוריק פֿון אורלויב. ער באַהאַלט זיך ערעגץ אין צענטער פֿון סיביר, און כאַווקין האַלט אין איין אַרויסרופֿן בנימינס פֿרוי וואַליע, צו זיך אין קאַבינעט: „טעלעגראַפֿיר אים, ער זאָל תּיכּף צוריקקומען, אויב ניט וועט פֿאַר אים זײַן ערגער..."

מײַן ניסנען האָט מען שוין אַראָפּגענומען פֿון אַלע אַרבעטן. דאָס איז געשען נאָך צוויי שטורמישע זיצונגען פֿון פּעדאַגאָגישן ראַט אין דער ייִדישער מיטלשול. ער איז דאָך ניט בלויז אַ נאָר וואָס אַריבערגעקומענער אויסלענדער, נײַערט אויך אַ נאָענטער מענטש מיט מיר, אסתּר שנײַדערמאַן. און מיר ביידע זוכן שוין וועגן ווי אַזוי ער זאָל וואָס גיכער עוקר זײַן פֿון דאַנען. ער — דער ערשטער, און איך נאָך אים.

אַגבֿ, אויף דער צווייטער זיצונג האָט זיך פּלוצעם געעפֿנט די טיר און אויפֿן שוועל האָט זיך באַוויזן אַ דערשיטערטער דער פֿאַרוואַלטער מיט דער

שול־ווירטשאַפט ראָזענבערג. ער טוט אַ זאָג צום דירעקטאָר, וועלכער פירט די שטורמישע זיצונג: „חבר קאַפּלאַן, מען איז געקומען נאָך אײַך!" די צוויי ג.ק.ו.ד.־יסטן וואָס האָבן געוואַרט אויף אים אין זאַל פון שול, האָבן אים אַוועקגענומען אין דער פאַרפאַלנקייט אַרײַן.

אויף דער ספּעציעל גערופענער פאַרזאַמלונג פון ייִדישן טעאַטער־קאָלעקטיוו „וועגן העכערן די וואַכזאַמקייט אין טעאַטער", נעמט אַ וואָרט דער ייִדישער אַקטיאָר איקס (וועלכן איך האָב, אַגב, מקרב געווען ווען ער איז געקומען אַהער): „כּל־זמן אַזאַ פאַרשוין ווי אסתּר שנײַדערמאַן, די מיט־העלפערין פון קאָנטררעוואָלוציאָנער ליבערבערג, דרייט זיך נאָך אַרום אויף דער פרײַ, קען קיין רייד ניט זײַן, אַז די ייִדשע קולטור־אַרבעט אין דער געגנט זאָל זײַן ריין פון שאָוויניזם!" און דער אויף טויט דערשראָקענער דירעקטאָר פון טעאַטער, נתן קאָרמאַן, שווײַגט. ער פאַרשטייט: דאָס שטראָפט מען די טאָכטער און מען מיינט די שנור, ד"ה אים אַליין, וואָרעם קאָרמאַן איז אויך פון ליבערבערגס חדר — ער האָט געענדיקט די אַספּיראַנטור אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור.

אַזאַ אַטמאָספער האָט געהערשט אין בירָאבִידזשאַן, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן אַבטשוקס אַרעסט. אַבטשוק איז דאָך ניט נאָר אַ קיִעווער, נאָר אויך אַ מיטאַרבעטער פון ליקווידירטן אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור. „איינער פון זייעריקע" — האָט עמעצער אַ וואָרף געטאָן אויף אונדזער אַדרעס. און דאָס באַפליגלטע ווערטל האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט. איז אונדז געוואָרן נאָך ביטערער דאָס לעבן.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז בלויז די קיִעווער זענען דורכגעגאַנגען די שיבעה־מדורי־גיהנום. אויך מענטשן פון אַנדערע ערטער האָבן מיטגעמאַכט אונדזער גורל. (אַחוץ די, וועמען כאַווקין האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון סמאָלענסק, און דאָס אויך נאָר ביז אַ צײַט. אויך אויף זיי האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן שיטן רדיפות און אַרעסטן נאָך דעם, ווי מ'האָט צוגענומען כאַווקינען, אַנשינען און די איבעריקע אָנפירערס, געשיקטע דורכן צ.ק. פון דער פּאַרטיי, כּדי ניט צו דערלאָזן די געגנט זאָל ווערן אַ „נאַציאָנאַליסטישע"...)

*

דאָס וואָס איך האָב דאָ דערציילט, איז בלויז אַ קליין בינטעלע צופעליק אַרויסגעכאַפּטע פאַקטן, וואָס קומען אויפן זינען אין דער מינוט, ווען כ'שרײַב וועגן אַבטשוקן, וועמענס נאָמען ס'האָט דאָ פיגורירט ווי נאָך אַ באַווײַז, אַז

די קיִעווער דאַרף מען אויסראַטן אין דער ערשטער ריי. און קענען זיי איז טאָקע געווען געווענדט דאָס ערשטע פײַער.

דאָ בעט זיך נאָך צוצוגעבן, אַז כּמעט אַלע ביראָבידזשאַנער מענטשן, וועלכע כ׳האָב דאָ אָנגערופן, זענען סוף־כּל־סוף אַרעסטירט געוואָרן — סײַ די אָרנטלעכע, סײַ די ניט אָרנטלעכע. און אויך צום גרעסטן טייל פון די, וואָס זענען אַנטלאָפן, האָט דערגרייכט די האַנט פון דער נ.ק.וו.ד.

זיבן חדשים נאָך ליבערבערגס אַרעסט איז אויפגעדעקט געוואָרן כאַווקינס „שעדלעכע טעטיקייט אין משך פון דרײַ יאָר״. איינער נאָכן אַנדערן זענען אַרויסגעטראָטן מענטשן און דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי אין דער געגנט האָט געהערשט חניפה, אינטריגעס, פּאָליטישער שפּיאָנאַזש, אָפּנאַרערײַ, פּשוטע גניבות, אין וועלכע ס׳איז געווען פאַרמישט כאַווקין גופא... מ׳האָט אים אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט און אַרעסטירט צוזאַמען מיט זײַנע מענטשן. אין לאַגער האָט ער זיך פאַרנומען מיט שנײַדערײַ, גענייט בגדים פאַר נאַטשאַלסטווע און זייערע פרויען. פון דאָרטן איז ער צוריקגעקומען און געלעבט ווי אַ פּאַרטיי־פּענסיאָנער...

*

אין מיטן דעם גאַנצן פײַער, אין וועלכן כ׳האָב זיך געפונען אין אויגוסט 1937, — באַווײַזט זיך אַן אַרטיקל מיט דער גענויער באַשרײַבונג פון דעם פּאָגראָם אין מײַן היימשטאָט טשענסטאָכאָוו, ווי אַזוי ער איז געווען „אויס־געצייכנט״ אָרגאַניזירט דורך די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. פאַראַן אַ סך פאַרווונדיקטע און באַראַבעוועטע; ווי אַזוי דער פּאָגראָם גייט אונטערן לאָזונג „ייִדן, פאַרלאָזט פּוילן!״, און נאָך שרײַבט זיך אין דעם אַרטיקל, אַז „די ציוניסטן, די קאָנטררעוואָלוציאָנערן זענען אויך פאַר דעם לאָזונג...״

מײַן אומרו איז געווען גרויס: דאָרטן לעבן מײַנע טאַטע־מאַמע, מײַנע ברידער מיט זייערע משפחות, מײַן פאַרצווייגטע משפחה! וואָס איז מיט זיי? ווי דערוויסט מען זיך עפּעס גענויערס?

אָבער איך האָב דאָך שוין זינט יאָרן פחדניש איבערגעריסן מיט מײַן היים, אָנגעשריבן „שרײַבט ניט צו מיר, ווײַל איך פאָר אַריבער אין אַן אַנדער שטאָט און מײַן אַדרעס איז מיר נאָך ניט באַוווסט״.

און איך געפין זיך איצט, סוף זומער 1937, אין אַזאַ קלעם! מײַן פרײַהייט הענגט אויף אַ האָר. כ׳קען אַפילו ניט טרוימען זיי אָנצושרײַבן און פרעגן וואָס הערט זיך. גיי איך אַרום מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

שוין בײַם בראשית

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו מײנען, אַז דער קאַמף קעגן יעדן פּרוּוו צו פֿאַרוואַנדלען ביראָבידזשאַן אין אַ נאַציאָנאַלער ייִדישער היים, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט כאַווקינס קומען אַהער. נאָך פֿאַר דער פּראָקלאַמירונג פֿון 7טן מײַ 1934 צו פֿאַרוואַנדלען דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן אין אַ ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, גייט אָן אַן ענערגישער קאַמף קעגן דער „ייִדישער געפֿאַר" אין ביראָבידזשאַן. כּדי זיך צו איבערצײַגן אין דעם, מײן איך, איז גענוג זיך צו באַקענען מיט דער רעדע פֿון גורעוויטשן, כאַווקינס פֿאָרגייער, דעם דעמאָלטיקן הויפּט־בעל־הבית, דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון דער ראַיאָנער ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. געהאַלטן האָט ער די דאָזיקע פּראָגראַם־רעדע אָנהייב יאַנואַר 1934 אויף דער עלפֿטער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿון דער ווײַט־מיזרחדיקער קאַנטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כאַבאַראָווסק.

הגם בלויז אויפֿן ענטוזיאַזם פֿון די „געוועזענע" קען די פּאַרטיי רעכענען די ערשטע צײַט, און זי נוצט טאַקע אויס זייער ענטוזיאַזם, זוכט זי שוין דעמאָלט מיט ליכט קאַדרען רייַנע פֿון דער דאָזיקער זינד, און שטעלט פֿאַר זיי די אויפֿגאַבע: זײַט אויף דער וואַך! קוקט זיי אויף די פֿינגער! דערלאָזט ניט, זיי זאָלן זיך פֿונאַנדערגאַרטלען!..

„בײַ אונדז" — זאָגט גורעוויטש — „איז די אָנפֿירונג געווען אַ פֿאַרמיסטיקטע. אין ביוראָ פֿון רײַקאָם האָבן זיך געפֿונען אַ סך געוועזענע בונדאָווצעס"... און ווײַטער: „ווען געוועזענע מיטגלידער פֿון אַנדערע פּאַרטייען קלײַבן זיך צונויף אין איין אָרט אין אַ גרויסער צאָל און דערצו נאָך אין אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן, קומט דערפֿון קיין גוטס ניט אַרויס".

שוין דעמאָלט ווינטשט זיך ניט די פּאַרטיי קיין נאַציאָנאַלע ייִדן אין ביראָבידזשאַן. זי איז זיכער, אַז אין יעדן „געוועזענעם" איז געבליבן פֿאַרטײַעט אַ ייִדיש נאַציאָנאַל געפֿיל. און ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? שוין אין יאַנואַר 1934, ווען דער ביראָבידזשאַנער ראַיאָן ציילט די נישטיקע צאָל ייִדן — זעקס טויזנט נפֿשות. אַזוי פֿיל, ווי איינע אָדער צוויי ק׳עווער גאַסן פֿאַרמאָגן! זי, די פּאַרטיי, וויל אָנפֿירערס, וועלכע האָבן ניט קיין שום נאַציאָנאַל־ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן עבֿר. אַזעלכע, פֿאַר וועלכע דער ביראָבידזשאַנער ייִדישער ראַיאָן איז ווי יעדער אַנדערער ראַיאָן, אין וועלכן מ׳דאַרף אײַנפֿירן קאָמוניסטישע פּאַראָנדקעס, וועלכן מ׳דאַרף קאָלאָניזירן פֿאַרן קאָמוניזם.

און ווי אויף צו להכעיס רײַסן זיך קיין ביראָבידזשאַן דווקא די „געוועזענע", מיט דער האָפענונג, אַז דאָ וועלן זיי געפינען דעם אויסוועג פאַרן סאָוועטישן ייִדנטום, עס זאָל אײַנהאַלטן זײַן נאַציאָנאַל פּנים.

און זע נאָר, זע, ווי די פּאַרטיי שרעקט זיך דאָס — מיר זאָלן זיך נאָר ניט גרופּירן אין אַ גרעסערער צאָל!

און ווי געפעלט אײַך דער גרויסער ליגן גורעוויטשעס, אַז „געוועזענע מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען דערמאָנען מיר ניט זייער פאַרגאַנגענהייט, ווען זיי אַרבעטן גוט".

אַך, ווי מען פלעגט דאָס יעדערן פון אונדז דערמאָנען! אויף שריט און טריט! און ווי דערנידעריקנדיק עס קלינגען אין די אויערן פון די „געוועזענע", אַז „דאָרטן ווו זיי גרופּירן זיך אין איין אָרט אין אַ גרויסער צאָל... קומט דערפון קיין גוטס ניט אַרויס!" קען דען זײַן אַ גרעסערער פּאַטש אין פּנים פאַר די, וואָס דינען מיט לײַב און לעבן דער פּאַרטיי?!

די גאַנצע צײַט האָבן מיר, „געוועזענע", זיך געפילט ווי צוויית, דריט ראַנגיקע מענטשן, אויף וועלכע מ'קוקט מיט חשד און אומצוטרוי. אין ביראָבידזשאַן האָט דאָס אָנגענומען אָפענע העסלעכע פאָרמען. און דאָס האָט געבראַכט צו ענדערונגען אין דער פּסיכיק פון יעדערן פון אונדז.

שווער געווען צו האַלטן דעם קאָפּ אויפגעהויבן. אַ ליאַדער גאַרנישט, אַ האַלב גראַמאָטנער, אָפּט מאָל מאָראַליש צעלייגטער קאַריעריסט האָט שטענדיק און אומעטום געהאַט אַן איבערוואָג לגבי אַ „געוועזענעם", מעג דער לעצטער זײַן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס קען ברענגען אַ סך מער נוצן, ווי יענער טויגעניכטס מיט אַ „ריינער" פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט. כּמעט אין דער אָנפירונג האָבן דאָס אָפן געזאָגט יעדערן פון אונדז אין די אויגן, געדרשנט וועגן דעם אויף פאַרזאַמלונגען. און דו זיצסט אַן אײַנגעשרומפּענע, אײַנגעקאָרטשעטע אין זיך און טראַכסט: גאָטעניו, וויפל קען מען טרעטן אויף דער ווערדע פון מענטשן?

נאָר לאָמיר הערן וואָס דער ביראָבידזשאַנער מושל גורעוויטש רעדט ווײַטער: „אַ גרויסע צאָל ,געוועזענע' — בונדאָווצעס און ציוניסטן — איז געווען אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין ביראָבידזשאַן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיט זיי פירט אַן ניט דער קאָנטישער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, נאָר דער צענטראַלראַט פון „גע־זערד". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז אַ פּראָלעטאַרישע, נאָר איך האַלט, אַז אין דער אָנפירונג האָט זיך דאָרטן אָנגעקליבן אַ גרויסע צאָל געוועזענע בונדיסטן". און ווײַטער: „דער צענטראַלראַט פון „געזערד"

האָט זיך געקליבן בויען בירָאָבידזשאַן נאָר פֿאַר ייִדן און נאָר מיט ייִדישע הענט, איז ביי אַ טייל פֿון זיי איצט אָפּגעפֿאַלן דער חשק צו בויען דעם ראַיאָן".

וואָס מער מ'האָט אונדז פֿאָרגעוואָרפֿן אונדזער „טרייפֿע" פֿאַרגאַנגענהייט, אַלץ מער האָבן מיר, די „טרייפֿע", זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן. אַזוי אַרום איז דער רעזולטאַט געווען אַ פֿאַרקערטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען אויך געווען פּחדנים, וואָס האָבן געוויינט פֿון זייערע נעכטיקע פּאַרטיי־חברים. די באַציִונג צו „געוועזענע" מצד דער פּאַרטיי האָט מאָראַליש געווירקט נעגאַטיוו אויף אַ טייל פֿון זיי. אַזעלכע האָבן געוואָלט דערווייזן דער פּאַרטיי, אַז אומזיסט איז איר אומצוטרוי. ווי אַזוי קען מען דאָס דערווייזן? פּשוט. מיט פֿרומע פּראַקטישע מעשׂים: טאָן אַלץ וואָס די פּאַרטיי הייסט און נאָך מער ווי זי הייסט... און ווידער די, וואָס האָבן נאָך אַלץ בלינד געגלייבט דער פּאַרטיי, האָבן זיך כּסדר פֿאַרנומען מיט „זעלבסטאַנאַליז": צי זענען ביי מיר טאַקע ניט פֿאַרבליבן רעשטלעך פֿון מיין נאַציאָנאַליסטישן נעכטן? זיך אַליין געשטראָפֿט, זיך אַליין געמוסרט: פֿע, ס'איז ניט שיין!

„איצט" — דערציילט ווייטער גורעוויטש — „האָבן מיר זיך שוין באַפֿרייט פֿון די געוועזענע בונדיסטן, ליבעראַלן, ציוניסטן... מיר האָבן איצט אַ קלאָרע ליניע, ניט קיין בונדישע, ניט קיין ציוניסטישע, נאָר אַ באָלשעוויסטישע ליניע".

כ'מיין, אַז דאָס ציטירטע איז פֿולקום גענוג, כּדי דער לייענער זאָל זיך איבערצייגן, אַז דער קאַמף קעגן יעדן פּרווו צו שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלע ייִדישע היים איז געפֿירט געוואָרן שוין ביים סאַמע אָנהייב פֿון אויפֿשטעלן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט.

און נאָך איין ציטאַט פֿון גורעוויטשעס רעדע: „די ציוניסטן, פֿאַשיסטן, די בונדיסטן און אַלע איבעריקע אויסוואורפֿן פֿאַרשפּרייטן די ווילדסטע רכילות אויף דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד און אויף דער לעניניסטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון אונדזער פּאַרטיי. זיי האַלטן אין איין דערווייזן, אַז פֿון די פּלענער מיט בירָאָבידזשאַן וועט גאָרנישט אַרויסקומען". ווי נביאיש איז געווען די מיינונג פֿון אַלע קעגנערס פֿון בירָאָבידזשאַן? און ווי נאַריש־נאַיִוו זענען געווען מיר, וואָס האָבן זיך געאיילט אַהין...

דער בעטלער

דאָס משונהדיקע געשטאַלט

מאַכט זיך, אין דער צוויטער העלפט פופציקער יאָרן טרעפן מאָסקווער ייִדישע מענטשן זיצן אויף דער הוילער ערד לעבן דער גרויסער סינאַגאָגע אַ ייִדן אין צעריסענע בגדים, מיט אַ צעפּלאָשעטער באָרד, מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס זייער בליק מאַכט אייַך אויפשוידערן. לעבן דעם ייִד ליגט אַ סידור און אַ ביסל קליינגעלט, וואָס דורכגייערס וואַרפן אים צו.

אויף מאָסקווער גאַסן איז אַזאַ פיגור אַ נייַס. בעטלען איז אין ראַטן־פאַרבאַנד שטרענג פאַרווערט. דער ייִדישער עולם פאַראינטערעסירט זיך מיטן בעטלער: „ווער ביסטו? פון וואַנען קומסטו? וווּ וווינסטו?"

דער בעטלער הייבט פּאַמעלעך אויף די אויגן אויף די נייַגעריקע, לאָזט זיי גיך אַראָפּ און שווייַגט פאַרעקשנט.

די ידיעה וועגן געהיימנישפולן בעטלער לעבן דער גרויסער סינאַגאָגע צעטראָגט זיך איבער דער ייִדישער מאָסקווע: אַ שאָד אַ מענטש. די מיליציע וועט אים סוף־כּל־סוף פאַרשפּאַרן אין תּפיסה. ווי אַזוי איז אים געלונגען ביז איצט עובר צו זייַן אויפן שטרענגן געזעץ, בלייַבט אַ סוד.

הייבט מען אָן פאָרן צו דער סינאַגאָגע — אפשר וועט דער אומגליקלעכער מגלה זייַן, ווער ער איז? ווען אים מאָסקווער ייִדן פּרווון אַרויסהעלפן.

טרעפט מען אים זיצן אויף דעם זעלבן אָרט, די אויגן אַרייַנגעטאָן אין סידור. שטייט מען לעבן אים אַ ווייַלע און מ׳גייט אַוועק מיט גאָרניט.

נאָר איין מאָל, ווען צוויי עלטערע מאָסקווער אייַנוווינערס — מייַן נאָענטער פרייַנד יאַנקל קאַנטאָר און, אויב מייַן זכּרון פאַרפירט מיך ניט, אויך ש. בלומבערג, האָבן זיך אָנגעשטרענגט אייַנגעקוקט אין בעטלערס פּנים און אַ רגע דערבליקט דעם אויסדרוק פון זייַנע אויגן. און בײדע האָבן אין איין קול אויסגערופן: „אָשר! אָשר פּערלמאַן! דאָס זענט איר? איר דער־קענט אונדז ניט, חבר פּערלמאַן?"

דער ציטער, מיט וועלכן דעם בעטלערס גוף האָט דאָס מאָל אָפּגע־

ענטפערט, האָט מײַנע צעציטערטע חברים איבערצײַגט, אַז זיי האָבן קיין טעות ניט. יאָ, דאָס איז ער! אָשר פּערלמאַן! אַ פּנים, באַפרײַט געוואָרן פון לאַגער...

לאַנג האָבן די אַמאָליקע צוויי יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס ניט געקענט קומען צו זיך פון דער אַנטפּלעקונג, שטומע געשטאַנען מיט צוגע־שמידטע אויגן צום צונויפגעקאָרטשעטן געשטאַלט. דאָס איז געוואָרן פון זייער אַמאָליקן באַקאַנטן נאָך פון דער ערשטער העלפט דרײַסיקער יאָרן! שטייען זיי און שווײַגן, און קענען זיך ניט אַ ריר טאָן פון אָרט.

דעם מענטש, איז, זעט אויס, סוף־כּל־סוף געלונגען זיך צו נעמען אין די הענט, מחמת ער האָט נאָך אַ מאָל פאַמעלעך און שווער אויפגעהויבן דעם בליק זײַנעם, אַ קליינע ווײַלע פאַרהאַלטן אים אויף יאַנקל קאַנטאָרן, דערנאָך אויף בלומבערגן... אָבער תּיכּף איז ער ווידער ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן און ווידער אײַנגעגראָבן זײַנע אויגן אין ספר. אומזיסט זענען געווען זייערע באַמיִונגען נאָך אַ מאָל צו דערזען זײַן איבערגעפולטן מיט צער שווערן בליק. אויך זײַן שטים האָבן זיי ניט דערהערט.

*

יעקב קאַנטאָר איז אַ מאָל געווען אַ מיטגליד פון די פּאַרטייען „י.ס.", ס"ס־„פאַראייניקטע". פון די ערשטע אָנפירערס מיט דער יידסעקציע בײַם בילדונגס־אָפּטייל פון געדיכט באַוווינטן מיט יידן קיעווער קרײַז. אַ פעיִקער און אַקטיווער פּובליציסט. אַ סך געשריבן אין די סאָוועטיש־יידישע צײַט־שריפטן און אין דער יידישער טאָגפּרעסע וועגן בילדונג, עקאָנאָמישע פּראָ־בלעמען פון דער יידישער אָרעמקייט אין ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן אײַנ־אָרדענען יידן אויף ערד. ער איז געווען אַ מחבר פון פּאָפּולערע בראָשורן אין רוסיש און יידיש. געווען אַ פאַרברענטער אַטעיִסט, געשריבן אַנטי־רעליגיעזע אַרטיקלען און בראָשורן. צווישן אַנדערע איז אין מאָסקווע, אין 1934 דערשינען זײַנס אַ גרויס בוך אין רוסיש וועגן דער נאַציאָנאַלער בויונג צווישן יידן. דאָס דאָזיקע בוך פירט אונטער אַ סך־הכּל און באַווײַזט מיט ציפערן דעם כּסדרדיקן וווּקס פון דער אַרבעט, וואָס די סאָוועטן־מאַכט האָט דעמאָלט געפירט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אויפן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטור־געביט.

אים האָט אָפּגעגליקט — ער האָט אויסגעמיטן דעם גורל פון דעם רוב יידיש־סאָוועטישע קולטור־טוערס — איז ניט פאַרשיקט געוואָרן, און איז

מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אויף זײַן אייגענער בעט, אַן אַרומגערינגלטער מיט וואַרעמקייט פון זײַן טאָכטער און איידעם.

יעקב קאַנטאָר איז געווען אַ ליבהאַרציקער, איבערגעגעבענער פרײַנד, אַ דרייסטער (אויף וויפל מען האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד געקענט זײַן דרייסט) — ביז שטעלן אין קאָן זײַן אייגענע פּאָזיציע, וועלכע ער האָט פאַרנומען אין דער פּאַרטיי. ער האָט געהערט צו די געציילטע, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אָפענע באַציִונגען מיט די „טרייפענע" משפחות פון אונדזערע פאַרטיליקטע פרײַנד, געהאָלפן זיי אין דער שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען; אַנדערע — מאָראַליש געשטיצט, זיי זאָלן זיך ניט אײַנברעכן אין זייער אומגליק. ער איז אייגער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון ענטוזיאַסטישע בויערס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור. כ׳האָב אים זייער געשאַצט פאַר זײַן נאַיִווער ערלעכקייט, פאַר זײַן וואַרעם ייִדיש האַרץ. ביז מײַן אָפּפאָר קיין פוילן (1958) איז ער געבליבן פּאָליטיש בלינד, געגלייבט, אַז זײַן פּאַרטיי מוז און וועט סוף־כּל־סוף ענדערן איר אַנטיסעמיטישע באַציִונג צו ייִדן. און אַזוי איז ער אַוועק פון דער וועלט — אַ צעווייטיקטער פאַרן גורל פון סאָוועטישן ייִדנטום.

ש. בלומבערג — אַן אומפּאַרטייִשער, אַ מענטש פון הויכער קולטור און עטיק, דער איבערגעגעבענער סעקרעטאַר פון צענטראַלראַט „געזערד" אין מאָסקווע. מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז ער האַלט זיך אין „געזערד" בלויז דערפאַר, ווײַל דאָ האָט ער אַ מעגלעכקייט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער ברייטער ייִדישער וועלט, מחמת אַהער פלעגן דורך דעם „גלאַוויט" (צענזור) צוגעלאָזט ווערן צײַטשריפטן און די טאָגפּרעסע פון דער וועלט, וואָס האָט פּאָזיטיוו געשריבן וועגן דער ווירטשאַפטלעכער אײַנאָרדענונג פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד. בלומבערג איז געווען שטאַרק באַליבט און געאַכפּערט פון אַלעמען. ער האָט אײַך בסוד־סודות דערלויבט אַ קוק געבן אין אַן אויסלענדישער אויסגאַבע. ער האָט דאָרטן געאַרבעט ביז די נ.ק.וו.ד. האָט אין 1938 דעם „געזערד" צעפּאָגראָמירט און זײַנע אָנפירערס אַרעסטירט. בלומבערג האָט געהאַט גליק, געזעסן בלויז אַ קורצע צײַט. ווען איך האָב זיך מיט אים שפּעטער באַגעגנט אין מאָסקווע, האָט ער געאַרבעט אין רוסישע פּעדאַגאָגישע אַנשטאַלטן.

★

די רייד פון אַמאַליקע ייִדישע טוערס וואָס קומען צום טויער פון דער סינאַגאָגע, העלפן ניט. אָבער יעדן מאָל, ווען דער בעטלער — פּערלמאַן — דערהערט אויף ס'ניי אָנרופן זײַן נאָמען, רעאַגירט ער אַזוי, ווי דאָס ערשטע מאָל: ער איז ניט בכוח צו באַהערשן דעם צאַפּל פון אויסגעמאַטערטן גוף, קאָרטשעט זיך אײַן, ווי ער וואָלט וועלן נאָך קלענער ווערן, און ערשט אין אַ פּיינלעכער ווײַלע אַרום נעמט, זעט אויס, די אייבערהאַנט דער נײַגער: ווער רופט מיך? ווער געדענקט מיך? און פּאַמעלעך הייבט ער אויף זײַן שווערן, ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסענעם קאָפּ, קוקט און שטומט, שטומט פאַר־עקשנט...

דאָס האַרץ קען פּלאַצן פון אָט דעם בליק זײַנעם... ווען מ'קומט אַ ביסל צו זיך, לאָזט מען איבער אויף דער ערד לעבן אים אַ הײַפעלע קליינגעלט, אַ שטיקל טרוקן עסן, אַ מלבוש, און מ'גייט אַוועק פאַרזונקען אין פינצטערע מחשבות.

די צײַט מאַכט ס'איריקע: ביסלעכווײַז האָט מען זיך צוגעוווינט צום בעטלערס געשטאַלט און אויפגעהערט אים צו באַאומרויִקן. וועגן זײַן ווײַטער־דיקן גורל ווייס איך ניט. כ'האָב פאַרלאָזט דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

דער נעכטן פון סאָוועטישן בעטלער

ווער איז פאַרט, דער דאָזיקער בעטלער, וואָס זיצט איצט, סוף פופציקער יאָרן, בײַם טויער פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע, און זײַן נאָמען איז אָשר פּערלמאַן? אַ וועלכער איז זײַן נעכטן?

כּדי צו דערציילן כאָטש עטלעכע פּרטים וועגן אים, מוז דער לייענער צוזאַמען מיט מיר זיך אַריבערטראָגן אין זײַן, אָשר פּערלמאַנס, געבוירן־לאַנד, קיין פּוילן.

ווען איך בין, האַרט פאַר מײַן אַנטלויפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, כּדי דאָרטן צו טאָן אַ פּאַסקודנע שטיקל אַרבעט — באַהאַלטן הינטער דער בינע פון גרויסן זאַל פאַרבאָטענע קאָמוניסטישע ליטעראַטור, טרעפן זיך מיט אַרומגעזוכטע דורך דער דעפענסיווע אומלעגאַלע חברים, און אַנדערע מעשׂים־טובים, פלעג איך צו מאָל באַגעגענען אויך דעם זשורנאַליסט פון „מאָמענט“ אָשר פּערלמאַן און, נאַטירלעך, געקוקט אויף אים, ווי אַלע פון מײַן חדר, מיט שלעכט באַהאַלטענעם ביטול, פון אויבן אַראָפּ: „אַ קליינבירגערלעכער

זשורנאַליסט, וואָס דינט דער יידישער ברוזשואַזיע". און אין „מאָמענט" האָט פערלמאַן אָפּגעאַרבעט כּמעט פופצן יאָר — ביז 1934.

געבוירן איז ער אין וואַרשע אין 1895. אַ סך יאָרן געווען אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד — מיטגליד פון דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי". ער האָט געשטאַלצירט מיט דער פריינדשאַפט, וואָס דער פּאָפּולערער ביים פּוילישן יידנטום נח פּרילוצקי האָט אים געשענקט. ער איז אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון וואַרשעווער „דאָס פאָלק". געדרוקט אַרטיקלען אין ווילנער און אין אַנדערע יידישע אויסגאַבעס.

אָבער זינט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער האָבן אָנגעהויבן שרייבן וועגן אויפבויען אַ נאַציאָנאַלן יידישן יישוב „בירָאבידזשאַן" (1928), זענען פערלמאַנס סימפּאַטיעס צו ערשט אין דער שטיל, דערנאָך אָפן געווען געווענדט אַהינצו, צום רויטן מיזרח...

אין יוני 1934 האָט די יידישע סעקציע פון דער אומלעגאַלער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויסגענוצט איר השפּעה אויף דער שרעקלעך פּאַר־אָרעמטער יידישער סביבה, און אויף אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און געשאַפן אין וואַרשע די כּלומרשט אומפּאַרטייאישע געזעלשאַפט „אַגראָייד" מיט אָפּטיילן אין גרעסערע און קלענערע שטעט. אָפיציעל האָבן אָנגעפירט מיטן „אַגראָייד" כּשרע פּאַר דער פּוילישער מאַכט, אומפּאַרטייאישע יידישע טוערס. אָבער זיי אַלע זענען בסוד־סוד'ות געווען — ווער ענגער, ווער לויזער — פאַרבונדן מיט דער יידסעקציע. זיי, די דאָזיקע סימפּאַטיקערס, ניט אַזוי פונעם קאָמוניזם, ווי פון בירָאבידזשאַן, האָבן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אויסגעפירט די באַשלוסן פון דער יידישער סעקציע אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי... אין שפּיץ פון „אַגראָייד" זענען, צווישן אַנדערע, אויך געשטאַנען צוויי יידישע זשורנאַליסטן,ביידע מיטאַרבעטערס פון דער בירגערלעכער טאָגצייטונג „דער מאָמענט" — מ. סוריץ און אָשר פערלמאַן.

פאַר דער אָפיציעלער סאַנאַציע־מאַכט האָט עס געהייסן, אַז דער „אַגראָ־ייד" שטעלט זיך בלויז צוויי אומשולדיקע צילן: שאַפן באַדינגונגען פאַר פּראָדוקטיוויזירן די יידישע אָרעמשאַפט אין פּוילן, און צווייטנס — אויס־קלאָרן, טאַקע ניט מער ווי אויסקלאָרן די מעגלעכקייטן פון אַריבערפעקלען קיין בירָאבידזשאַן כאָטש אַ טייל פון די „אומגעוואונטשענע און פאַרהאַסטע" יידישע דעקלאַסירטע עלעמענטן. אַזוי איז געווען געשריבן פאַר דער רעאַקציאָנערער מאַכט.

אָבער דער ציל פון „אַגראָייד" איז פּאַקטיש געווען ניט אַזוי אויסקלאָרן

ווי אַגיטירן פֿאַר ביראָבידזשאַן, שיקן פֿון פּוילן אַהינצו איבערוואַנדערערס, זאַמלען מאַטעריעלע הילף פֿאַר דער אויטאָנאָמער געגנט. און דער עיקר שבעיקר — וועקן סימפּאַטיע פֿאַרן קאָמוניזם.

נאָך פֿאַר דעם האָבן אין אַ סך פּוילישע שטעט עקסיסטירט פּראָ־ביראָ־בידזשאַנישע אומלעגאַלע קרײַזלעך, צווישן אַנדערע — אין לאָדזש און אין טשענסטאָכאָוו. איך בין שוין דעמאָלט געווען אין סאָוועט־רוסלאַנד. און ערשט דאָ, אין מדינת־ישׂראל, האָט מיר מײַן פֿרײַנד ליבער ברענער, וואָס האָט יאָרנלאַנג געלעבט אין מײַן היימשטאָט, דערציילט, אַז אין טשענסטאָכאָוו האָט מיטן קרײַז און דערנאָך מיטן אָפּטייל פֿון „אַגראָ־ייִד" אָנגעפֿירט דער געוועזענער שומר־הצעירניק יוסף היימאַן.

אין דער שטאָט לוואָוו וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו פּוילן, איז דער קאָמפּאַרטיי געלונגען צו שאַפֿן אָפּטיילן פֿון „אַגראָ־ייִד" אין די גרעסטע ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראייניגן פֿון בעקערס, בויערס, שנײַדערס א"אַנד.

צום סוף 1934 זענען אין לוואָוו פֿאָרגעקומען גרויסע מאַסן־פֿאַרזאַמ־לונגען, אויף וועלכע ס'פּלעגן אַרויסטרעטן אַזעלכע פּאָפּולערע פּראָפֿעסיאָנעלע קאָמוניסטן, ווי זיגמונט יאַלעס, אויף ייִדיש, און דער סימפּאַטיקער פֿון דער קאָמפּאַרטיי פּסח שטאַרק — אויף פּויליש. מענטשן פֿון אַלע שיכטן, פֿון אַלע פּאַרטייען זענען געלאָפֿן הערן זייערע פֿלאַמפֿײַערדיקע רעדעס וועגן דעם, ווי דאָרטן, אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ייִדישע סאָציאַ־ליסטישע היים און אַהינצו דאַרפֿן זײַן געווענדט די בליקן פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט אין פּוילן.

זיגמונט יאַלעס — אַן אַלטער פֿאַרדינסטפֿולער קאָמוניסט, איז אין סאָציאַליסטישן פּוילן נאָמינירט געוואָרן אויף אַ הויכן מלוכה־פּאָסטן. ווען די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, איניציִרט פֿון דער פּאַרטיי, האָט נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה פֿון מדינת־ישׂראל זיך דערקײַקלט קעגן אַזעלכע פּראָמי־נענטע פּוילישע באַאַמטע פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, ווי זיגמונט יאַלעס, איז אויך ער אַראָפּגעטריבן געוואָרן פֿון זײַן פּאָסטן. דער קלאַפּ איז פֿאַר אים געווען אומגעהײַער גרויס, און ער, דער אַמאָליקער ייִדיש־רײדנדיקער, פֿלאַמיקער אַגיטאַטאָר פֿאַר ביראָבידזשאַן, האָט באַקומען אַ האַרצאַטאַק.

פּסח שטאַרק לעבט ביז איצט. ווען איך שרײַב די דאָזיקע שורות, אין אַנטיסעמיטישן פּוילן. ער געהערט צו די אָנגעזעענסטע פּוילישע שרײַבערס; זײַן ליטעראַרישער פּסעוודאָנים איז סטריקאָווסקי. אין זײַנע שאַפֿונגען פֿאַר־

נעמט אַן אָנגעזועץ אָרט די נאָסטאַלגיע פון אויטאָר צום אויסגעראָטענעם פּוילישן ייִדנטום, צום פאַרשוווּנדענעם פּויליש־ייִדישן שטעטל מיט זײַנע פאַרבנרײַכע ייִדישע געשטאַלטן. סטריקאָווסקי באַהאַלט ניט אין זײַנע ווערק די טיפע אַנטוישונג, וועלכע ער לעבט איבער לגבי דעם קאָמוניסטישן רעזשים, באַזונדערש לגבי דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

„דער ענטוזיאַזם, וואָס האָט געהערשט אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס׳פלעגן נעמען אָנטייל זיגמונט יאַלעס און פסח סטאַרק, איז געווען אין לשער״ — דערציילט מיר שוין דאָ, אין ישראל, די פרוי נעלאַ סטאַניק, וועלכע האָט דעמאָלט, אַ קאָמיוגיסטקע, אַקטיוו אָנטיילגענומען אין דער טעטיקייט פון „אַגראָיִד״ אין לוואָוו.

קיין גרויסע פּראַקטישע אַרבעט האָט דער „אַגראָיִד״ ניט באַוויזן אויפֿצוטאָן אין פּוילן. זעלטן וועמען ס׳איז געלונגען איבערצוּוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן.

*

נאָך דער גרינדונג פון „אַגראָיִד״ האָט אין וואַרשע (זינט 1933) עקסיסטירט דער פּראָסאָוועטישער חודשניק „איבערבוי״. זײַן טעמאַטיק איז בעיקר געווען צו ווײַזן די גרויסע דערגרייכונגען פון דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער קולטור־בויונג צווישן ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אים, דעם פּויליש־ייִדישן לייענער, אַגיטירן, ער זאָל העלפן בויען די סאָציאַליסטישע היים אין ביראָבידזשאַן. אַגב, האָט אין „איבערבוי״ אַקטיוו מיטגעאַרבעט אויך דער באַקאַנטער לינקער ייִדישער שרײַבער אַלטער קאַציזנע. אַרויסגעבן אַ זשורנאַל איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. ווו נעמט מען זיי? איינער פון די ענטוזיאַסטישע רעדאַקטאָרן פון דעם „איבערבוי״ איז געווען אָשר פּערלמאַן. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אומלעגאַלע קאָמוניסטישע אויסגאַבעס, וואָס פלעגן דערשײַנען פון צײַט צו צײַט אין קראָקע, אין וואַרשע, לאָדזש, לוואָוו און אין אַנדערע פּוילישע שטעט. אים געלינגט צו פאַראינטערעסירן מיטן „איבערבוי״ זײַן פאַרמעגלעכן שווער קאַשער, און יענער לייגט אַרײַן אַ באַטײַטיקע סומע געלט אין דעם עסק און פאַרלירט עס גאַנץ גיך.

די מענטשן פון „איבערבוי״ זענען געוואָרן די הויפּטטוערס אין דער נײַ־געגרינדעטער געזעלשאַפט „אַגראָיִד״. אָשר פּערלמאַן איז געווען אַ

דרייסטער מענטש. ער שטעלט זיך אין דירעקטער פֿאַרבינדונג מיטן צענטראַל־ראַט פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן „געזערד" אין מאָסקווע. ער איז דאָרטן אויך געווען ווי אַ דעלעגאַט פֿון „אַגראָ־יד" אויפֿן דריטן פּלענום פֿון „געזערד", וווּ דעם הויפּטאָרט האָבן פֿאַרנומען פּראָבלעמען, פֿאַרבונדענע מיט ביראָבידזשאַן. ער ווייסט, אַז אים דראָט נאָך זײַן צוריקקומען קיין פּוילן אַרעסטירט צו ווערן, און דאָך דערשלאָגט ער זיך בײַ דער סאָוועטישער מאַכט אַ דערלויבעניש צו באַזוכן ביראָבידזשאַן. זײַנע אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט פּערלמאַן פּובליקירט אין דער ייִדישער פּרעסע פֿון פּוילן און אַרגענטינע. דאָס בוך וואָס ער האָט נאָך זײַן צוריקקער קיין פּוילן אָנגעשריבן וועגן זײַן נסיעה איבער דער געגנט, איז געווען אַן אמתער לויבגעזאַנג צו אַלץ, וואָס מ׳האָט אים דאָרטן דערלויבט צו זען, און צו דעם, וואָס מ׳האָט אים דאָרטן אָנגעדערציילט. פּערלמאַנס אַרטיקלען און זײַן בוך האָבן געהאַט גרויס דערפֿאָלג און געשאַפֿן אין די אויסלענדישע לינק געשטימטע קרײַזן נײַע סימפּאַטיקערס פֿאַר ביראָבידזשאַן.

נאָר לאָמיר זיך צוריקקערן קיין וואַרשע, וווּ פּערלמאַן איז צוריקגעקומען פֿון סאָוועט־רוסלאַנד מיט נײַע כּוחות און נאָך הייסער זיך גענומען אַגיטירן פֿאַר ביראָבידזשאַן.

גאָר גיך האָט די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונג זיך געכאַפּט, אַז דער זשורנאַל „איבערבוי" און אויך דער „אַגראָ־יד" פֿירן אַ טעטיקייט אויסשליסלעך לטובֿת דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, און זיי בײדע אין 1935 ליקווידירט. כּדי ניט אַרײַנצופֿאַלן אין תּפֿיסה האָט פּערלמאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון „איבערבוי" און מחבר פֿון בוך „ביראָבידזשאַן", געמוזט עוקר זײַן פֿון פּוילן.

ווּהין פֿירט דער וועג פֿון אַ פֿאַרפֿאָלגטן הייסן קעמפֿער פֿאַר דער ערשטער סאָציאַליסטישער ייִדישער מלוכה, אויב ניט קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד ? און פּערלמאַן באַקומט מיט מזל די דערלויבעניש אַרײַנצופֿאָרן קיין מאָסקווע. ער באַזעצט זיך דאָרטן מיט זײַן פֿרוי, שׂרה קאַשער און זייער בן־יחידל. גלײַך נאָך זײַן קומען טרעפֿט אים אָבער דער ערשטער גרויסער אומגליק: אונטער אַ טראַמווײַ איז דערהרגעט געוואָרן זײַן ייִנגעלע. דער ווייטיק פֿון פֿאָטער איז אומגעהײַער גרויס. גוט וואָס ער געפֿינט אַ שטיקל טרייסט אין דער אינטערעסאַנטער אַרבעט, וואָס ער פֿירט אין זײַן נײַער היים. אין סאָוועט־רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין פֿעיִקע ייִדישע פּובליציסטן. פּערלמאַן געווינט דעם צוטרוי און חן אין די אויגן פֿון קאַפּריזנעם, שטרענגן און פּאָליטיש אָפּגעהיטענעם משה ליטוואַקאָוו, וואָס נעמט אים אָן

ווי אַ שטענדיקן מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע פון מאָסקווער „דער עמעס".
אין דער זעלבער צײַט דערשײַנען אויך פּערלמאַנס אַרטיקלען אין מינסקער
„אָקטיאַבער". ביז דעם חרם, וואָס כאַווקין האָט אַרויפגעלייגט אויף זײַן ביכל
בײַ זיך אין „ייִדישן מלכות", דרוקט פּערלמאַנס אַרטיקלען אויך דער „ביראָ־
בידזשאַנער שטערן". דאָס געדויערט אָבער ניט לאַנג. יעזשאָווס האַנט דער־
גרייכט אויך צו פּערלמאַנען. אין 1937 איז ער נעלם געוואָרן פון מאָסקווע.

פּערלמאַנס בוך און דער ביראָבידזשאַנער מושל

דער הויפּט־בעל־הבית פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט איז שטאַרק
פאַרנומען. לייענען די פּרעסע האָט ער קיין צײַט ניט און קיין געדולד אויך
ניט. וועגן איבערלייענען אַ בוך אָדער אַ בראָשור קען גאָר קיין רייד ניט
זײַן. אגב, ער, דער „ריינער" פּראָלעטאַריער (ביז דער רעוואָלוציע —
אַ פאַרגרעבטער שנײַדער־געזעל; נאָך דער רעוואָלוציע — אַ רויטער מיליצ־
יאָנער; אַ צײַט — דער לײַבוועכטער פון לאַזאַר מאָיִסייעוויטש קאַגאַנאָוויטש)
פאַרמאָגט בכלל ניט אַזעלכע „אינטעליגענטישע געוווינהייטן"... לייענען
ביכער? דאָס טוען פאַר כאַווקינען זײַנע משרתים.

וואָלאָברינסקיס אויפגאַבע איז געווען: איבערדערציילן זײַן בעל־הבית
וואָס, ווען און ווו מען רעדט און מען שרײַבט וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער
געגנט — דער עיקר אין דער ייִדישער שפּראַך. אויף איבערדערציילן ידיעות,
וואָס זענען געדרוקט אין רוסיש, אויף דעם דאַרף כאַווקין וואָלאָברינסקין
ניט האָבן. דערצו האָט ער אַנדערע, מער „אייגענע" מענטשן, וועלכע ער
האָט אַהער אַראָפּגעבראַכט. און דאָ קום איך שוין צו נעענטער צו אשר
פּערלמאַנס בוך וועגן ביראָבידזשאַן.

ווען קיין ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען דאָס דאָזיקע בוך, האָט, ווי
שטענדיק, וואָלאָברינסקי, באַדאַרפט ער איבערדערציילן זײַן בעל־הבית קודם־כל
די ערטער, וואָס זענען אים פּאָליטיש חשוד. דאָס מאָל זענען עס געווען
די זײַטלעך, ווו דער אויסלענדישער מחבר באַשרײַבט איינעם אַן אַלטן
פאַררעוואָלוציאָנערן ריין רוסישן קאָזאַקישן דאָרף, וואָס טעריטאָריעל האָט
ער איצט געהערט צו דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, אָבער דערווײַלע
לעבן נאָך דאָ די פּראַוואָסלאַוונע פּויערים לויט זייער אייגענעם אַמאָליקן
שטייגער. איז ער, דער גאַסט פון פּוילן, איבערראַשט געוואָרן פון דער...
זאַטקייט וואָס הערשט דאָ. ער באַוווּנדערט די רחבותדיקייט פון זייערע
פעסט געבויטע הײַזער. און נאָך מער — פּערלמאַן דערציילט, אַז ער איז

נשתּומם געוואָרן פון דער גרויסער גערעטעניש, וואָס זיי נעמען אַראָפּ פון זייערע גוט באַאַרבעטע פעלדער...

וואָס איז דאָ שלעכטס אין דעם, ווען מען באַשרײַבט, אַז אײַנוווינערס כאָטש פון איין ווינקעלע אין סאָציאַליסטישן ביראָבידזשאַן לעבן זאַט און אײַנגעפונדעוועט? צו וואָס קען זיך דאָ צוטשעפּען דאָס וואַכעדיקע אויג פון אַזאַ וואָלאָברינסקי?

איז אָבער די צרה, וואָס פּערלמאַן שרײַבט דאָרטן בפירוש, אַז דאָס גאַנצע ביסל דאָברע מזל ציט זיך נאָך פון אַמאָל, אַז דעם פעסטן פונדאַמענט פון זייערווירטשאַפט האָבן זיי, די פרום־פּראַוואָסלאַוונע קאָזאַקן, זיך דער־ראָביעט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע...

איז כאַווקין געוואָרן אַן אויפגעזאָטענער. נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זײַן כּעס, ווען ער האָט דערהערט וואָלאָברינסקיס ווײַטערדיקע רעלאַציע: אין גאַנצן מיט עטלעכע זײַטלעך פריִער גיט פּערלמאַן (אַגבֿ זייער אײדל, ביז גאָר אָפּגעהיט און מיט אַ האַלבן מויל) אָנצוהערן וועגן די שווערע שטייגער־באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די נײַע ייִדישע איבערוואַנ־דערערס. ער שרײַבט, צום בײַשפּיל: „קיין וואַסערלייטונג און קיין קאַנאַלי־זאַציע איז אין איבערוואַנדער־פּונקט ניטאָ, און נאָך וואַסער מוז מען גיין עטלעכע צענדליק מעטער", אאַז"וו.

„ווי קומט עס, אַז מ'האָט אַזאַ רכילות אַרײַנגעשמוגלט צו מיר אין דער ייִדישער געגנט?!" — האָט כאַווקין געקלאַפּט אין טיש. און וואָלאָברינסקי, ווי תּמיד אין אַזעלכע סיטואַציעס, איז געשטאַנען פאַר זײַן בעל־הבית, אַ דערשראָקענער אויף טויט, אַזוי ווי ער, דער געטרײַער מה־יפיתניק, און ניט יענער, דער „קאָנטררעוואָלוציאָנערער" מחבר פון ביכל, וואָלט אָפּגעטאָן דאָס פאַרברעכן לגבי דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד...

וואָס נאָך האָט וואָלאָברינסקי געפונען אין פּערלמאַנס בוך אַזוינס, וואָס איז אים ניט געפעלן געוואָרן, און צוגעטראָגן וועגן דעם זײַן בעל־הבית? טאָ הערט:

1. „די רויטע פאָן וואָס הענגט איבער אַ געביידע, איז געווען אַ מאָל רויט, נאָר איצט איז זי גרוי — אָפּגעבליאַקעוועט פון דער הייסער ביראָ־בידזשאַנער זון."

2. „דער הילצערנער טראָטואַר, וואָס ציט זיך פון וואָקזאַל דורך דער הויפּטגאַס איבער דער גאַנצער שטאָט, איז צעבראָכן. מ'דאַרף עטלעכע טשווע־קעס, כּדי אים צו פאַרריכטן, ער זאָל ווערן גאַנץ."

3. פערלמאַנען געפעלט אויך ניט, פאַר וואָס מען באַגיסט ניט אין די הייסע זומערטעג די גאַסן מיט וואַסער, כּדי די זײַלן שטויב, וואָס הייבן זיך אויף פון די לאַסטמאַשינען אויף די ניט־ברוקירטע גאַסן, זאָלן זיך אַ ביסל זעצן, ווײַל זיי שטעכן אים די אויגן.

4. „די דירות זענען אַזוי געבויט, אַז ווען מ׳רעדט אין איין וווינונג, מוז דער שכן הערן וואָס דער צווייטער רעדט.״

5. ״אין די סטאָלאָוועס פּטרן די קוכערס אַ טייל פון די פּראָדוקטן. די מיטאָגן זענען ניט קיין געשמאַקע.״

איר וועט זאָגן, פערלמאַן קריטיקירט דאָך די פעלערן פון פריִער, ווען כאַווקין איז נאָך בײַ דער מאַכט ניט געשטאַנען. אָבער די טראָטואַרן זענען נאָך איצט, בעת זײַן הערשאַפט, צעבראָכן. די זײַלן שטויב אויף די ניט־ברוקירטע גאַסן עסן נאָך אַלץ די אויגן פון די פאַרבײַגייערס, און די סטאָלאָוועס זענען נאָך איצט אויף צרות...

וואָלאָברינסקין דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט לייגן, און אַדרבא זײַט אַ בריה, פּרוווט שוין אויף מאָרגן בעטן אין אַ ביבליאָטעק פון בירָאָבידזשאַן פערלמאַנס ביכל... ס׳איז פאַרשוווּנדן! ניט בלויז פון דער פּאָליצע, נאָר אויך פון קאַטאַלאָג. אמת, קיין שום צענזאָר האָט עס ניט געהאַט פאַרבראָקירט, און נאָר ער, דער צענזאָר, האָט רעכט דאָס צו טאָן. אָבער ס׳איז פאַרשוווּנדן... וואָלאָברינסקי און כאַווקין האָבן „פאַרריכט״ דעם צענזאָר.

„מען וועט עס זוכן...״ — פאַרזיכערט מיך דער איבערגעשראָקענער אָנפירער פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק י. עליאָוויטש (מײַן ליבהאַרציקער חבר נאָך פון קיִעווער אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור). אַזוי אַרום איז פערלמאַנס ביכל וועגן בירָאָבידזשאַן פאַר די בירָאָבידזשאַנער תושבים אויף אַ ווילקירלעכן אופן אַרויסגענומען געוואָרן פון געברויך, און קיינער פון אונדז האָט עס שוין מער אין די אויגן ניט געזען.

דאָ מוז איך נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן, אַז פערלמאַנס ביכל איז אַ טענדענציעז לויבגעזאַנג פאַר דעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין דער געגנט. די שטייגערישע שווערִיקייטן וועלכע ער האָט באַמערקט, זענען געווען פון די סאַמע קלענסטע און האָבן בײַם לייענער אַרויסגערופן אַ ביטערן שמייכל: אין די גרעסטע שטעט פון סאָוועט־רוסלאַנד האָט דאָך דער רוב אײַנוווינערס אין יענע יאָרן געהאַלטן אַזעלכע שטייגער־באַדינגונגען פאַר אַ נאָרמאַלער דערשײַנונג און זיך, חלילה, ניט געבונטעוועט. אין דער אמתן איז דאָס לעבן אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט געווען אָן אַן ערך

ביטערער און פינצטערער, ווי ער באַשרײַבט עס. דאָס האָב איך, הגם כ'האָב געהערט צו די פּריווילעגירטע, גוט אָפּגעפּילט אויף מײַן אייגענער הויט, ווען איך האָב זיך דאָ באַזעצט.

*

הײַנט, ווען איך פּרוּוו אין זכּרון אויפשטעלן די געשעענישן פון יענע טעג, און כ'פרעג זיך, צי האָט די אומגעזעצלעכע קאָנפיסקאַציע פון פּערלמאַנס בוך דורך דעם סאַמאַדור כאַווקין מיטגעווירקט צו זײַן אַרעסט, קען איך עס ניט זאָגן. מסתּמא וואָלט ער סײַ ווי אַרעסטירט געוואָרן, ווי אַ געוועזענער אויס־לענדישער בירגער. אַזאַ איז געווען דער גורל פון כּמעט אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן. דער צוגעאײַלטער חרם פון ביראָבידזשאַנער מושל האָט בלויז געקענט מיטווירקן, אַז זײַן אַרעסט זאָל פּאַרקומען גיכער און דער פּסק־דין זאָל זײַן האַרבער.

ס'זענען אַוועק אַ סך יאָרן, און דאָס ביסל לעבנגעבליבענע פרײַנד און באַקאַנטע האָבן שוין אָנגעהויבן פּאַרגעסן פּערלמאַנען, נאָר אָט האָט מען אים בײַם אַרײַנגאַנג אין דער מאָסקווער שול פּלוצעם ווידער דערזען. און, ווי דער לייענער ווייסט שוין — אַ בעטלער וואָס איז, זעט אויס, ניט בײַם פולן זינען...

דער גאַסט פון מאָסקווע

„קומט ביידע צו גיין, אַ גאַסט פון מאָסקווע איז געקומען. מירן הערן סאָוועטישע נײַעס" — דאָס קלינגט אונדז אין אײנעם אַ שבת נאָך מיטאָג מײַן בת־עיר רוטע (די פרוי פון ייִדישן קאָמוניסטישן טוער אין וואַרשעווער געטאָ יוסף לעוואַרטאָווסקי, וועלכן די דײַטשן האָבן אומגעבראַכט).

ניסן און איך וווינען שוין באַלד צוויי יאָר אין וואַרשע, אָבער הערן אַ לעבעדיקן גרוס פון ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ מיר האָבן אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון אונדזערע רײַפע יאָרן און קוים מיטן לעבן זיך אַרויסגעריסן פון דאָרטן, אויף דעם זענען מיר שטענדיק להוט.

„דער גאַסט" — רוימט מיר אײַן רוטע, נאָך בײַם עפענען איר טיר — „איז שׂרה קאַשער."

„שׂרה קאַשער?" — און תּיכּף וואַקסט אויס פאַר מײַנע אויגן דער בעטלער בײַם טויער פון דער מאָסקווער שול: איר מאַן, אָשר...

נאָך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד האָבן מיר געוווסט, אַז בעת איר מאַן איז געזעסן אין תּפיסה, האָט זי זיך אָפיציעל און עפנטלעך אָפּגעזאָגט פון אים, טרומייטערט וועגן אָט דעם „פּאַטריאָטישן טאַט" אירן, ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, און התונה געהאַט מיט עפּעס אַ הויכן מיליטער־מאַן. איצט איז זי פון מאָסקווע געקומען אין איר געבוירן־לאַנד אויף אַ לוסטרייזע. און דאָ, אויף קאָזיע־גאַס נומ' 5, זיצט זי ביים געדעקטן טיש און צעזינגט זיך לאַקרעצדיק וועגן „גרויסן גליק וואָס איז איר באַשערט — צו לעבן אין סאַמע הומאַניטאַרן, אין סאַמע פאַרגעשריטענעם לאַנד פון דער וועלט".

אַן אויסגעצירטע אין שרייענדיקע, געשמאַקלאָזע שמאַכטעס, וואָס זי האָט שוין באַוויזן איינצוהאַנדלען, אַרומלויפנדיק איבער די וואַרשעווער קראָמען, פאַרמאַכט זי ניט איר מויל אויף קיין איין מינוט.

„ביי אונדז אין ראַטן־פאַרבאַנד — די העכסטע פּרינציפּן פון הומאַניזם. אונדזער ליטעראַטור? — די פאַרגעשריטנסטע אויף דער וועלט! די סאָוועטישע פּעדאַגאָגיק? — אויף דער העכסטער מדרגה! און די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער? — זי איז אין ראַטן־פאַרבאַנד ריינער, אויפריכטיקער ווי אין דער גאַנצער וועלט!"

„נו, און אַנטיסעמיטיזם?" — פרעגט מיין אויפגעבראַכטער ניסן.

„דאָס טראַכטן אויס שונאים פון לאַנד!"

„און די מיליאָנען קרבנות אין די סאָוועטישע לאַגערן?" — פרעגן מיר.

דאָ דערהערט זיך איר אויפגערעגטער ענטפער:

„סוף־כּל־סוף איז דער קאָמוניזם וויכטיקער, ווי דאָס ביסל מענטשן, וועלכע מ'איז געווען געצוווּנגען אָפּצוראַמען פון וועג, כּדי זיי זאָלן ניט שטערן צו דערגרייכן דעם הויכן ציל!"

פון מינוט וועט אומדערטרעגלעכער צו הערן איר פּלאַפּלעריי ניט נאָר פאַר מיר מיט מיין מאַן, נאָר אויך פאַר אַלע איבעריקע ביים טיש. הגם אַלע זיי, אויסער אונדז ביידן, זענען צוריק אַריינגעטראָטן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט דאָך דער רוב זייערער שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון זיין פּאָליטישע עמיגראַנטן אין ראַטן־פאַרבאַנד און דאָרטן יאָרן לאַנג אָפּגעפּינצטערט אין די לאַגערן. דאָ האָבן זיך צווישן אַנדערע געפונען מאַרישע זאַרסקי — די ריכטערין פון וואַרשעווער געריכט, ד"ר מאַריאַ פראַפּאָרט, פון דער היים — ברון, איר שוועסטער פון פּאַריז — די אַלמנה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם אויסערן־מיניסטער פון פּאָלקס־פּוילן זיגמונט מאָדזעלעווסקי, משה און שׂרה לעדערמאַן (אַלע אָפּשטאַמיקע פון מיין

הימשטאַט טשענסטאָכאָוו) און אויך ראָזע סאָכאַטשעווסקי און רעגינע טאַ־דעליס. די איבעריקע געדענק איך ניט.

אין פּוילן האָט מען דעמאָלט, אָנהייב די זעכציקער יאָרן, נאָך געקענט צווישן אייגענע ריידן אָפענע דיבורים וועגן רוסלאַנד. האָט זיך בײַם טיש אָנגעהויבן אַ הייסער וויכּוח און אַמפּערײַ. אָבער קיין שום דערווידערונגען האָבן אויף דעם סאָוועטישן גאַסט ניט געווירקט. זי האָט פּשוט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו איר. כּדי ס׳זאָל זיך ניט ענדיקן מיט אַ סקאַנדאַל, זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן, כּלומרשט געווען פאַרטאָן אין טרינקען די קאַווע, און נאָר זי, דער גאַסט, האָט געפּלאַפּלט און געפּלאַפּלט...

כ׳בין ניט אין שטאַנד געווען אָפּצורײַסן מײַן בליק פון איר אויסגע־מאַלעוועטן זעלבסט־צופרידענעם פּרצוף. כ׳האָב בשום אופן ניט געקענט זיך באַפרײַען פון ווילן אַ פרעג צו טאָן: דו, מנוול, וויפל מאָל האָסטו אויף די מאָסקווער גאַסן צופעליק זיך אָנגעשטויסן אויפן אומגליקלעכן מאַן דײַנעם, וועמען דײַן אייגענע פאַרטיי האָט אַזוי אַכזריותדיק געפּײַניקט, ביז ער איז פון זינען אַראָפּ? אָבער ווי דערלויבט מען זיך צו באַליידיקן בײַ יענעם אין שטוב זײַנעם אַ גאַסט? — שלאָג איך זיך מיט דער דעה.

פּלוצעם רײַסט זיך אַרײַן אין איר שטראָם רייד מײַן מאַנס שטים:

„אפשר ווייסט איר עפּעס וועגן אײַער אשרן? ער איז מײַנער אַ גוטער באַקאַנטער... איר געדענקט, אין 1935 בין איך געווען צו גאַסט אין אײַער מאָסקווער דירה. איז אײַער אָשר שוין באַפרײַט פון לאַגער?״

— כ׳ווייס ניט! — האַקט זי גראָב איבער ניסנען, קוקט ניט אין קיינעמס זײַט און זינגט ווײַטער איר צביעותדיק לידל...

„איר ווייסט ניט? און מיר האָבן אים געטראָפן בײַ דער מאָסקווער שול זיצן און בעטלען אַ גראָשן!״ — האָט איר אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַרײַן ניסן און האָסטיק זיך אויפגעהויבן פון בענקל.

בײַם טיש איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז ס׳האָט אַזש אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן. אָבער נאָר אַ ווײַלע.

לענגער זיצן אין אירע דלת אמות איז געוואָרן איבער די כּוחות. די מענטשן וואָס זענען געקומען אויף דער מסיבה לכּבוד דעם סאָוועטישן גאַסט, זענען זיך שנעל פונאַנדערגעגאַנגען. בײַם ניט צוגערוימטן טיש זענען געבליבן זיצן די פאַרשעמטע בעל־הביתטע און איר אומפאַרשעמטער מאָס־קווער גאַסט.

זוכצעטל פון פערזאָנען

א

אַבטשוק, אַברהם 193, 194, 197
אַבראַמאָוויטש (קאַטשעגאַר) 91
אַבראַמאָוויטש 138
אוערבאַך (ניו־יאָרק) 56
אָוערבאַך 189
אָזאַרקאָוו 188
איוואַנאָוו 92
אַכטערמאַן, משה 170
אַלטמאַן 192
אַלידאַר 71
אַליעווסקי, בוזי 128
אַלעקסאַנדראָוו, הילל 106
אַלעקסאַנדראָווסקי, א. נ. 94
אַנצעוויטש 139
אַנשין 123
אסתּר — זען ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן, אסתּר
אַרקוש 168
אַש, שלום 23
אָשר — זען פּערלמאַן, אָשר

ב

באַראָן, מיראָן באַלקאָוויטש 135
באַראַדיאַנסקי, ליזע 153
באַרטשיאַניגאָוו, י.ד. 128
בורטיאַנסקי, י. 52
בורשטיין 190
ביינפעסט, י. 111, 124
ביינפעסט, מיכאל 180, 181, 182
ביעלאָסטאָצקי, מנחם 56
בלומבערג, ש. 203, 204, 205
בערמאַן, שיינקע 174
בן־דב, א. 25, 166
בראָדסקי 58
ברוך — זען הובערמאַן, ברוך
ברוק, ל. פּראָפ. 29
ברײַנין, ראובן 23
בריל, הערשל 68, 124, 125, 182, 183, 184
בריל, וואַליאַ 125
ברענער, ליבער 5, 208

ג

גאָלדינבערג, בוזי 46
גאָלדנבערג 56
גאָלדפּײַן, בנימין 45, 83, 86, 111, 153, 154, 188, 196
גאָלדפּײַן, וואַליע 196
גאָלדשטיין, גיושע 196
גאָמאַרניק 128
גאָראָדעצקאָ 70
גאָראָכאָוו, גרשון, 116, 151
גאָראָכאָוו, חיימקע 116
גאָראָכאָווסקי 193
גאָרדין 56
גאָריק (פייער) 172
גוטמאַן 196
גוסאָווסקי, חיים 45, 196
גוסאָווסקי, רבקה 45, 196
גוסין 121, 122
גורעוויטש 199, 200, 201
גיטערמאַן, שלמה 142
גלאַזמאַן 56
גלאָטשטיין 56

ד

דאָבין, הערשל 128
דאָמב 167
דאָנסקאָי, ר. 138

דוואָרקינאַ 45
דיאַמאַנט, אַריה 50
דיאַמאַנט, עמנואל 50
דיאַמאַנט, משה 49, 50
דימאַנשטיין, שמעון 75, 77, 103, 127
דימיטראָוו 169
דיקשטיין 98, 99, 121

ה

האַלקין 189
האָפמאַן 94
הובערמאַן, ברוך 30, 33, 37, 38, 40, 42, 43, 45, 62, 100, 121, 122, 177, 179
הערשל — זען בריל, הערשל

ו

וואַהלינער, מ. 49
וואָלאָברינסקי, אַהרן 102, 105, 106, 107, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 182, 211, 212, 213
וואַליאַ — זען בריל, וואַליאַ
ווײַנער, שמואל 170
ווײַנער־עפשטיין, מערי 168, 169, 174, 179
ווײַסמאַן, ברוך (דער אַלמוני) 178, 196
ווײַסמאַן, פאַליע 196
ווײַנטרויב, ה. 166
וויליאַמס (אַקאַדעמיקער) 29
וועלטמאַן, ב. 177, 180

ז

זאַבלודאָווסקי, אַלעקסאַנדער 45, 186, 187
זאַרסקי, מאַרישע 215
זוויעניגאָראַדסקי 120
זוראָווסקי, ל. 90
זייגערמאַכער 71
זעליק (עלעקטרמאָנטיאָר) 167
זשיטלאָווסקי, חיים 23
זשעזמער 83

ט

טאַדעליס. רעגינע 217
טאַטשענקאָ 94
טימיריאַזעוו (אַקאַדעמיקער) 29
טעמפל, מענדל 165
טען, אַנדריי 157
טרעפער, לעאָפאָלד 180
טשאַרני, מאַרקוס 182
טשומאַק 84
טשען 188
טשערניכאָוו, יוסף 23
טשערקאַס 70

י

יאַגאָדאַ 128
יעזשאָוו, ניקאָלײַ 195
יענוקידזע 36

כ

כאַדאַס 188
כאַווקין, מאַטוויי פאַוולאָוויטש 97, 98, 99, 100, 101, 102, 103, 104, 105, 107, 108, 109, 110, 113, 125, 128, 135, 142, 143, 144, 182, 184, 195, 196, 197, 199, 211, 212, 213, 214
כאַן 157
כאַראַש, וואָלף 168, 169
כײַמאָוויטש 56
כינטשין 151
כינטשין, אסתּרקע 116
כינטשין, גרשון 116
כינטשין, יונה 116
כמעלניצקי, מרים 152 ,

ל

לאָורענטיעוו 125
לאַנקין 147
לאַשאַקאָוו 93
לויצקער, חיים 116
לויצקער, מירעלע 116
לויצקער, שלומקע 116
לוצקי 56
ליבערבערג, יוסף, פּראָפ. 30, 36, 37, 38, 40, 42, 43, 45, 48, 62, 66, 99, 100, 101, 113, 114, 115, 116, 128, 132, 137, 143, 144, 177, 179, 182, 184, 192, 195, 196, 197, 198
ליבערבערג, ניושע 68, 69, 196
ליבערבערג, תּמר 196
ליבקנעכט, קאַרל 157
ליבערמאַן, סאָניע 182
ליושקאָוו, ה.ס. 163
ליטוואַקאָוו, משה 210
לייוויק 56
ליס, גאָלדע 154, 188
ליפּמאַן 49
ליפשיץ 190
ליפשיץ, שיפרה 172
לעדערמאַן, משה 215
לעדערמאַן, שׂרה 215
לעוואַרטאָווסקי, יוסף 214
לעוואַרטאָווסקי, רוטע 214
לעוויטאַן, מיכל 46, 119, 185
לעוויטאַן, משה 46, 119, 144, 185, 186
לעווין, שמואל יעקב 145
לעזשעדקאָ 190
לעיעלעס 56
לענין 18, 57, 59, 141
לערער 56

מ

מאַדזעלעווסקי, זיגמונט 215
מאַדלין, חוה 165
מאַלינסקי 120
מאַנינקאָוו 94
מאַרגאָליס, גוטע 152
מאַרקוס 111, 167
מאַרקס, קאַרל 106
מילער, בוזי 148
מעלאַמעד 188
משאַשטשענקאָ 148

נ

ניגער 56
ניסן — זען ראָזענטאַל, ניסן
ניעפּאָמניאַשטשי 142

ס

סאָטאָנאָווסקי 185
סאָכאַטשעווסקי, ראָזע 216
סוריץ, מ. 206
סטאַלין, יוסף וויסאַריאָנאָוויטש 18, 49, 57, 87, 102, 110, 122, 123, 130, 141, 160, 195
סטאָניק, גערלאָ 209
סיקולער, משה 169, 171
סמידאָוויטש, פּיאָטר גערמאָגאָוויטש 29

ע

עליאָוויטש, י. 45, 196, 213
עם, אַלעקסאַנדער 158
ענגעל 66
עריק, מאַקס 151

פּ

פּאַטשערעווסקי 120
פּאַנאָווע־שאַרגאַראַדסקאַיאַ 189
פּאַניעוויטש 120

פזשעמיסלאָווסקי, אַברהם 57
פזשעמיסלאָווסקי, חוה 57
פייסאַכאָוויטש 166, 168
פינסקי 56
פיקמאַן 120
פישטשיקאָוו 188
פלאָטקין 94
פעקער 52
פערלמאַן, אָשר 203, 204, 206, 207, 209, 210, 211, 212, 213, 214, 216
פערעצמאַן, א. 141
פערעצמאַן, י. 175, 176
פראַפּאָרט־ברון, מאַריאַ, 215
פרילוצקי, נח 207

פֿ

פֿאַליקמאַן, יחיאל 128, 172, 173
פֿוקס 165
פֿײַגנבוים 52
פֿײַנבערג 56
פֿײַער, י. 128, 171, 172, 173
פֿינקעלשטיין 150, 151
פֿיסענזאָן 56
פֿעדאָרקין 190
פֿרוסמאַן, ל. 52
פֿרידמאַן 166
פֿרידע אָסיפּאָווגע 69
פֿרישמאַן 52

צ

צאָן־טשען־לי 157
ציבענקאָ 91

ק

קאַגאַנאָוויטש, לאַזאַר מאָיסייעוויטש 143, 149, 211
קאַדישעוויטש, מ. 47
קאָוואַל 71
קאַזאַקעוויטש, הענעך 46, 62, 63, 184
קאַזאַקעוויטש, עמנואל 28
קאַלינין, מיכאַיל איוואַנאָוויטש 11, 36, 55, 170
קאַמאַראָווסקי 52
קאַנטאָר, יעקב (יאַנקל) 203, 204, 205
קאַפּילעוויטש, ב. 83, 187
קאַפּלאַן 183, 197
קאַץ 120
קאַציזנע, אַלטער 209
קאַרמאַן, נתן 45, 154, 188, 197
קאַשער 209
קאַשער, שׂרה 210, 214
קוזנעצאָוו 148
קוויטני 196
קים־דאָ־איך 156
קיסלידסקי 93
קיפּניס, איציק 50
קיפּניס, הינדע 50
קיראָוו 157
קלורפֿעלד, אַהרן 71, 72, 73,
קעלמאַן 83
קרעמער, ס. 91

ר

ראַבינאָוויטש, ישׂראל 45, 152, 153
ראָזין 165, 188
ראָזענבלום־הובערמאַן, רעגינע ד״ר 45, 65
ראָזענבערג 197
ראָזענטאַל, ניסן 25, 134, 154, 165, 196, 214, 215, 216
ראָזענטאַל־שנײַדערמאַן, אסתּר 87, 101, 113, 155, 196, 197
ראָזענטויל, גרישע 9
ראַטאָוו, א.פּ. 128
ראַשקעס, מיכאל 27
רייזען, אַברהם 56

רייזען, זלמן 23
ר—ן 25

ש

שאַץ 49
שאַץ־אַנין, מ. ד"ר 25
שוב, לייבע 173, 174
שוואַרצבאַרד, י. 178, 179, 180
שטאַרק, פּסח 208, 209
שטיין, ראובן 156
שטיף, נחום 43, 116
שטשופּאַק 52
שטשופּאַק, י. 52
שיף, חיים 45, 187
שיף, שיפרה 45
שירמאַנאָוו 91
שלאָסבערג 52
שמידט 165
שניידערמאַן אסתּר — זען ראָזענטאַל־שניידערמאַן, אסתּר
שניידערמאַן, ע. — זען ראָזענטאַל־שניידערמאַן, אסתּר
שעלקאָוניקאָוו 94

אינהאַלט

פֿאַר וואָס דווקא ביראָבידזשאַן 7

דער טעמפּער ווינקל 7
נאַציאָנאַליסטישע רעצידיוון און נאַיִווע פֿאַנטאַזיעס 22
ממש טויזנט און איין נאַכט 37
פּלעקן אויף דער זון 41
סעקציע פֿאַר ביראָבידזשאַן־קענטעניש 46
טערמינאָלאָגישע קאָמיסיע 50

אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט 55

פֿאַראַן מיט וואָס זיך צו פֿרייען 55
אַ צוועלף טויזנטקעפּיקער מיטינג אין ניו־יאָרק 56
דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט 60
„ביראָבידזשאַנער לופֿט מאַכט קלוג" 61
אַ לעבל ברויט, אַ מעסטעלע זאַלץ און אַנדערע קלייניקייטן... 64
מ'ווינט... 69
זריעה 73
אין סטאַלינסקער ראַטווירט 75
יעגערײַ 77
„מײַן האָבי" 78
שולן, קינדער־גערטנער, פּעדאַגאָגן און פֿאַרשעמטע ספֿרים 80
מ'האָט אונדז פֿײַנט 89

פֿונעם לעבן אין ביראָבידזשאַן 97

דער ערשטער אויפֿנעם 97
אויפֿן געגנטלעכן לערער־צוזאַמענפֿאָר 97
כ'ווער געשיקט אין שליחות 102 98
מאַטוויי פּאַוולאָוויטש כאַוקין און אַהרן וואָלאָברינסקי 102
ייִדישע קולטור־טרעגערס און ייִדישע שולן 113
טראָפּעלעך פֿרייד 117
דער נײַער וואָקזאַל 120
אַ וואַכנאַכט אין ביראָבידזשאַן 122
„דער שונא בײַ די טויערן" 126
ביראָבידזשאַנער גרענעץ־אָטריאַד 128
אינצידענטן בײַ דער גרענעץ 129
שפּיאָנאַזש־היסטאָריע 130

133 טאָרבעלער
136 אויפגעצוווּנגענע רוסיפיקאַציע
137 די באַשטימונג פון 29סטן אָקטאָבער 1935
138 אין אַ צוזאַמענוווינונג
138 אין די לערן־אַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע
140 געשעפט־פירונג
140 באַרג־אַראָפּ
142 אויף דער פּאָסט
142 צביעות
143 נאָך ליבערבערגס אַרעסט
144 סך־הכל
145 קאַמף קעגן רעליגיע
148 אַ מעשׂה מיט אַ ברית
149 קאַמף קעגן ציוניזם
151 די מוילפּאָסט
152 אַ חבר נעמט מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט
153 אין די ווענט פון ביראָבידזשאַנער נ.ק.וו.ד.
155 די אויסגעליידיקטע פּאַנזעס

165 **רעקוויעם**

165 שאַפן אַ לעקסיקאָן און שאַפן אַ דענקמאָל

177 **פּאַרטיליקטע ביראָבידזשאַנער**

189 די 44 צעשאָסענע אײַזנבאַנערס
193 די מהומה אַרום דער פּרשה אַבטשוק
199 שוין בײַם בראשית

203 **דער בעטלער**

217 **זוכצעטל פון פּערזאָנען**